STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05763

ZOGT DI VELT A MOSHL

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ל. אָליצקי

זאָגט די וועלט א משל

ל. אָליצקי

זאָגט די וועלט א משל

יובילײ-אויסגאבע

L. OLICKI

BAJKI

Redaktor: D. SFARD

רעדאַקטאָר: ד. ספֿאַרד

Okładkę projektował: I. REJZMAN

הילע געצייכנט: י. רייזמאַן

Stronę tytułową projektował: F. ZAWIDOWICZ

שער־בלאַט געצייכנט: פֿ. זאַווידאָוויטש

Wydawnictwo „Idisz Buch"
Warszawa, Nowogrodzka 5

Zam. Nr 6439. Nakład 5000. Druk ukończono w październiku 1956 r.
Ark. druk. 22, ark. wyd. 14. Papier druk. sat. III kl. 61 x 86 cm. 70 g.
Druk. RSW „Prasa", Warszawa, Tarczyńska 8. B-7-53075.

* * *

שוין דער נאָמען פונעם בוך — „זאָגט די וועלט א משל“ — זאָגט אויס דעם לייענער דעם אויטאָרס כוונה אריינצופירן אים, דעם לייענער, אין דעם משל־זשאַנער אין זיין פילפעלקערלעכער אַנטפּלעקונג דורך זייערע שעפערישע יחידים. דאָס בוך זאָל שאפן, אַזוי צו זאָגן, א פרידלעכע מסיבה פון פעלקער אויף א געוויסן געביט פון דער וואָרט־קונסט.

דער אויטאָר גופא שאפט זיך נישט קיין אילוזיע, ער זאָל האָבן דעם ציל, וואָס ער האָט זיך געשטעלט, דערגרייכט. אַ סך משלים־דיכטער פון פאַרשיידענע פעלקער זענען אויסגעבליבן צוליבן מחברס זייער קנאַפּע שפּראַכן־קענטעניש. פאַר די פאַרליגנדיקע משלים — צווישן זיי אדעקוואט איבערגעזעצטע, אויף וויפל איבערזעצונגען קאָנען און מעגן זיין אדעקוואט, און פריי איבערגעדיכטעטע — האָבן אים געדינט בלויז דריי שפּראַכן: העברעיש, פויליש און רוסיש. אַזוי אַז אַ סך איבערזעצונגען זענען געמאַכט געוואָרן נישט פון זייערע אָריגינאַלן. חוץ דעם האָט דער אויטאָר געהאַט אין זיין רשות אַ גאַנץ קנאַפּע צאָל משלים־ביכער, כדי צו קענען מאַכן אַ בעסערן קינסטלערישן און צילגעווענדטן אָפּקלייב. די צופעליקייט האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָל.

דער אויטאָר איז געצוווּנגען זיך צו באַפרידיקן דערמיט, וואָס ער האָט דאָך דערגרייכט לויט זיינע באַשיידענע קינסטלערישע כוחות און דער גאָרער באַגרענעצטקייט אין אלע הינזיכטן.

די רעם צו דער פילפעלקערלעכער משלים־זאמלונג איז א יידישע; דער יידישער משל־זשאַנער איז דאָ רעפּרעזענטירט: אין אָנהייב פון דעם בוך — מיט א צאָל פאַרייִדישטע משלים פון דער העברעישער משלים־דיכטונג, און צום סוף בוך — מיט אַ צאָל אָריגינעל־יידישע פונעם אויטאָר גופא. זאָל דאָס לעצטע אים נישט גענומען ווערן פאַר אומגוט, ווי אן אומפאַרציילעכע אומבאַשיידנקייט: ער האָט דאָך נישט געקאָנט אין ז יי נ ס אַ בוך אריינשטעלן פרעמדע משלים, אין וועלכע ער

האָט נישט דעם מינדסטן שעפערישן שותפות; חוץ דעם, איז אין די אייגענע משלים פֿאַראַן פֿאָלקסטימלעכע, געווידמעט אונדזער גרויסן פֿאָלקס־שרייבער שלום־עליכם צו זיין פערציקסטער יאָרצייט, אין וועלכע דער אויטאָר איז בלויז אַ שותף צו אונדזער פֿאָלקסשאפונג.

די לייענער, וועלכע זענען גערן צו באַקענען זיך מערער מיטן יידישן משל אויף יידיש, זאָלן זיי אים נאָכזוכן אין די ווערק פון אונדזערע משלים־שרייבער: ד״ר שלמה עטינגער, רב מרדכילע (חיים טשעמערינסקי), יהואָש, אליעזר שטיינבאָרג, נחום יוד (נ. יערוזאלימטשיק), פישל בער ראַוויצקי, משה שולשטיין, פרץ מיראנסקי, ב. גוטיאַנסקי, ה. הירש, ה. י. פאַרבער און א. מיעדניק, וואָס מוסטערן פון זייערע משלים קאָן דער לייענער געפינען אין דעם משלים־ביכל „דימענטן פאַר אַלע״, געזאַמלט דורכן אויטאָר.

ל. אַ.

פון דער העברעישער משלים-דיכטונג

„דעם משל האַלט נישט פאַר גרינג.
מיט אַ גראָשן-ליכטל זוכט מען אַמאָל אָפּ
אַ פאַרלוירן גאָלדן רענדל אָדער אַ טייערן
פערל, און דורך אַ לייכטן פשוטן משל
באַנעמט מען אַמאָל דעם טיפסטן געדאַנק".
פון דער אגדה.

פאַר די זינד פון די טאַטעס

— גוט מאָרגן, פוקס! כ'בין הונגעריק אַ גוואַלד! —
אַזוי באַגריסט דער וואָלף דעם פוקס אין וואַלד.
דעם פוקס לויפט דורך אַ דריבנער ציטער:
„דער וואָלף איז הונגעריק... ס'איז ביטער!..."
— הער אויס, מיין ליבער פריינד, —
צעשמייכלט זיך דער פוקס, לפנים גאָר צופרידן —
סע איז דאָך ערב שבת היינט,
און דאָ נישט ווייט אין דערפל וווינען יידן,
זיי גרייטן צו אויף שבת פעטע גוטע שפייז
און דאַרפן הילף... זיי וועלן פיין דערפאַר באַלוינען, —
איז לויף זשע גלייך אַהין, כל־זמן ס'איז צייט, באַוויז,
דו זאָלסט די כוחות דיינע איצט נישט שוינען... —
די לעצטע ווערטער האָט דער וואָלף שוין נישט דערהערט —
ער לויפט, און ס'לויפט פון אונטער זיינע פיס די ערד.
ער איז אַריין אין דערפל היים־פאַרסאַפעט,
דער שווייס, ווי רעגנטראָפנס, פון אים קאַפעט,
און זע נאָר!... און —
און אויף זיין בראָך אַן עדות איז געווען די זון:
מיט הרגעגלעך האָבן אים די ישוב־לייט באַגעגנט,
מיט בריקן רוק־און־לענד זיי האָבן אים געזעגנט...
ער איז אַנטלאָפן מיטן בלוטיקן געדאַנק:
„קוים טרעף איך אים, דעם פאַלשן פוקס, איך וועל אים עקן!"
נאָר וואָס? ער איז געווען אַזוי צעבראָכן, קראַנק,
אַז ס'האָט שוין נישט דער פוקס זיך וואָס צו שרעקן.
און אויף זיין קלאָגעריי ער זייעט דורך די ציין:

— הער אויס מיך, וואָלף, געדולדיק.
נישט איך — ס'איז דיין טאַטע שולדיק,
וואָס מ'האָט געבראַכן דיר אַ ביין:
אויך ער האָט איינמאָל ערב שבת זיי געהאָלפֿן,
איז וואָס זשע האָט זיך אים פֿאַרגלוסט, רב וואָלפֿן?
אַראָפּצילאַטכענען פֿון טיש די בעסטע שטיק...
— פֿאַר אים גאָר?! — און ס'ע גליט ביים וואָלף דער בליק.
— פֿאַר אים... איך בין זיך, פֿריינד, נישט טועה.
און חדר נאָך דער רבי גיט זיי צו פֿאַרשטיין:
„די טאַטעס עסן פֿרוכטן רויע,
און הייליק ווערן ביי די זין די ציין...”

ווי אין פסוק שטייט...

נאָך האַלבער נאַכט דערהערט דער פוקס דעם וואָלפס געהויל:
— כ׳בין הונגעריק!... כ׳בין דורשטיק!... בלוט!... —
לויפט דורך דעם פוקס אין אינגעווייד אַ קאַלטער גרויל:
„ער איז אויף פוקסנפלייש אַ בעלן!
אַ, העלפט מיר — כיטרעקייט און מוט!
אויב נישט, בין איך פאַרפאַלן!"
דער פוקס נעמט לויפן, לויפט פאַרויס און שרייט אויף צוריק:
— לויף נאָך! כ׳האָב אויסגעקוקט פאַר דיר אַ פעטע שטיק, —
קיין בעסערס אויף דער וועלט איז נישט פאַראַנען! —
ביים עק פון דאָרף אַ ברונעם אויסגעטריקנט איז געשטאַנען;
צוויי עמערס הענגען איבער אים, פאַרבונדן מיט אַ שטריק,
אַן אָנגעדרייטן אויף אַ קלאָץ אַ ראָדן.
סע טוט דער פוקס אויף איינעם זיך אַ כאַפּ אַרויף, —
דאָס עמער טוט אַ לאָז אַראָפּ זיך מיט געלויף
און מיטן פוקס איינעם ווערט פאַרשוואונדן.
דער וואָלף לויפט אונטער, טוט אַ לעצטן שפּרונג
און פאַר די צאַמבריגעם סאַלאָפּעט אויס די צונג:
„אַליין זיך וואַרפן און צעברעכן זיך די ריפּן?!...
נאָר הער... ער טשמאָקעט, האַכט זיך, מיט די ליפּן?...
צי לעבט ער נאָך? ס׳איז פּשוט דאָך אַ נס!..."
— וואָס טוסטו דאָרטן, פוקס?
— איך עס.
— דו עסט? וואָס עסטו?
— פלייש און פעטן קעז.

— וואָס פלאפלסטו? אַזעלכעס ווי געשיקט זיך?
— איך עס און האָב שוין רעכט דערקוויקט זיך...
דו גלייבסט מיר נישט? אָט קוק צו מיר אַראָפּ,
דאָס קוקן איז דאָך נישט קיין שום סכנה... —
ער פאָלגט. באמת — אויפן דנאָ האָרט ליגט א קעזל, ווי א קאָפּ...
(ס'האָט איינעם פלאַכן וואַסער זיך געשפּיגלט די לבנה).
— איז ווי, מיין טייערער, דערקריגט מען זיך צו דיר אַרונטער?
איך בעט דיך, חכם, גיב אַן עצה, האָב רחמנות!
(און וועגן פוקס סע האָט דער וואָלף נישט־ערלעכע כוונות...).
— גאַנץ פשוט, ליבער, טו א כאַפּ זיך פארן עמער... מונטער!
ס'איז בלויז אַ קליינינקער שפּאַציר,
און באַלד ביסטו פונאונטן לעבן מיר. —
סע פאָלגט דער וואָלף. ער איז שוין אונטן. נאָר דער פוקס — פון אויבן:
די וואָג פון וואָלף האָט מיטן צווייטן עמער אים ארויפגעהויבן.
— נישטאָ דער פוקס!... נישטאָ קיין פליש!... נישטאָ קיין קעז!...
כאָטש צי זיך אויס — אַ מת! —
צעוואָיעט זיך דער וואָלף און נעמט אים שעלטן —
אַ קללה אין דיין מאַמעס טראַכט,
וואָס האָט דיך אויף דער וועלט געבראַכט!
פאַרשאָלטן זיי, צבֿועק, אויף ביידע וועלטן! —
סע טוט דער פוקס א קוק אַראָפּ צום וואָלף און זיך צעלאַכט:
— ווי פילט איר זיך, רב וואָלף? נישקשה? —
ער פינטלט כיטרע־שפּאָטיש מיט אַ ברעם. —
ס'איז ווי אין פסוק שטייט: „דער צדיק גייט אַרויס פון קלעם,
און אים פאַרטרעט דער רשע״.

וואַרשע, מערץ, 1956

פון רבי יהושע בן לוי

דער קאָפּ און דער עק פון דער שלאַנג

דער עק פון דער שלאַנג האָט זיך איינמאָל צעטענהט צום קאָפּ:
— ווי לאַנג איז דער שיעור — די אייביקער זאָלסט פירן?
גענוג! כ׳זאָג זיך אָפּ!
כ׳וועל מער פונעם אָרט זיך נישט רירן! —
דער קאָפּ האָט דערזען, אַז ס׳איז שלעכט:
מיט ווערטער דעם עק וועט ער קלוגער נישט מאַכן, —
גיט אָפּ ער דעם ווידל גערעכט,
הגם ס׳איז צו וויינען און לאַכן:
— נו, לאָזט זיך, רבּ ווידל, פאָרויס,
און איך וועל נאָך אייך זיך שוין רירן. —
דערפילט זיך דער עק משה־גרויס,
און טוט זיך אַ לאָז — ער וועט פירן!
ער שלענגלט זיך, שלעפּט זיך און ציט;
דער קאָפּ שלעפּט זיך נאָך ווי אַ סטאַטיק
פּאַמעלעך, באַדענקט און באַהיט...
אין אָנהייב די זאַך גייט זיך גלאַטיק,
נאָר אָט־אָ — אַ בראָך! —
פאַרקראָכן דער עק אין אַ לאָך...
נאָך נסים,
אַ גליק:
ס׳באַווייזט נאָך דער קאָפּ — טוט אַ ריס אים,
און ציט אים אַרויס אויף צוריק.

— כ׳פיר ווייטער! —
מיט נאַרישער חוצפה דער ווידל שרייט אויס,
די ריכטונג בלויז בייט ער
און לאָזט זיך פאַרויס!
ער שלענגלט זיך, שלעפּט זיך און ציט זיך
פאָרויס אַלץ און גלייך;
דער קאָפּ שלעפּט זיך נאָך אים און היט זיך,
ביז פּלוצעם — אַ פּוץ אין אַ טייך!...
דער קאָפּ מיט די כוחות די לעצטע
זיך ראַטשקעוועט, שלעפּט אים אַרויף אויפן ברעג;
זיי ליגן א רגע פאַרמאַטערט, פאַרשוויצטע, פאַרנעצטע,
נאָר ס׳גיט זיך נישט אונטער דער עק:
— כ׳פיר ווייטער! —
און ווידער די ריכטונג בלויז בייט ער —
פאָרויס געמאַרשירט! —
אין פעלד אָבער טליעט אַ פאַסטעכער־שייטער, —
אַהין האָט די בלינדקייט דעם ווידל פאַרפירט
און — פּוץ אינעם פייער!
דער עק צינדט זיך אָן ווי א קנויט...
דער קאָפּ האָט באַצאָלט שוין איצט טייער:
סע מיידט שוין אויך אים נישט דער טויט.

וואַרשע, 1טער מאַי, 1956

פון רב ברכיה הנקדן

דאָס הינטל מיטן גלעקל

ס׳עס האָט אַמאָל געהאַט אַ פּיצל הינטל אײנער.
דאָס הינטל — פּיצל, נאָר מיט גרױסע שאַרפֿע צײנער.
ס׳עס פֿלעגט נישט בילן, פֿלעגט נישט אױפֿן קול זיך רײסן,
נאָר אָנפֿאַלן בגנבֿה און ביז װײטיק בײסן.
דער באַלעבאָס האָט אױפֿגעהאָנגען דעם אַ גלעקל.
דאָס הינטל האָט פֿאַרריסן הױך אַרױף דאָס עקל:
— אַ װאַרע מאַכט פֿאַר מיר, װען כ׳לאָז מײן גלעקל הערן!
כ׳בין חשובֿער, נישט נאָר פֿון הינט — פֿון װעלף און בערן!
— אָ, קלײנער שוטה! דו פֿאַררײסט אומזיסט דאָס עקל, —
האָט הערן אַ זאָג געטאָן אַן אַלטער הונט — דאָס גלעקל
באַפּוצט דיך נישט צוליב די מעלות-טובֿות דײנע,
נאָר װײל מע שטעלט אַרױס דײַן באַלעבאָס אַ טענה:
נישט אײנעם האָט דײַן הינטל שױן אומזיסט צעביסן, —
אַצינדער גיט דאָס גלעקל װעגן דיר צו װיסן.
מע װעט דיר נישט קײן כּבֿוד אָנטאָן, נאָר דיך מײַדן,
און אײב שױן יאָ דאָ דורכגײן — מיט אַ שטעקן סײַדן.

דער גאַװהדיקער מענטש צעליגט אַמאָל אױף טעלער
מיט שטאָלץ גראָד דאָס, װאָס װײַזט, אַז ער פֿאַרמאָגט אַ פֿעלער.

װאַרשע, יאַנואַר, 1955

אַ מענטשנס דאַנק

אַ שטעטלדיקער ייד,
אין פּראַקטישע ענינים נישט געניט,
האָט איינמאָל אויפן מאַרק אַ טאָפּאָריסקע איינגעהאַנדלט.
די טאָפּאָריסקע האָט אַן אָנגעשטאָלטע שאַרף,
אַ טאָפּאָריסקעלע — אַ נחתל! נאָר ס'האַרף
אַ שטיל, צו ווערן אין אַ האַק פאַרוואַנדלט.
און, מיט זיין איינגעקויפטן חפץ שטאָלץ,
ער פרעגט זיך נאָך: — פון וואָסער האָלץ
צום בעסטן איז די שטיל צו מאַכן,
ס'זאָל זיין־אי שטאַרק אי פיין?
— נאַטירלעך, — זאָגט מען אים — פון פעסטן, נישט פון שוואַכן.
— למשל?
— נו, פון דעמבן־האָלץ זאָל זיין. —
אַזוי? ביי אים אין סעדל איז אַ דעמבעלע פאַראַנען!
ביז היינט אַן קיינע נוצן טאַקע האָרט געשטאַנען.
זעגט אָפּ ער פונעם דעמבעלע אַ צווייג און מאַכט די שטיל.
די האַק איז פאַרטיק! און מיט גרויס געפיל,
זיך וועלנדיק ווי גוט די שטיל איז איבערצייגן,
האַקט אָפּ פון דעמבעלע אַ צווייג, אַ צווייטע — אַלע צווייגן.
— אָווואַ! — באַוווּנדערט ער, און ס'פאַלט אַראָפּ אים פונעם מויל —
ס'וועט קיין שום האָלץ דאָס דעמבעלע נישט איבערשטייגן,
אַ דאַנק דיר, דעמבעלע! — דעם דעמבעלע נעמט דורך אַ גרויל:
ווי אומעטיק סע איז צו שטיין אָן צווייגן, נאַקעט־הויל,
און קלערן וועגן מ ע נ ט ש נ ס דאַנק, וואָס מ'האָט פאַר גוטס געקריגן! —
צעווייטיקט האָט דאָס דעמבעלע געשווידערט און געשוויגן.

וואַרשע. יאַנואַר, 1955

דער בוים און דער טשערעט

אַ בוים איז געשטאַנען ביים ברעג פֿון אַ טייך.
געשטרעקט צו דעם הימל און תמיד נאָר גלייך:
— איך שטיי מיר אַזוי, ווייל אַזוי מיר געפֿעלט!
איך בייג נישט דעם קאָפּ פֿאַר קיין מאַכט אין דער וועלט!
רעד, ווינט, מיר נישט איין און מיר נישט איבערצייג,
איך וועל נישט פֿאַרנייגן אַפֿילו קיין צווייג.
און טוען די בלעטלעך אַ בייג זיך, אַ ציי —
דאָס רויש איך: איך שטיי! ס'איז אומזיסט אייער מי!... —
נאָר איינמאָל — פֿון רוים איז אַ וויכער אַראָפּ,
אַ דריי און אַ פּליק אונדזער בוים פֿאַרן קאָפּ,
אַ שליידער דורך דונער און בליץ אים אין רוים
און — פּלוצעם דערזעט אויפֿן טייך זיך דער בוים;
ס'טראָגט לייכט אים דאָס וואַסער, ווי שווער ער איז, גרויס,
און וויגט אים אַזוי ווי אַ שפּאָן אויף זיין שוים;
פֿונפֿאָרנט אַ העלפֿט איז אין וואַסער זיין קאָפּ,
פֿונהינטן זיין וואָרצל הענגט נאַקעט אַראָפּ;
ווי ער איז געפֿאַלן! אין האַרצן די שאַנד
איינמיטן דעם וואַסער אים פֿרעסט ווי אַ בראַנד.
און איינמאָל דערהערט ביי דעם ברעג דער טשערעט —
דער בוים, אַ פֿאַרשמאַכטער, צו אים טאָקע רעדט:
— דו שטייסט! וויאַזוי? איז געשען דיר אַ נס?...
דו קוקסט אויף מיר שטאָלץ, ווי איך שווים ווי אַ מת...
— צו וואָס קוקן שטאָלץ? ס'איז קיין נס נישט געשען.
איך בין מיר באַשיידן, ווי תמיד געווען.

ווען ס'האָט מיר דער שטורעם געדראָט מיט זיין שווערד,
איך האָב זיך געבויגן גאָר טיף צו דער ערד,
(זיך ק יי נ מ אָ ל נישט בייגן קאָן סיידן אַ נאַר),
און ווען ס'איז אַריבער די בייזע געפאַר,
איך האָב זיך צוריק אויף די פיס באַלד געשטעלט
און פריי זיך אויפסטיי מיט דער זון און דער וועלט. —
ערשט איצט האָט באַנומען דער בוים — אָט דער האָלץ,
אַז ע ר איז אַ קרבן פון אייגענעם שטאָלץ.

וואַרשע. 1955

דער פויגל און דער קרוג

אַ פויגל אין הימל, פאַרמאַטערט פון פליען,
צו דרערד טוט אַ שוועב מיט אַ שווונג.
פון אָנשטרענג די פליגל אים גליען,
ער חלשט אַ טרונק.

ער קוקט זיך אַרום: נישט קיין טייך, נישט קיין טייכל,
בלויז זאַמדן, אויך שטיינדלעך געננג.
נאָר זע — ס׳האָט דאָ עמעץ פאַרגעסן אַ קרוג
מיט... וואַסער אין בייכל!

פון פרייד ציטערט אויף ער, כאָטש הייב אויף דאָס קול,
צעלאָז זיך מיט לויב און געזאַנגען!
נאָר ווי אים: דאָס העלדזל פון קרוג איז שמאָל־שמאָל,
און ס׳קאָן נישט דער שנאָבל צום וואַסער דערלאַנגען.

ווי זאַמדיק און שטייניק אַרום ס׳איז די וואָר,
אַזוי איז דאָס וואַסער אין קרוג לויטער־קלאָר
און בעט זיך, ער זאָל עס געניסן.
„נאָר ווי? — טראַכט דער פויגל — ווען איך זאָל דאָס וויסן!״

דער פויגל שטייט קוים אויף די פיסלעך פאַרשמאַכט,
נאָר לעבעדיק אַרבעט זיין קעפּל און טראַכט,
און פּלוצעם — דער פויגל צעלאַכט זיך:
געטראַכט, און דערטראַכט זיך!

ער זוכט מיטן שנאָבל גאָר קליינינקע שטיינדעלעך אויף
און איינציקווייז וואַרפט זיי דעם קרוג אינעם העלדזל, ווי פּילן;
אַט הייבט זיך דאָס וואַסער אַלץ העכער און העכער אַרויף,
אַט איז עס ביים ראַנד, און ער קאָן שוין דעם דורשט זיינעם שטילן!

אין ווייט לאָז זיך פירן פון מוט און פאַרשטאַנד,
און ס'וועט דיר דאָס לעבן דערלאַנגען די האַנט.

וואַרשע, 1955

די מויז, די זשאַבע און דער רויבפויגל

אין דרויסן, הינטער א געביידע פון א מיל,
אַנטקעגן זון און שטראַלן־שפּיל,
געזיצן איז אַ מויז, צופרידן פון איר לעבן,
געאָטעמט פריי און מיט די וואָנצעלעך באַוועגט.
אַ זשאַבע שפרינגט פאַרביי, בלייבט שטיין אין שאָטן דאָ דערנעבן,
און בלאָזט פון זיך, און בלאָזט, און פרעגט,
ווי כלומרשט מיט דער צאַרטקייט פון אַ מוטער:
— קוואַ־קוואַ! פונוואַנען קומט צו דיר אַזאַ מין פוטער?
ווי זייבער און ווי העל!
און בלענדט די אויגן מיטן ווייסן;
דו זאָלסט עס קיינמאָל נישט געזונטערהייט צערייסן!
— ס'איז בלויז דער שטויב פון מעל, —
די מויז איר פּיפּסעט שטיל, באַשיידן —
קיים טוט אַ בלאָז אויף מיר אַ ווינטל, ווער איך גרוי... —
די זשאַבע בלאָזט זיך: — קוואַ... אַזוי, אַזוי...
נאָר אויסגעפּאַשעט ביסטו, ווי וואָלסט קומען פון גן־עדן.
— נו, ווי געוויינלעך אין א מיל,
וווּ שפּייזן זענען דאָ פאַרשיידענע און פיל;
נישטאָ, וואָס אמת איז, אויף מאַנגל זיך צו קלאָגן. —
די זשאַבע פּילט: פון קנאה ווערט זי אַזש צעטראָגן!
פון קנאה פּיקט זיך אויס אין קאַלטן האַרץ אומזיסטער האַס,
און זי פאַרטראַכט שוין — פון דער מויז נקמה נעמען.
— איז וואָס זשע, — פרעגט זי — שטייסטו אויף דער גאַס?
איז שיין אַזוי דען אַ גן־עדן צו פאַרשעמען? —

און יעטע פיפּטעט: — וויכט, פּאַרוואָס?
ווייל איך בין דאָרטן נישט דער גאַנצער באַלעבאָס.
סע דרייען זיך דאָרט רעדער, מענטשן-פּיס דאָרט גייען,
אַ טומל, אַ האַרמידער, אַ גערודיש, —
נו, ציטערט אויף דאָס הערצל פון אַ מויז,
פון פּחד נעמט אַמאָל אין בייכל דרייען,
און ס'גלוסט זיך דאָך נישט תמיד ליגן ביי דער ערד אין שויס,
אין נאָרע, כאַפּט מען פּונעם... גיהנום זיך אַרויס,
כאָטש פול איז דאָרט די שיסל,
פון רו און שטילקייט צו געניסן אויף דער פריי אַ ביסל.
— אַזוי?... זאָל מיר זיין פאַר דיין קעפּל, ליבע מויז!
קוואַ-קוואַ, האָרך אויס:
איז אויף כפּרות טויג עס דיר, דאָס טומלדיקע הויז!
צי וואָלט נישט גלייכער זיין פאַר דיר, מיט דעם זיך שיידן?
אויף יענעם ברעג פון טייך, ווו מיין משפּחה וווינט,
וואָלסטו געווען געאַכטעט און געקרוינט;
און דאָרטן, זאָג איך דיר, איז קוואַקע-טאַקע אַ גן-עדן!
פאַר יעדן אָנגעגרייט פון כל-דאָס-טוב,
נישטאָ קיין רעדער דאָרט, קיין מענטשן-פּיס, קיין שטיבער,
נאָר שפּייז, און רו, און שטילקייט... אָט-אָ מאַך אַ פּרווו
און קום צו אונדז אויף זון און גרינס אַריבער;
עס איז ביי אונדז אַ לאַנד אַזאַ,
אַז וועסט עס נישט באַדויערן, מיין ליבע...
קוואַ-קוואַ!
און צווישן בלעטער, וואַסער-ליליעס און טשערעטן
שפּאַצירן אום, דאָס הייסט עס שפּרינגען אונדזערע פּאָעטן
און זינגען-קוואַקען קוואַקע-איין און קוואַקע-אויס...
— וואָס קומט אַרויס? —
באַדויערט שוין די מויז —
כ'בין נישט קיין שלעכטער לויפער (כ'מיין נישט זיך הערמיט באַרימען),
נאָר לויפן קומט דאָך נישט צו שווימען,
און צום גן-עדן דיינעם ליגט אינמיטן דאָך דער טייך...
— קוואַ-קוואַ! דאָס נעם איך שוין אויף זיך. מיר וועלן
צוזאַמען איבערשווימען... קאָנסט אויף מיינע כוחות שטעלן.

נו, קום. וועסט זעען. — און זיי לאָזן זיך אַהינצו גלייך.
געקומען, האָט די זשאַבע צו אַ פּיסל אירן צוגעבונדן
דאָס עקל פון דער מויז און — שפּרונג אין טייך...
די מויז האָט זיך גענומען טרינקען גלייך,
און נאָך אַ רגע וואָלט זי שוין געווען פאַרשוואונדן.
ווי פּלוצעם האָט אַ רויבפויגל דערזען זיי פון דער הייך...
די זשאַבע גלאַטיק איז, איר פלייש געשמאַק און ווייך —
אַ שוווּנג, אַ בליץ אַראָפּ און אַ דערהגרייך,
און אויף צוריק אַ הייב זיך אין דער הייך —
ער טראָגט די זשאַבע אין דער נעסט געניסן.
דערווייל געוואָרן איז דאָס קניפּל פונעם עקל לויז,
און ס'האָט די מויז
פון פּיסל פון איר גוטנפריינד זיך אָפּגעריסן
און מיט איר לעבן, וואָס געהאָנגען אויף אַ האָר,
זי איז אַוועק צו אַלדי גוטע יאָר.

דער מענטש, וואָס גראָבט אַ גרוב אויס פאַר אַ צווייטן,
אַליין אין איר אַריינצופאַלן זאָל זיך גרייטן.

וואַרשע. פעברואַר, 1955

פון רב יוסף אבן זאבארא

פריינדשאפט צווישן אַ לייב מיט אַ פוקס

ס'האָט דער פוקס נאָכנישט קיינמאָל ביז היינט
פאַרמאָגט אַזאַ פריינד,
ווי דער לייב איז אים לעצטנס געוואָרן.
נאָר ער האָט נישט קיין צוטרוי צו אים,
דער פוקס צו דעם לייב, ווייל אין צאָרן,
באַהערשט פון זיין בלוט, פון זיין שטים
(ער קאָן אים, דעם חייבער, ער קאָן אים!),
איז דער לייב שוין צו קיינעם נישט גוט —
פאַרצוקט ער די פריינד ווי די שונאים
און זויפּט זייער בלוט...
ווי ווערט מען וואָס שנעלער אים פּטור?!
און דער פוקס האָט אַ פּאָרטל פאַרטראַכט:
גענומען אויף קאַפּוויטיק קלאָגן זיך האָט ער.
דער לייב לעם זיין בעט האָט געוואַכט,
וויאַזוי אים צו העלפן געטראַכט:
— מיט וואָס דיר פאַרלייכטערן, ליבער?
— מיין פריינד, — זאָגט דער פוקס אים — די פיס בינד מיר אָפּ,
און מיין פיין וועט אַריבער —
דער ווייטיק אַרויס וועט פון קאָפּ... —
האָט דער לייב אים אין פריינדשאַפט געבונדן,
און זע — ס'איז דער ווייטיק פאַרשוונדן!...
דאָס פּנים ביים לייב זיך צעשיינט,

אַ גליקלעך־צופרידענער זאָגט ער:
—נישט בלויז ביסט א חכם — אַ דאָקטער,
מיין פריינד! —
דער לייב האָט דאָס היילמיטל לאַנג נישט פאַרגעסן.
און איינמאָל — זיך איבערגעפרעסן,
די קישקעס אים דרייען אין בויך, —
צעברילט ער זיך: — ווי מיר און ווינד מיר!
נעם, פריינד, און די פיס מיינע בינד מיר,
דער ווי זאָל אַוועק ביי מיר אויך... —
דער פוקס האָט אים פריינדלעך געבונדן.
נאָר ווי! ס׳איז דער ווי נישט פאַרשוואונדן,
ער פייניקט אים ביז צו געוויין:
— ס׳איז, פריינד, מיר א רגע צום שטאַרבן!... —
דער פוקס כאַפּט אַ שמייך:
— אַזוי ווי דו זאָגסט וועם אַליין... —
און פלעגט אים דעם שאַרבן.

וואַרשע, אַפּריל, 1956

פון י. ל. גאָרדאָן

די רויז, דער שמעטערלינג און די זון

ס׳האָט אויף אַ רויזנקנאָספּ אַ ציטער־שטראַל געשפּילט זיך.
„איך בין שוין אויסגעצייטיקט!״ האָט דער קנאָספּ דערפילט זיך,
צעעפנט זיך, דערזען מיט פרייד די בלויע ווייטן, און —
אַ פאַרבן־הימען זינגט די רויז די יונגע צו דער זון:
— דו ביסט די מוטער פון דער ערד אין רוים העם פרייען.
דו שפּייזט מיט וואַרעמקייט און ליכט, און מיר געדייען.
איעדער מיט זיין זאַפט און בליעכץ, פאַרעם און קאָליר
פאַראייניקט זיך צום כאָר, וואָס לויבט דיך, יובלט אויף צו דיר. —
אַ שמעטערלינג האָט צו דער רויז זיך אָנגעטראָגן
און לייכטזיניק דערוועגט זיך איר צו זאָגן:
— די זון איז גרויס און הויך, און דו ווי קליין, און וואַקסט אויף שטויב, —
צי וועט זי צוניגן איר שטאָלצן אויער צו דיין לויב? —
האָט גלייך א שפּיל געטאָן א שטראַליקער שליח
אויף אירע בלעטלעך: — פון די העכסטע ספערן פלי איך
און ברענג דיר פון דער זון מיט שנעלקייט פון געדאַנק
אַ גרוס אַ גאָלדענעם און אויך אַ דימענטענעם דאַנק:
„איך האָב פאַרנומען, רויז, דו טאָכטער מיינע, דיין געזאַנג!
איך בין מיט אַלע אייך און אויך מיט דיר אין פריידן״.

דעם נמשל האָב איך קינדהווייז נאָך געהערט פון זיידן:
וואָס גרעסער עמעץ איז, אַלץ מער איז ער באַשיידן;
דער וואָרער צדיק שטופּט זיך גאָרנישט אין גן־עדן.

וואַרשע, אָקטאָבער, 1954

די פרענטע אייזן און דער טרומייט

ס׳איז לעבן אַ טרומייט געלעגן
אַ פרענטע אייזן און געשוויגן.

— מיר זענען ביידע פון מעטאַל דאָך, — פרעגט איר דער טרומייט —
פאַרוואָס זשע איז דאָס צווישן אונדז אַזאַ מין אונטערשייד?
דער לייכטסטער בלאָז וועקט אויף מיך פון מיין דרימל,
און ס׳טוט פון מיר אַ רייס זיך צו דעם הימל
מיין וועקנדיקער שאַל;
און דו — אַ שטעקן מעג דיר ברעכן האַלדז־און־נאַקן,
מע מעג דיך פלעטן און אויף שטיקלעך דיך צעהאַקן,
דו שווייגסט אין יעדן פאַל.

— דער ענין לאָזט זיך פראָסט דערקלערן, —
די פרענטע אייזן טוט זיך אומפאַרשעמט
אַ רוק אויף אים און אים צעקלעמט —
ביסט הויל, איז לאָזטו לייכט זיך הערן.

סע טרעפט: אַ גראָבער יונג
אַ פרעמדן שפּאַס האָט ליגן אויף דער צונג,
און ווי מיט אייגנס טוט מיט אים אַ קלונג.

וואַרשע, אָקטאָבער, 1954

פון דוד שמעוני

דער פליענדיקער אייזל

אַן אייזל, מיט די פליגל פון א מיל באַלאָדן,
(מע האָט צום רעמאָנטירן זיי אין שטאָט געפירט)
האָט גריסן זיך גענומען, ווי אַ וואַזשנער אָדון,
און ווי אַ פליער, אָן זיינס גלייכן, זיך דערשפירט.
ער האָט אַ טראַכט געטאָן: „אַצינדערט וועל איך פליען!
נאָך שנעלער פון אַ ווינט, געשווינדער פון אַ פייל!
איך וועל די פיס פארשפאָרן ווייטער צו באַמיען,
אַ פאָכע מיט די פליגל, און — ס'פארשווינדט אַ מייל!
צי וועט דער שפאַרביער דען צו מיר זיך גלייכן קענען?
צי וועט ער וואַגן אין געוועט מיט מיר צו גיין?
אַקעגן מיינע פליגל, וואָס ווי ריזן זענען,
סע זענען זיינע אוים האָך ליליפוטיש קליין!
געקומען ענדלעך איז פאר מיר מיין צייט די גרויסע
צו זיין אַ מלך, הערשן איבער אַלץ, וואָס לעבט!
ווי נאָר מיין באַלעבאָס גייט אויסטרינקען אַ כוסה —
איך הייב זיך אויף צום הימל און איך שוועב!
און שיט מיר זאַלץ, במחילה, אויפן עק פון הינטער!”
און אָט־אָ גייט דער באַלעבאָס אריין אין שענק.
דער אייזל טוט זיך אַ צעפאָכע מיט די זייטן,
נאָר — ס'פליען נישט די פליגל, גיב זיי כאָטש אַ קרענק!...
נאָר ס'איז אין אייזלס גייסט קיין יאוש נישט פאראַנען,
ער מונטערט זיך: „סע ווערט פון שרעק מיין האַרץ נישט ווייך!
סע מוז אַוודאי זיין דאָס אָרט אַ הויכס, פון וואַנען
מע וויל זיך אויפהייבן צו פליען אין דער הייך...

איך וועל אַרויפֿגיין אויפֿן באַרג דאָרט און אַ פֿלי טאָן...
ווי פֿרעכטיק־שיין ס'וועט זיין דאָס בילד! סע וועלן לייט
מיט קנאה־בליקן מיינע פֿליגל מיר באַשיטן,
און ס'וועט מיין שם צעגיין זיך איבער לענדער ווייט!..."
סע איז דער אייזל אויפֿן באַרג אַרויפֿגעשטויגן,
דעם קאָפּ עקשנותדיק אַראָפּגעבויגן,
די מוסקלען און די גלידער אָנגעצויגן
און — פֿלי האָ־האָפּ!
נאָר, ווי! ער איז נישט אין דער הייך געפֿלויגן —
נאָר גאָר אַראָפּ,
און ס'איז דאָס קייקלען זיך פֿון באַרג אים גאָר געראָטן:
די פֿליגל און די גלידער ליגן דאָ צעשאָטן...

אויב האָסטו פֿליגל פֿון געבוירן אָן — איז פֿלי!
דאָס פֿליען וועט דיר כבוד פֿיל און רום פֿאַרשאַפֿן;
אויב פֿרעמדע פֿליגל — איז אומזיסט דיין גאַנצע מי,
ביסט אויסגעשטעלט אויף צרות און אויף בייזע טראַפֿן.
וואָס גרעסער ס'וועלן די געבאָרגטע פֿליגל זיין,
אַלץ גרעסערער וועט זיין דיין פֿאַלן און דיין פּיין...

וואַרשע, מערץ, 1956

דער קולטור־טרעגער

— באמת, סע פֿאַרכאַפּט דאָס פֿאַשע־פֿעלד די אויגן!
דאָס גראָז איז זאַפֿטיק, וואַסער אומעטום דאָ קוועלט, —
האָט אַ בוהיי אַ גאַסט אַ מרוקעניש צעצויגן,
ווי נאָר ער האָט די פֿעסטע פֿיס דערויף געשטעלט —
צו מײַנע לאַנקעס זאָל דערום דאָס פֿעלד געהערן
(כ׳האָב זיבעציק און זיבן זיי אין מײַן פֿאַרמעג) —
סע זאָל קיין אָקס, קיין פֿערד נישט וואַגן צו באַגערן
דאָ אויסצופּרעסן אין מײַן גראָז אַ מינדסטן שטעג!
דאָס רעכט פֿון אייגנטום זאָל קיינער נישט צעשטערן,
דאָס הייליקע, דערהויבענע; דערוועגט זיך ווער —
מיט מײַנע הערנער וועט ער מוזן זיך פֿאַרהערן,
ווו נאָר ער וועט זיך אויף דער פֿאַשע טאָן אַ קער...
— נאָר, הער בוהיי, — דערהערט זיך אַ צעוויטיקט ברומען,
און אויפֿן פֿעלד אַ שעפּסעלע אַ יונגס לויפֿט אָן —
איך האָב דעם פֿלאַץ ירושה פֿון מײַן מאַמען דאָך באַקומען,
ס׳איז אַ משפּחה־נחלה שוין פֿון גאָר לאַנגאָן...
הערצו איז דאָס מײַן אייציקער פֿאַרמעגן, מערער
פֿאַרמאָג איך נישט, און דו האָסט פֿעלדער אָן אַ שיר...
איך בין אַ שוואַך באַשעפֿעניש, נאָר ס׳לאָזט זיך הערן,
אַז הייליק איז דאָס רעכט פֿון אייגנטום ביי דיר, —
דו וועסט מיך נישט באַרויבן?... — זיכער! דאַרפֿסט נאָך פֿרעגן?! —
צעמרוקעט דער בוהיי זיך. — ס׳פֿאַלט מיר גאָרנישט איין,
ווײַל דאָס געזעץ איז מיר דאָס טײַערסטע פֿאַרמעגן,
נישט מער, אַליין דיך לאָזן איז פֿאַר מיר אַ פּײַן:

מע דאַרף דיך בילדן דאָך און דיך דערציִען;
אָן בילדונג האָט די בעסטע מעלה נישט קיין ווערט;
און אָן קולטור צי קאָן דאָס מזל זיך צעבליִען?
און דו האָסט וועגן זיי אַפילו נישט געהערט...
דו וועסט דאָך מודה זיין: נישטאָ ביי דיר קיין סימן
דערפון וואָס הייסט קולטור, צי בילדונג אויף אַ האָר;
צי קאָנסטו מיט אַ מרוק, אַ שטער־האָרן זיך רימען?
איז מוז איך דאָ פאַרבלייבן דיך צו לערנען, — קלאָר.
הגם וועסט מוזן תמיד צווימען די באַגערן
(סע גייען נישט קולטור און לוקסוס האַנט ביי האַנט)
און טרינקען ליימיק וואַסער, זיך מיט דערנער נערן,
נאָר סט'ווערן קולטורעל און דענקען מיט פאַרשטאַנד... —
דאָס שעפּסעלע פאַרגייט זיך אין אַ ביטער קלאָגן:
— אוי, גאָט אין הימל! ווען זשע וועט דער נס געשען.
אַז דו זאָלסט האַלטן מיך פאַר קולטורעל שוין? ווען?
— ווען אויפן קאָפּ וועסט הערנער טראָגן
און מרוקען פאַר בוהייען צען...

וואַרשע, מערץ, 1956

פאַר אַ שותּף אין זיין פרייד...

א מענטש אן אוצר האָט אַמאָל געפונען
און צו זיין היים געטראָגן מיט געזאַנג,
כאָטש ס'האָט די משא אים געשווערט אין גאַנג,
און ס'איז געדיכט דער שוויים פון אים גערונען;
סע האָט די פרייד אין הארץ ביי אים געשפּילט,
ער האָט די מאַטערניש כמעט ווי נישט געפילט.

ווי דאָ האָט א באַקאַנטן ער געטראָפן, —
ער פאַלט אים אויפן האַלדז, דערציילט זיין גליק
און טוט א בעט אים מיט א ווייכן בליק:
— וועסט העלפן אונטערטראָגן, וויל איך האָפן;
דו ביסט אַן ערלעכער — וואָס דאַרף מען מער?
דער אוצר דריקט מיר אויף די פּלייצעס שווער... —

צו טראָגן תמיד לייכטער איז אינצווייען,
אינצווייען לעבעדיקער איז דער גאַנג, —
איז כאָטש ס'איז שווער די לאַסט, דער וועג איז לאַנג
צו יענעמס הויז אינגיכן זיי דערגייען.
אראָפּגעשטעלט די לאַסט, באַפרייט די הענט,
זיין צוהעלפער זיך טוט צו אים א ווענד:

— סע איז ביי מיר אצינד א צייט א שלעכטע,
אַנטלייע מיר א רענדל, נישט אויף לאַנג,
און וועסט צוריק עס קריגן מיט אַ דאַנק, —

פֿאַרמאָגסט דאָך אַן אַפּטײקי אַ רעכטע... —
צי האָט געהאָלפֿן ער וועם פֿרײַנד אין קלעם?
ס'דערציילט נישט די געשיכטע וועגן דעם,

(ווי ס'איז איר שטייגער, ווייל דער לייכטזין טראָגט זי:
אָן אויפֿהער שיט מיט רייד און אומגערוט,
און דווקא אין אַ וויכטיקער מינוט
ווערט שטום און גאָרנישט, גאָרנישט זאָגט זי),
נאָר איין זאַך זיכער איז, אַז ס'האָט דער מאַן
פֿון אוצר לאַנג נאָך, לאַנג געוואָרטשעט דאַן:

— ווי שפּלדיק דער מענטש איז! איך פֿאַראַכט אים!
דער יצר־הרע האַלט אים אין זיין קלעם!
צי האָב איך נישט גענומען אָט־אָ דעם
און פֿאַר אַ שותּף אין מיין פֿרייד געמאַכט אים?
צי נישט געהאַלדזט אים און געקושט מיט ברען
(כאָטש זייער אויסגעמאַטערט כ'בין געווען)?

כ'האָב צוטרוי אים געשאָנקען גאָר דעם גרעסטן —
דעם אוצר מיינעם טראָגן אים פֿאַרטרויט!
און ער, גאָר פּלוצעם פֿון דער הויליער הויט.
מיט נאַרישקייטן קומט ער מיך באַלעסטן:
אַנטלייע אים אַ רענדל! ווי סע וואָלט
אין לעבן זיין דער עיקר ס'רענדל גאָלד...

וואַרשע. מערץ, 1956

וואָלקנס

אין וואָלקנקנוילן,
פֿאַרשיידענע לײַט מאָס און לײַט געשטאַלט,
דער הימל איז פֿאַרהוילן.
א וואָלקן איינער, גרויס א געוואַלד —
א לייב מיט לאַפּעס, ריזיק, שטאַרק,
די גריווע ווילד צעשויבערט אויפֿן קאַרק,
רעדט שפּאָטיש צו א וואָלקנדל א צאַרטס, וואָס ציטערט
(א שעפּסעלע א ווייסינקס, דאָ נישט ווייט זיך פּיטערט):
— דו האָסט קיין פּנים, קיין פּאַרנעם נישט, שטומע צונג!
אָט טו איך באַלד אויף דיר א שפּרונג,
און ווערסט צעקראָכן אין מיין שלונג! —
א צווייטער וואָלקן, אויך א היפּשער, לאַנג-און-ברייטער,
וואָס הויערט איבער תּבֿואה-פֿעלדער א צעשפּרייטער,
מאַכט חוזק פֿון חבֿרים אין דער ווייט:
— ס'איז אמת, איר זענט גרויסע, שטאַרקע לײַט,
נאָר ווען וועט איר בענטשן מיט דער שפע פֿון די לענדן,
אַז אונטער אייך זיך שפּרייטן וויסטעס און געזעמדן?!
די שפע אָבער מיינע וועט אויף פֿעלדער טאָן א פּלייץ,
באַגרינען זיי, באַגאַלדיקן דעם קאָרן און דעם ווייץ
און אויפֿוועקן אין פֿרוכטן אַראָמאַט, קאָליר און רייץ... —
אַזוי-אָ ברומט די וואָלקנמאַסע, שעפּטשעט דער געווימל
(אוי־ווי, נישטאָ קיין שלום אויך אין הימל...).
באַרימט זיך איינער מיט זיין פּרעכטיק אָרט,
ווייל אונטן שפּרייט א פֿרוכטבאַר פֿעלד זיך דאָרט,
שטאָלצירט א צווייטער מיט דער שיינקייט פֿון זיין מראה,
א דריטער — פֿאַר זיין פֿירכטערלעכן אויסשפּרייט מאַכט א וואָרע!

און ס׳האַלט זיך יעדער איינער —
בלויז איך, און מער נישט קיינער!
זוי פּלוצעם (ווײ, אַן אומגליק, ווײ, אַ בראָך!) —
סע טוט אַ ווינט אַ מעכטיקער אַ פּאָך,
אַ שטורעם אויף אַראָפּן און אַרויפן,
און דאָס געזעמל וואָלקנס, דורכגעריסן ביזן תּהום,
ווי פאַרן אומקום, נעמט זיך אין בהלה לויפן, —
אַן איבערקערעניש, נאָך גרעסער ווי אין סדום!
אָט יענער לייב, וואָס איז
פון ריזנלאַנד אַ ריז,
וואָס אויף אַ האַלבן הימל ליגט ער
און ס׳איז אים אַלץ נאָך קנאַפּ דאָס אָרט,
זיך וואַלגערט תּיכּף אַ צעפּליקטער,
דער ווײדל — דאָרט,
און דאָרט — די גריווע.
דאָס שעפּסעלע דאָס ווײסע און נאַאיווע,
וואָס איינצושלינגען עס דער רשע האָט געדראָט,
איז מיטן קעפּל אין זײַן אינגעווייד אַרײַן און האָט
זיך אָנגעשטאָפּט און אָנגעזויפּט אויף לאַנגע יאָר,
און גרויס געוואָרן ווי דער שור־הבר.
און יענער וואָלקן, וועלכער האָט זיך גדלותדיק געצויגן
אַריבער פּעטע־ערדן, פעלדער, לאַנקעס וּסט און שווער,
צו אַלדי ווײסטעניישן איז ער שטורעמדיק פאַרפלויגן,
און ס׳האָט פון דאָרט אַ לײַכטער וואָלקן אָנגעטראָגן זיך אַהער.
אַ רגע — צו די ענדערונגען איז נישטאָ קיין שיעור,
די ערטער און די פאָרמעס שוין לחלוטין נישט ווי פריער!
נאָר אָט־אָ טוט אַ שלאַקסרעגן אַ זעץ אַרויס,
אַ פלייץ, אַ שטראָם, און גיסט און גייט פאַריבער.
און זע: אַוועק די גאַנצע חבֿרה כמאַרעס — אויס,
און אויפן קלאָרן הימל בלײַבט נישט איבער
קיין זכר פון געראַנגל צווישן וואָלקנס, קריגערײַ
און נישט פון זייער גדלות און באַרימערײַ.
און נאָר די לויטער בלויע הייך
מיט שײַן געהיימער שמייכלט ווייך...

וואַרשע. מערץ, 1956.

אַגיטאַציע

אויף אַ פֿאַרזאַמלונג איינמאָל, אויפֿן פֿרייען פֿעלד,
באַראָטן זיך וואָראָנעס, טראַכטן, זוכן עצות:
ווי מאַכט מען דאָס, מע זאָל באַרימט זיין אויף דער וועלט
אַלס זינגערס, וואָס דאָס זינגען זייערס פֿול מיט רייץ איז?

באַהאַנדלט אָט אַזוי דעם ענין וואָכן לאַנג,
צום קלאָרן אויספֿיר קומט מען ענדלעך — זיך דערקראָגן! —
אַז צו באַרימטקייט אַ ג י ט אַ צ י ע איז דער בעסטער גאַנג —
דער קוואַל, פֿון וועלכן כּבֿוד און גדולה שלאָגן.

און תּיכּף אויף דער גאַנצער וועלט, פֿון עק צו עק,
וואָראָנעס פֿלינקע — משולחים זיך צעפֿליען,
זיי פֿלאַסטערן פֿון כּבֿוד, לייב אין רום אַ וועג
פֿאַר זייער עדה; זיך מיט גאַרן שאַרפֿזין מיען.

נאָר אָט דערגרייכט דער טומל צו אַ סאָלאָוויי,
און אַ פֿאַרבליפֿטער פֿרעגט ער: — אַגיטאַציע... מילא...
זאָל זיין, זי איז אַ סגולה־בדוקה... אָבער, ווײַ!
צי קאָן מען אַגיטירן מיט אַזאַ מין כּלי?!

אַז וואָסער אויער וועט דאָס קראַקערײַ פֿאַרטראָגן?
סע גרילצט דאָך אין דער זעל און צינדט אין איר אַ בראַנד!
ס׳איז זייער אומגליק דאָך די שטים, וואָס קאָן דערשלאָגן!
און זייער קעל איז — זייער שאַנד!

וואַרשע. אויגוסט, 1956

משלים פון דער רענעסאַנס־צייט

פון לעאָנאַרדאָ דא ווינטשי

אומרו

דער טייך האָט אָנגעשלעפּט אַזויפיל ערד און שטיינער, אַז ער וועט געצוווּנגען ווערן — אַ פאַרשטאָפּטער — גראָבן זיך אַן אַנדער בעט.

דאָס פּאַפּיר און דער טינט

אַ בויגן ווייס פּאַפּיר האָט זיך צעבייזערט אויפן טינט:
— דו האָסט מיך אויסגעפּלעקט דורכויס, אַז וואָס בין איך אַצינד?! —
דערויף האָט אים דער טינט געענטפערט: — האָסט נאָך גאָר אַ טענה!
ווער וואָלט דיך אָפּגעהיט ביז היינט, ווען נישט די ווערטער מיינע?

וואַסער

אַ ביסל וואַסער פון דעם ים — די סטיכיע די שטאָלצע,
האָט איינמאָל אויפצושטייגן אינדערלופטן שטאַרק פאַרוואָלט זיך,
און זיך פאַרוואַנדלענדיק אין פיינסטן דאַמף דורך הילף פון פייער,
שוין אָנגעהויבן צו באַטראַכטן זיך פאַר לופט פאַר פרייער.
נאָר אין דער הייך, דערגרייכט אַ לופט־שטח אַ שיטער־קאַלטן,
אויף לענגער נישט געקאָנט די וואַרעמקייט אין זיך פאַרהאַלטן.
די שטויבלעך זיינע אַלץ געדיכטער זיך באַהעפטן ווידער
און שלעפּן־מיט זיין שטאָלץ מיט זייער משא אין דער נידער.
ס'ע פאַלט אַראָפּ און זאַפּט זיך איין אין לעכצנדיקער ערד
און לאַנג צו זיין אין תפיסה פאַר זיין שולד פאַרמשפּט ווערט.

וואַרשע. סעפּטעמבער, 1955

דאָס פלעמל און דאָס ליכט

אַ חודש האָבן פלעמלעך אין אַ גלאָז־אויוון געהיצט זיך.
דאַליעבן אין אַ שיינעם לייכטער האָט אַ ליכט צעבליצט זיך.
צו קומען נעענטער צו איר די פלעמלעך נעמען גאַרן,
און איינס גאָר אומנאַטירלעך נעמט זיך דורך זיין רערל שפּאַרן.
זיין רערל, וואָס אים שפּייזט — אַ לעכל אין דער זייט דאָרט האָט עס,
און האָ אַרומער שטופּט זיך עס, און ענדלעך דעם געראָט עס.
אינדרויסן — טוט עס צו דער ליכט אַ וואַרף זיך מיט געפלאַטער
פון גאַרונג און פון תאווה, פרעסט זי, און סע ווערט נישט זאַטער;
סע האָט זיך צוריקגעצויגן, וועלנדיק דאָס ליכט זאָל לעבן,
נאָר צריק אַריין אין אויוון האָט זיך דעם נישט איינגעגעבן,
זיין אייגן לעבן האָט געמוזט שוין איצט פאַרלאָשן ווערן
צוזאַמען מיט דער ליכט, וואָס האָט מיט טשאַד געלאָזט זיך הערן
און איז לעם שוועסטער מיט געוויין און טרויער אויסגעגאַנגען,
די שוועסטער — פול מיט לעבן, גלאַנץ און שיינקייט, ווי געגאַנגען.

וואַרשע. סעפּטעמבער, 1955

ווער ס'האַלט זיך עניוותדיק, יענער וועט ווערן דערהויבן

אויף איינעם א הערלעכן בארג איז א פעלדז-שטיין געליגן,
צו אים אויפן שפּיץ האָט א זשמעניקעלע שניי זיך דערקריגן;
און איינמאָל, פאַרטיפט אין מחשבות, סע נעמט פאַנטאַזירן
און, שעפּטשענדיק שטיל, מיט זיך גופא א שמועס פאַרפירן:
„וועט ווער מיר דען פאַרוואַרפן שטאָלצקייט, וואָס איך, אזא ברעקל,
האָב דאָ אויפן פעלדז אזוי הויך זיך צעלייגט, ווי אַ פלעקל,
און ס'אַרט מיר נישט גאָר, וואָס, ווי ווייט ס'קאָן דער בליק נאָר דערגרייכן,
א שפּע פון שניי ליגט פונאונטן און בענקט צו די הייכן.
איך בין אומפאַרדינט צו דער דאָזיקער הויכקייט געשטויגן;
ווי נישטיק איך בין, כ'האָב געזען מיט די אייגענע אויגן:
די שוועסטערלעך מיינע, וואָס זענען געשטאַנען אין שטאָלצן,
אין שעהען געציילטע האָט נעכטן א זונשטראַל צעשמאָלצן;
ווייל, לויט זייער קליינלעכן וועזן, צו הויך שוין פאַרקראָכן
און ברייט זיך צעלייגט, — האָט דער שטראַל ביז צום טויט זיי צעשטאָכן.
כ'וויל מיידן די זון, וועלכע ממיתט, בעת זי צעכעסט זיך,
און זוכן אן ערטל פאר זיך לויט מיין קליינקייט, ווי ס'פּאסט זיך".
און ס'טוט זיך אַ וואָרף, און נעמט לויפן אַראָפּ אין דער נידער,
זיך קייקלענדיק אויפן שיפּוע אריבער די ברידער.
וואָס נידריקער ס'זוכט זיך צו שטעלן, אַלץ גרעסערער ווערט עס,
און ווען סע בלייבט שטיין אויף אַן אָרט, אָן צו רוען באַגערט עס,
דערזעט עס: פון אָט דעם שיפּוע קיין סך ס'איז נישט קלענער,
כאָטש פריער א רגע האָט אונטערגעהאלטן אים יענער;
אויך יענעם צעשמעלצן אינגיכן די שטראַלן פון אויבן. —
ווער ס'האלט זיך עניוותדיק, יענער וועט ווערן דערהויבן.

ווארשע. סעפּטעמבער, 1955

אַ קיילכן שניי

אַ קיילכן שניי זיך קייקלט פֿון אַ באַרג, און אין געדריי
סע ווערט אַלץ גרעסער, גרעסער, ביז סע ווערט אַ באַרג פֿון שניי.

אַ באַשיידן שנייעלע

(צווייטער וואַריאַנט פֿון דער איבערזעצונג)

באַשיידן האָט אַ שנייעלע אַראָפּגעקייקלט זיך פֿון באַרג;
וואָס נידעריקער — גרעסער אַלץ איז עס געוואָרן, גרויס און שטאַרק.

א שטיין

נאָר־וואָס פון זאמד ארויסגעשווענקט דורך וואַסער, איז אַ שטיין,
אַ גרויסער, זיך געליגן אויף אַ בערגל איין־אליין
ביים ראַנד פון אַ פאַרכּישופדיקטן וועלדל, אומבאַרירט;
אַרום אים — גראָז, מיט בונטע בלימלעך כּל־ערליי באַצירט,
פונאונטן ציט פאַרביי א וועג, פאַרזייט מיט שטיינער פיל.
דערזען די כאָפּטע שטיינער, דרינגט אים דורך א באַנג געפיל,
און ער באשליסט צו טאָן פונדאַנען זיך צו זיי א לאָז:
„צי איז דאָס גראָז מיינס גלייכן, זאָגט ער, מיין געזעלשאַפט, וואָס?
כ׳וויל לעבן צווישן ברידער״. און ער טוט זיך הייס אַ דריי.
נאָר קוים אראָפּגעקייקלט זיך, פאַרלירט ער צווישן זיי
די פלינקייט פון זיין אימפּעט. נאָך אַ קורצער וויל דאָ זיין
הייבט אָן ער צו באַקענען זיך אומאויפהערלעך מיט פּיין:
די פיס פון מענטשן, רעדער קוועטשן צו אים צו דער ערד,
מיט פּידקאָוועס פון אייזן האַקן אים די פיס פון פערד,
דער וואַרפט, און יענער קרישלט. ס׳טרעפט זיך: ס׳ציטערט אויף זיין הויט,
ווען בלאָטע אים באַשפּריצט, אַ בידלע דעקט אים צו מיט קויט.
אומזיסט געוואָנדן איז צום פריערדיקן אָרט צוריק,
צום אָרט פון שטילקייט און פון איינזאַמקייט — פאַרבענקט זיין בליק. —

פאַרלאָזסטו, מענטש, דיין ווינקעלע פאַר קאָנצענטרירטער טראַכטונג
צוליבן רויש פון שטאָט — באַקומסטו צרות און פאַראַכטונג.

וואַרשע. סעפּטעמבער, 1955

דער קרעמענשטיין און דער שטאָל

אַ קרעמענשטיין — דערפילט, ער ווערט פֿון האַרטן שטאָל געשלאָגן,
פֿאַרחידושט טוט אַ זאָג מיט האַרבער שטים אַזוי צו זאָגן:
— אַזאַ מין חוצפּה! מיך אַזוי צו קריוודען! המם... משמעות,
דו מיינסט נישט מיך — אַן אַנדערן. דו האָסט געמאַכט אַ טעות;
ס'האָט מ י ך נאָך קיינער נישט באַליידיקט: כ'בין דען עפּעס שולדיק! —
דערויף האָט אים דער שטאָל געענטפֿערט: — כ'בעט דיך, זיי געדולדיק,
וועסט זען, סאַראַ וווּנדער ס'וועט פֿון דיר געבוירן ווערן! —
דער קרעמען לאָזט צו רו און דויערט אין זיין פּיין דעם שווערן,
און אָט דערקענט ער גיך די פֿרוכט: ס'נעמט אַ פֿייער ברענען,
און אַלע זאַכן מיט אַ גאָלדשימער באַלויכטן זענען. —
דאָס ווערט דערציילט פֿאַר די, וואָס בילדונג אָנהייבט שרעקט זיי איבער:
זיך צוגעוווינט און זיך באַהערשנדיק, זי ווערט אונדז ליבער,
און דורך כּסדרדיקער מי פֿון דעם געדאַנק, וואָס זוכט,
דערזעען מיר אין רעזולטאַטן פּראַקטישע איר פֿרוכט.

וואַרשע. סעפּטעמבער, 1955

אַ בריטוועַ

אַרויסגעעפנט פון איר שטיל, וואָס דינט איר פאַר אַ שיידל,
דערזעט די בריטוועַ איינמאָל: „זע נאָר, ווי מיין לייב איז איידל!
ווי פיין ס'האָט זיך צעגלאַנצט אויף דעם די זון מיט שטראַלן!"
און דעם צוליב איז איר אַ גרויסקייט-משוגעת באַפאַלן.
צעבונטעוועט אין רעיון, טראַכט זי: „איך, אַ פיינער שררה,
זאָל ווייטער וווינען, ווי ביז איצטער, אין דעם שערערס נאָרע?
אָ, גאָט, מיין העכלעכקייט זאָל איך דערנידריקן אין בלאָטע!
כ'דאַרף זיין דאָך ריין משוגע, איך זאָל גאָלן דער האַלאָטע
די אָנגעזייפטע מאָרדעס, ווי אַ כּלי אַ געמיינע.
איז דער־אַ גוף באַשאַפן דען פאַר טועכצן נישט רייניע?
אָ, ניין! איך וועל זיך אָפּזוכן אַ ווינקל וווּ פאַרבאָרגן,
און דאָרט דאָס ביסל יאָרן אָפּלעבן אין רו, אָן זאָרגן".
באַהאַלטן עטלעכע חדשים, שטייענדיק אין גרויסן,
די בריטוועַ כאַפּט אַמאָל אַרויס זיך אויף דער לופט אינדרויסן.
זי טוט אַ קוק: זי איז אַ זעגעלע, באַדעקט מיט זשאַווער,
און מיט איר לייב די זון זיך שפּילט שוין מער נישט מעשה־חבר.
אומזיסט זי קלאָגט, אַז אומפאַרדיכטלעך איז דער שאָדן אירער,
און טרויערט: „אָך, ווי בעסער ס'איז געווען איר ביים באַרבירער,
וווּ אויסגעצייכנט אויסשאַרפן איר שאַרפל האָט געקענט זי!
איר גלאַנץ וווּ איז? דער עקלהאַפטער זשאַווער האָט פאַרלענדט זי!" —
אַזוי געשעט עס אויך מיט אונדזער גייסט, אויב ער פאַרהוילט זיך
אין זיך, און נאָכאַנאַנד צו אַרבעטן אויף זיך ער פוילט זיך;
זיין פלינקער שאַרפזין, ווי דער בריטוועס שאַרף, אַלץ טעמפּער ווערט אים,
דער זשאַווער פונעם אומבאַוווסטזיין פרעסט אים דורך, פאַרצערט אים.

1955 ,וואַרשע. סעפּטעמבער

דאָס גאָלמעסער
(וואַריאַנט פון אַ פרייער איבערדיכטונג)

ס'איז נישט באַוווסט געווי פאַר וואָס און ווען,
נאָר איינמאָל האָט אַ גאָל־מעסער דערזען —
עס ליגט זיך אויף אַ פענצטער, פריי פון שיידל,
און שפיגלט זיך אין זונשיין פיין און איידל.
און ס'האָט זיך אין דעם בלאַנק דעם אייגענעם פאַרקלערט:
„...צי ווייניק נאָך געהאָרעוועט פאַר קעפּ און בערד?
צי ווייניק נאָך געבאָדן זיך אין אָנגעזייפטע שוימען?
גענוג שוין אויסגעהערט: „גערירט זיך! שנעלער! גיך!"
גענוג שוין פרעמדע שמוצן רוימען!
כ'וויל אָנהייבן אַ לעבן בלויז פאַר זיך! —
און ווי נאָר דער פריזירער האָט פאַרקוקט זיך,
דאָס מעסער — אין אַ ווינקל־שפּאַלט פאַררוקט זיך:
„...אַצינדער בין איך — א י ך!
פאַר זיך אַליין, פאַר ז י ך!".
נאָר עס דערפילט דאָס גאָלמעסער אינגיכן:
עס קריכן
ווי עפּעס נאָגנדיקע ווערעם אויף זיין בלאַנק.
דערשראָקן שרייט עס צום פריזירער: — חבר!
וואָס קומט דאָ מיט מיר פאָר? כ'ווער קראַנק?
— ס'גייט אויף דיר אַ זשאַווער, —
אים ענטפערט דער פריזירער, גיט אים צו פאַרשטיין:
ווייל האָסט פאַרטראַכט צו לעבן ב ל ו י ז פ אַ ר ז י ך אַ ל י י ן.

1953

א ליליע

ס'נעמט אַ ליליע און באַזעצט זיך אויף דעם טײַטשינס ברעג,
נאָר דער שטראָם דעם ברעג מיט איר צוזאַמען טראָגט אַוועק.

א ניסנבוים

ווען עס האָט אַנטפּלעקט זײַן פּרוכט דער ניסנבוים בײַם טראַקט,
יעדער דורכגייער מיט שטיינער האָט אין אים געהאַקט.

א ניסנבוים
(וואַריאַנט פון דער איבערזעצונג)

ווי נאָר דער ניסנבוים זײַן רײַכע פּרוכט אַנטפּלעקט,
באַלד יעדער דורכגייער מיט שטיינער פאַר זײַן גוטס אים דעקט.

א פײַגנבוים

כל-זמן דער פײַגנבוים בײַם טראַקט געשטאַנען איז אָן פּרוכט,
די בליקן פון די דורכגייער אים האָבן נישט באַזוכט;
און ווען ער האָט געבראַכט זײַן פּרוכט, און ליב דערוואַרט דערפאַר,
געבויגן האָט מען זײַנע צווײַגן און פאַרשאַפט אים צער.

דאָסביימל און דאָס דרענגל

אַ ביימל מיט אַ דרענגל ביי דער זייט נעמט טענהן־קלאָגן:
סע קאָן דאָס דרענגל און ארום די דרענגלעך נישט פֿאַרטראָגן;
דאָס ערשטע שטיצט אים אונטער, און די אַנדערע אים היטן
פֿאַר אומגעוואונטשענער געזעלשאַפֿט מיט געמיינע זיטן.

דער צעדערבוים און אַנדערע ביימער

אַ צעדערבוים, צוליב זיין שיינקייט ווערנדיק פֿאַרריסן,
האָט מיט די ביימלעך אַרום זיך זיך אָנגעהויבן מיאוסן
און זיי פֿאַריאָגט. דאָ טוט אַ שטורעמווינט זיך אַ צעברויז —
דעם אומבאַשיצטן צעדער מיט די וואָרצלען רייסט אַרויס.

ווילדע וויינטרויבן

דער פּלויט דער אייגענער דערעסן האָט די ווילדע טרויבן —
זיי האָבן שטענגלעך אויפֿן וועג אַרויס געטאָן אַ שפּאַר,
זיך צוגעטשעפּעט קעגנאיבער צו אַ פּלויט, אַרויפֿגעהויבן; —
זיי ווערן שנעל צעטרעטן דורך די דורכגייער הערפּאַר.

שלעכטע געזעלשאַפֿט דערפֿירט צו אומגליק די גוטע

אַ וויינטרויב־ריטל איז געוואַקסן אויף אַ בוימשטאַמס רוקן,
דער בוים איז איינגעפֿאלן — ער איז אַלט געווען מסוכן —
און האָט אויף טויט צעקוועטשט דאָס ריטל. ס׳איז נישט קיין רבותא:
מע מוז זיך טיילן מיטן אומגליק אויך צוליב חברותא.

דער ווערבעבוים

אַ ווערבעבוים, וואָס קליידט כּסדר זיך אין לאַנגע צווייגן,
האָט, גאַרנדיק אין הויכקייט אַלע ביימער איבערשטייגן,
זיך צוגעטשעפּעט צו אַ ווײַנשטאָק, וועלכער ווערט געשניטן
אַיעדעם יאָר — האָט ער, דער ווערבעבוים, דערפון געליטן.

אַ צעדער

אַ צעדער וויל זיין שפּיץ מיט גרויסער, שיינער פרוכט באַצירן,
און שטרענגט זיך אָן — אַהין די בעסטע זאַפטן צו דערפירן.
נאָר ווען די פרוכט אַנטפּלעקט זיך גרויס און זאַפטיק פאַר די אויגן,
זיין גלייכער, איידלער שפּיץ דורך איר, זיין מי, מוז שטיין געבויגן.

אַ פערשקעבוים

אַ פערשקעבוים מקנא איז דעם ניסנבוים, זיין שכן:
ווי אונטער זיינע ניס די צווייגן וואָלטן זיך געבראָכן!
ער לאָזט זיך אין געוועט, מיט פרוכט וואָס מער זיך אָנצולאָדן,
אַזש פון איר משׂא ווערט ער אויסגעריסן פונעם באָדן.

וואַרשע. סעפּטעמבער, 1955

די אולמע און דער פייגנבוים

דער פייגנבוים וויל פיטערן מיט זון די טערפקע פייגן,
פארשטעלט די שיין די אולמע מיט די קינדערלאזע צווייגן.
ער ווענדט זיך צו דער שכנה מיט א בייזער טענה:
— וואס שטארצסטו ליבן מיר דא? ווארט-נאר, ווארט! די קינדער מיינע,
ווי נאר זיי וועלן אויסגעצייטיקט ווערן אין די בלעטער,
זיי וועלן דיר שוין ווייזן!... — וואס-זשע איז געשען דא שפעטער?
ווי נאר די פייגן האבן אויסגערייפט זיך, זיינע קינדער —
א מחנה יעלנער מוזן זיך א לאז צון אים, ווי שינדער,
און פליקן זיינע פייגן, צופן, רייסן אן רחמנות,
צעקאליעטשען אויך דערביי דעם שטאם, די צווייגן מיט סכנות.
און ווי ער שטייט אזוי, דער פייגנבוים, אין הוילע צרות,
די אולמע טוט א זאג צו אים: — נו, איצטער מאך זיך קלאר עס,
וואס בעסער איז — אינגאנצן גאר קיין קינדער נישט פארמאגן,
צי האבן זיי, און זיי צוליב אזעלכעס איבערטראגן? *

---

* צושריפט פונעם איבערזעצער:
— הער אויס, — ער ענטפערט גלייך איר מיט א טאן אן אויפגעבראכטן —
אזעלכע פרוכטלאזע געדאנקען וויל איך גארנישט טראכטן,
איך קאן פאר זיי א צווייטן מיט באדויער בלויז פאראכטן...

דער לאָרבערבוים, דער מירטנבוים און דער באַרנבוים

אַ לעצטער האַק — און ס'טוט דער באַרנבוים אַ פאַל צום באָדן.
דער לאָרבערבוים און מירטנבוים — צוזאַמען אויף אַ קול:
— וווּהין דאָס, באַרנבוים? און ווו — דיין גדלות פון אַמאָל,
בעת דו ביסט מיט פירות צייטיקע געווען באַלאָדן?
עס וועט קיין שאָטן פון דיין בלעטערוואַרג נישט זיין שוין מער! —
און ס'ענטפערט זיי דער באַרנבוים: — כ'גיי קעגן מיין באַשער
אין וואַרשטאַט פון אַ קינסטלער, וועלכער וועט מיט האַנט געניטער
אַרויסשניצן פון מיר, פון האָלצלייב מיינעם, אַ יופּיטער,
און נאָכדעם וועל איך, ווי אַ גאָטהייט, אין אַ טעמפּל שטיין,
וווּהין מיר אָפּצוגעבן כבוד וועלן מאַסן גיין.
און איר, זייט וויסן, אַז עס שטייען פאַר אייך ליידן שווערע:
איעדער מענטש וועט רייסן פון אייך צווייגלעך ריס נאָך ריס
און פלעכטן פון זיי קרענץ, וואָס מאַסן וועלן צו מיין ערע
מיט ליבע און מיט ערפאָרכט לייגן זיי פאַר מיינע פיס.

וואַרשע, 1954

אַ נעץ

אַ נעץ, אין וועלכער פיש געפאַנגענע זיך תמיד פּלאָגן,
וואַרט איינמאָל דורך צעווילדעוועטע פיש אין ים פאַרטראָגן.

פֿאַלשער גלאַנץ פֿירט צו אומקום

אַ פֿלאַטערל אַ פּוסטאָונפּאַסטניק און אַ לאָדער פּלאָגט זיך:
סע איז אים ווייניק, וואָס אַ פֿרייער אין זײַער לופֿט ער טראָגט זיך.
דערזעט אַ פֿלעמל פֿון אַ ליכט, ער ווערט דערפֿון באַצויבערט
און טוט דערווייל אַ פֿלי אַרײַן, פֿון פֿרייד צעשוויבערט.
נאָר פֿאַר זײַן פֿרייד, ווי אַ באַצאָלונג, תּיכף טרויער קריגט ער:
מיט אָפּגעזענקטע פֿליגעלעך לעם לײַכטער אונטן ליגט ער
און, אַ פֿאַרשוואַרצטער און דערדריקט פֿון ווייטיק, שרייט דורך טרערן,
זיך ווישנדיק די אויגן, אַזש דער הימל זאָל אים הערן:
— אָ, צבֿיעותדיקע שײַן, וואָס דיר צוליב כ'האָב אַלץ פֿאַרלאָרן!
איך בין דער וויפֿלטער, וואָס איז דורך דיר פֿאַרפֿירט געוואָרן?!
און וואָס האָב איך געזינדיקט, אויב איך האָב געוואָלט דערגיין,
צי איז די שײַן פֿון חלבֿ־ליכט, ווי זונשײַן מילד, ווי שיין?

וואַרשע. סעפּטעמבער, 1955

וועגן א נאַריש פלאַטערל

אַ פאַרביק פלאַטערל איז הוליענדיק אַרומגעפלויגן
אין פינצטערניש, ווי פלוצעם ווערט עס פון א שיין געצויגן.
סע טוט א פלי און נעמט זיך דרייען ארום איר — א דריידל,
און וואונדערט זיך: ווי מעכטיק ס'איז די שיינקייט און ווי איידל!
און נישט געזעטיקט, הייבט עס אָן אלץ נענטער צוצוקומען,
ווי ס'איז געווינט צו פירן זיך מיט שמעקעדיקע בלומען.
ס'טוט נאָכאַמאָל א פלי אַ דרייסטן — גיט דער שיין סע איז אין שכנות,
און ווערט אַ קאַליעקע — אז אַך און ווי צו זיין געביין איז!
די פיסלעך און די פליגעלעך, די פאַרבן אָפּגעזענקט איז.
צו אירע פיס געפאלן, צאַפּלענדיק, פאַרוואונדערט דענקט עס:
„ווי קאָן אַזוינס געשעען? ס'איז דאָך גאָרנישט צו פארשטיין זי!
אַזאַ מין שיינע זאַך צו שלעכטקייט זאָל אַזאַ דערגיין זי!”
סע זאמלט אויף די רעשטלעך כוחות און — צום פלעמל ווידער,
און, חורבגעריסן זיך דורך חעם מיט ציטערדיקע גלידער,
פארסמאַליעט פאַלט עס אויפן אייל דאָ, וואָס דאָס פלעמל שפּייזט עס,
און, קוים נאָך וואָס סע זשיפּיעט, שוואך די אייגעלעך פאַרגלייזט עס,
סע וויל דערגרונטעוועז די סיבה פון דעם סוף דעם מיסן:
— איך האָב געמיינט, כ'וועל גליק פון דיר, פאַרהאַסטע שיין, געניסן!
אומזיסט מיין קלאָג, ס'האָט מיין באַגער געבראַכט מיך צום מזבח,
און די געפאַר, וואָס שטעקט אין דיר, ערשט נאָך מיין בראָך פאַרשטיי
איך. —

און ס'ענטפערט דעם די שיין פון אויבן: - - יעדער איינער, וועלכער
וועט שלעכט באַנוצן מיך, ווי דו — זיין סוף וועט זיין אזעלכער. —

דער משל איז אקעגן די, וואָס שנעל די קעפּ פאַרלירן,
פון פאַרגעניגנס וועלטלעך-פריי׳ע לאָזן זיך פאַרפירן,
נאָך איידער זיי באַקענען זייער וועזן; לויפן נאָך
און כאַפּן זיך, ווען ס׳איז שוין פאַרטיק זייער שאַנד און בראָך.

וואַרשע. סעפּטעמבער, 1955

אַ קאַשטאַנבוים און אַ פֿייגנבוים

אַ קאַשטאַנבוים דערזעט, ווי צו דעם פֿייגנבוים זיין שכן
גייט צו אַ וואַנדערער און, אויף אַ צווייַג אַרויפֿגעקראָכן,
נעמט רייסן פֿרוכט, וואָס איז שוין אויסגעצייטיקט, זאַפֿטיק, פֿליישיק,
און לייגט אין מויל, און רייבט זי מיט די ציין מיט שטאַרקן חשק.
דער קאַשטאַנבוים נעמט טרייסלען מיט די צווייַגן, רוישט צעצאָרנט:
— סע האָט דיך די נאַטור, אָ, פֿייגנבוים! נישט גוט באַוואָרנט,
און האָסט זי נישט קיין סך צו דאַנקען; זע, ווי מיינע קינדער,
פֿאַרבאָרגן פֿריער אינעם בליעכץ, זי באַזאָרגט אַצינדער.
אין אָנהייב טוט זי אָן אויף זיי אַ העמדל דין און איידל,
דערנאָך באַקליידט זיי מיט אַ הויט אַ גראָבער, ווי אַ קליידל,
און ווייטער אָן אַ סוף מיט גרויסן חסד זי באַוואַכט זיי:
ווי אין אַ קופֿערט, אין אַ פֿעסטער שאָלעכץ זי פֿאַרמאַכט זיי
אין איר צו ווינען, זי באַזאָרגנדיק נאָך אויך מיט שטעכער,
זי אָפּצוהיטן פֿון דעם מענטשנס האַנט דער גיריק-פֿרעכער. —
ווי דאָ הייבט אָן דער פֿייגנבוים זיך טרייסלען פֿון געלעכטער,
סע לאַכן־מיט מיט אים די פֿייגן, זיינע זיסע טעכטער,
ערשט גוט זיך אָנגעלאַכט, ער זאָגט: — דער מענטש איז שוין אַזעלכער,
אַז מיט אַ פֿלאָקן, מיט אַ שטיין, צי מיט אַ גרודע וועלכער
ער טרייסלט אָפּ דיין פֿרוכט, און פֿאַלט זי אויפֿן באָדן, האַקט ער
מיט זיינע פֿיס אין איר, און אָן רחמנות זי צעקנאַקט ער,
און ס'בלייבט דער נוס אַ נאַקעט־הוילער ליגן דאָ אינמיטן
דער שאָלעכץ, וואָס די שטעכער האָבן זי געשיצט, געהיטן.
צו מיר באַציט מען זיך מיט מילדקייט, כ'דאַרף זיך נישט צו שרעקן
פֿאַר קיין שום האַנט. און דיך באַהאַנדלט מען מיט שטיין און שטעקן.

וואַרשע, סעפּטעמבער, 1955

אַ ליגוסטער * און אַ שוואַרצער דראָסל

באַשיט מיט פּרוכטן, דער ליגוסטער שפּירט, ביי זיך געפֿאַלן,
ווי שוואַרצע דראָסלען פּיקן זיינע צווייגלעך, מיט די קראַלן
צעקריעלן אים ביז בלוט די קאָרע; נעמט ער טענהן ביטער
צו איינעם מיט אַ שטים אַ קלאָגנדיקער, פֿול מיט ציטער:
זיי רייבן צו זיין זיסע פּרוכט — איז ווייניק טאָך געליטן?
איז זאָלן זיי כאָטש שוינען זיינע בלעטלעך, וועלכע היטן
אין חמימהדיקע טעג אים פֿאַר דער זונס און עין-הרע,
און נישט קאַליעטשען אים די איידלע, שפּירעוודיקע קאָרע.
דערויף אים ענטפֿערט אָפּ דער שוואַרצער דראָסל מיט געפֿילדער,
אין כאַמישער צעקאָכעניש: — שווייג שטיל, דו כוואַראָסט ווילדער!
דערויף האָט דיך באַשאַפֿן די נאַטור — דו האָסט עס נישט פֿאַרשטאַנען?
זאָלסט מיך דערנערן! ביסט דערויף בלויז אויף דער וועלט פֿאַראַנען,
זאָלסט דינען מיר פֿאַר שפּייז! צי ווייסטו נישט, דו עקלהאַפֿטער,
אַז קומענדיקן ווינטער רופֿט דיך אויף דאָס פֿייער מפֿטיר?! —
ס'האָרכט אים דער קוסט נישט אָן געוויין דעם דראָסלס שוואַרץ-געזאַנגען.
אינגיכן ווערט דער שוואַרצער דראָסל אין אַ נעץ געפֿאַנגען,
און אויף אַ שטייגל רייסט מען אָפּ פֿון קוסטעס ווייכע ריטער,
דעם דראָסל צו פֿאַרשפּאָרן און פֿאַרשפּאַרן זיך אַ היטער,
געשעט עס, אַז צום זעלבן צוועק צערייסט מען דעם ליגוסטער —
דערויף איז דאָך אַ ווייכער און אַ ביגעוודיקער קוסט ער.

---

* ליגוסטער (ליגוסטרום) — אַזאַ קוסט, אויף וועלכן ס'וואַקסן שוואַרצע
אָדער מונקל-בלויע יאַגעדעס — אַ שפּייז פֿאַר פֿייגל.

דערזען, דער גורל פונעם פויגל ליגט אין זיינע רימלעך:
— הער דראָסל! — דער ליגוסטער זאָגט צו אים דערפרייט־געמיטלעך —
איך האָב נישט איינגענומען נאָך אין פייער־פלאַם די מיתה
כ'וועל פריער, שטאָט דו מיך אין פייער, זעען דיך אין תפיסה.

וואַרשע. סעפטעמבער, 1955

א נוס און א גלאָקנטורעם

אין שנאָבל אַ וואָראָנע האָט אַמאָל אַ נוס געטראָגן
און אויף אַ הויכן גלאָקנטורעם זיך מיט איר דערשלאָגן.
„איך וועל איר דאָ פאַרציערן" — האָט געטראַכט שוין די וואָראָנע,
נאָר ס'האָט אַ שפּאַלט אין וואַנט איר אויסגעלייזט פון דער סכנה:
— אין נאָמען פון די חסדים, — האָט דער נוס די וואַנט באַשווירן —
וואָס ס'טוט מיט דיר דער הימל: דו ביסט הויך און וויל געבוירן,
און רייך אין שיינע גלעקער, אכטונג ווערקנדיקע קלאַנגען, —
אָ, ראַטעווע! ס'איז נישט באַשערט געווען מיר צו דערלאַנגען
פון טאַטנס פּעסטער צווייג צום באָדן, צו דער ערד דער פעטער,
און זיך פאַרהילן אין אַ טיכל פון פאַרוועלקטע בלעטער, —
באַשיץ זשע דו! ווען ס'האָבן מיך געפּאַקט די שנאָבל-צוואַנגען,
כ'האָב גלייך געשווירן, כ'בין דערויף פון האַרצן איינגעגאַנגען,
אַז אויב איך וועל אַנטרינען, אין אַ גריבל וועל איך גערן
באַזעצן זיך. — די וואַנט, איר אויסגעהאַרכט, געריכט ביז טרערן,
איר וועלנדיק באַשיצן, האָט איר אין דעם שפּאַלט באַהאַלטן.
נאָר גאָר אינגיכן הייבט דער נוס אָן פּלאַצן און זיך שפּאַלטן,
און לאָזן וואָרצלען אין די שטיינער-שפּאַרעס, טיפער, ברייטער,
און שיסט אַרויס מיט צווייגלעך אויבן; אויפן טורעם שטייט ער;
אין קורצן ווערן זיינע וואָרצל-פלעכטן פעסטער, דיקער —
ער נעמט אַ תל מאַכן פון דער געביידע דער אַנטיקער,
ער זעצט אַרויס פון פריערדיקע פלעצער אירע שטיינער.
אומזיסט באַקלאָגט דער גלאָקנטורעם זיינע שאָדנס, קיינער
פאַרנעמט נישט זיין געוויין. אינגיכן פּלאַצט ער אין די זייטן,
אַ גרויסער טייל פון איר פאַלט איין, סע דונערט אַזש פון ווייטן.

וואַרשע. סעפּטעמבער, 1955

א ווערבע און א דיניע

די ווערבע האָט זיך קיינמאָל נישט דערלעבט דעם פאַרגעניגן
צו זעען, ווי די ווייכע ריטער אירע זיך דערקריגן
צו דער געגאַרטער הייך, וווהין זי ציט זיך אומגעדולדיק;
דער ווינשטאָק, פלאַנצן אַנדערע אין שכנות זענען שולדיק,
ווייל זיי צוליב דער מענטש קאַליעטשעט זי, און אירע צווייגן
ער שניידט ארום, פאַרוואונדעט, מאַכט א תל אין סאַמע שטייגן.
זיך קאָנצענטרירט אין גייסט, הייבט אָן זי טראַכטן, פאַנטאַזירן:
מיט וועמען זאָל זי פריינדשאַפט, זיך פאַרבינדנדיק, פאַרפירן
אין מלכות-פלאַנצן, אַז זי זאָל נישט מוזן וואַקסן, גרינען,
כדי אַלס אונטערשפּאַר די אויסדערוויילטע בלויז צו דינען?
און ווי זי איז אין נאַרהאַפטע מחשבות לאַנג פאַרזונקען,
האָט אומגעריכט פון ערגעץ איר א דיניע צוגעוואונקען;
זי האָט געטאָן פון פרייד אַ טרייסל מיט די צווייגן אין געציטער:
אָט זי וועט זיין אַ חברטע צום האַרצן און געמיט איר,
ווייל אַנדערע פאַרבינדן מער ווי זיך אליין זי פלייסט זיך.
און קוים באַשלאָסן, אונדזער ווערבע צו דעם הימל רייסט זיך:
דערזעען וועט זי אפשר אין דער הייך אַ פויגל פליען,
וואָס וועט פאַר איר פאַרלאַנג דעם דורשטיקן זיך וועלן מיען.
ווי דאָ דערבליקט זי, אַ סאַראָקע פליט נישט ווייט פונדאנען:
— געדענקסטו, איידלער פויגל, ווי איך בין דיר בייגעשטאַנען
אין א סכנהדיקער נויט, ווען פון אַ פאַלק באַפאַלן,
סע האָט געהאַלטן, דו זאָלסט אומקומען אין זיינע קראַלן?
ווי ס'פלעגן מיינע צווייגן דיר אַ רופלאַץ שענקען,
ווען דיינע פליגל טרוימען רו און נאָך מנוחה בענקען?
אין נאָמען פון דער פרייד פון שפּילן מיט די פריינדינס דיינע,
וואָס האָסט אין מיין געצווייג געגאָסן, הער די ביטע מיינע:

באזוך די דיניע, זאָל זי זוימען עטלעכע מיר שענקען,
און זאָג איר: ווען זיי וועלן אויפגיין, וועל איך זי געדענקען,
און זיך צו זיי, ווי צו די קינדער לייבלעכע, באציען;
און כ׳בעט דיך, אַז דו זאָלסט מיט אַלע כוחות זיך באמיען,
דיין וואָרט זאָל האָבן קראַפט און קאָנען איבערצייגן יעדן;
נאָר דאַרף איך דיר, דער קינסטלערין פון וואָרט, דען לערנען רעדן?!
כ׳וועל קעגנזייטיק לאָזן דיך מיט דיין געזינדל ווינען
אין מיין געצוויג, און נישט פאַרלאַנגען, דו זאָלסט מיך באַלוינען. —
איז די סאַראָקע אויף א נייעם אַמאָך איינגעגאַנגען:
די ווערבע זאָל קיין מאָרדערס נישט דערלאָזן, נישט קיין שלאַנגען,
און, אויפגעשטעלט דעם עק, זי מוט זיך מיטן קאָפּ צום באָדן
פון צווייג אַראָפּ אַ לאָז, אויף אירע פליגל אָנגעלאָדן;
און, פּאַטשנדיק מיט זיי די לופט, זי קוקט זיך אום טשעקאַווע
און קערעוועט הין־און־הער זיך מיטן ווײַדל־רודער זשוואַווע,
געפינט אַ דיניע און באַגריסט זי לייטיש, די באַשערטע,
און פאַרזעלט אויס אַן גרויסער מי די זוימען די באַגערטע.
געבראַכט זיי, אויפגענומען פון דער ווערבע פריידיק־ליבלעך,
צעגראָבט זי מיט די פיסלעך אונטער איר אין באָדן גריבלעך,
פאַרזעצט די זוימען מיטן שנאָבל: — פאַרטיק. ווערבע, גרייט זיך! —
די זריעה שפּראָצט אינגיכן אַגיך, און איר געצווייג פאַרשפּרייט זיך
און כאַפּט אַרום די גאַנצע ווערבע מיט די בלעטער... גרוילן!
פון זון און שיין די שיינקייט פאַר דער ווערבע איז פאַרהוילן.
דערצו נאָך וואַקסן אויף די דיניעס צו איר ווי און שאָדן:
מיט זייער שווערקייט שלעפּן זיי אַראָפּ זי צו דעם באָדן
פאַר אירע עלנטע און ליידנדיקע שוואַכע ריטער.
זי וואָרפט און טרייסלט זיך אומזיסט אין ספּאַזמעס און אין ציטער,
צו שטערן די לאַגע, פון די דיניעס זיך באַפרייען,
און בלויז אויף טעג געציילטע קאָן די האָפענונג איר סטייען:
סע האָבן די געפלעכטן פעסט זי, ווי מיט שטריק, פאַרצויגן.
דערפאַר, דערזען ווי ס׳איז אַהער אַ וויכער אָנגעפלויגן,
ער זאָל אַ בלאָז טאָן שטאַרקער, בעט זי אים: „גענוג געליטן!".
אין יענער רגע פּלאַצט דער ווערבעס פוילער שטאַם אינמיטן
אַזש ביז די וואָרצלען, און צעפּאַלט זיך. אין געווין פאַרגייט זי,
אַז נישט פאַר גליק איז זי באַשאַפן, איצטער ערשט פאַרשטייט זי.

וואַרשע. סעפּטעמבער, 1955

אַ שפּין

אַ פליג איז נעץ צו פֿאַנגען איילט אַ שפּין זיך מיט סכנות,
נאָר ס׳פּאַקט אים דאָ אַ שערשען און דערהרגעט אָן רחמנות.

אַ ראַק

פֿון הינטער פֿעלדזן טשאַטעוועט אַ ראַק: אַריינגעשווומען
עס זענען פֿיש; נאָר אַ געוועסער איז זיי נאָכגעקומען,
אין זיין געבראָוויז — אַ מבול שטיינער, וואָס נאָך חורבן דורשטן,
און, זיך איינאַנדער רייבנדיק, דעם ראַק זיי גלייך צעמורשטן.

דאָס אייזל און דאָס אייז

אַן אייזל איז געשלאָפֿן אויף דעם אייזדעק פֿון אַ וואַסער.
דערוואַרעמט פֿון זיין לייב, צעשמעלצט דאָס אייז, ווערט נאַסער, נאַסער.
צום אומגליק זיינעם כאַפּט ער אויף זיך, אין דער נעץ געטונקען,
שפּרינגט אויף און פֿאַלט, און ווערט צום טיפֿן דנאָ אַראָפּ פֿאַרזונקען.

אַ מערעשקעלע און אַ פּראָסע־זערנעלע

אַ מערעשקעלע האָט אַ פּראָסע־זערנעלע געפֿונען.
דאָס זערנעלע נעמט בעטן זיך, נישט קאָנענדיק אַנטרונען:
— פֿאַרשאַף מיר אין דיין חסד פֿרייד, כ׳זאָל אָנהייבן צו שפּראָצן,
כ׳וועל הונדערטפֿאַכיק דיר באַלוינען. — ס׳איז געשען זיין רצון.

וואַרשע. סעפּטעמבער, 1955

אַן אויסטער, אַ שטשור און אַ קאַץ

אַן אויסטער, וועלכער איז ביינאַנד מיט פיש געווען געפאַנגען,
איז צו אַ׳ פישערס שטיבל ביי דעם ברעג פון ים דערגאַנגען;
אין שטיבל ביי אַ שטשור, ער זאָל צום ים אים טראָגן, בעט ער.
דער שטשור אים הייסט זיך עפענען: ער טראַכט, אים פרעסן וועט ער,
און טוט אַ ביס אים. יענער שליסט זיך צו און האַלט שוין פעסט אים
ביים קעפל. גייט פאַרביי אַ קאַץ — אַ שפרונג, אַ כאַפּ, און פרעסט אים.

אַ פאַלק און אַ קאַטשקע

דעם פאַלק פאַרלאַזט דער חשק דער געדולדיקער צו קוקן
אין וואַסער, ווו די קאַטשקע האַלט אין איין זיך אונטערטוקן
און אויסבאַהאַלטן, נורקעוועט ער אויך: ער מוז זי קריגן!
נאָר דורכגענעצט די פעדערן, ער בלייבט שוין דאָרטן ליגן;
די קאַטשקע אָבער טוט אַ פלי און פון דער הייך לאַכט אויסעט
דעם פאַלק, וואָס ליגט שוין אויפן גרונט און, טרינקענדיק זיך, גויסעט.

אַן אויסטער און אַ ראַק

אַן אויסטער זיך עפנט אַקעגן דער פולער לבנה.
אַ שטיינדעלע וואַרפט אים אַ ראַק מיט אַ בייזער כוונה.
דער אויסטער זיך מאַטערט און קאָן נישט צוריק זיך פאַרשליסן,
און ס׳נעמט אים דער זעלביקער ראַק אַלס דערנערונג געניסן. —
אַזוי געשעט יענעם, וואָס אַלץ, וואָס ער ווייסט נאָר, דאָס רעדט ער:
ער ווערט פאַרן אויסגעבן סודות אַ רויב פאַר פאַרעטער.

א מאלפע און א פייגעלע

דעריזען א נעסט, די מאלפע איז צו איר מיט פרייד געלאפן,
נאר האט די פייגעלעך, געזוויקסיקע, שוין נישט געטראפן,
פארבליבן איז דאס יינגסטע בלויז. זי טוט מיט פרייד א כאפ עס
צו ברענגען עס צו זיך אין היל. זי האלט עס אין די לאפעס,
באטראכט עס, און באוואונדערט עס, און קושט עס. זי אנטציקט איז,
און טוט א דריק ועס מחמת שטארקער ליבע אין דערשטיקט עס. —
דער מאן, וואס אלם דערציער אומפארשטאנדיק פון נאטור איז,
פארשאפט די קינדער, ווי די מאלפע יענע, צרות-צרורות.

ווארשע. סעפטעמבער, 1955

דער הונט און די פלוי

אויף א שאפן-קאזשוך אויסגעצויגן
ליגט א הונט, מיט האלב פארמאכטע אויגן,
איינגעהארכט ווי פליי דארט שפרינגען אויף זיין פעל:
וועט ער פאקן וועלכע, מאכט ער גלייך פון איר תל-תל.
דא דערגייט צום נעזל פון א פלוי דער ריח
פון דער פעטער שאפן-וואל, און ס'פאלט איר איין:
„דארט וואלט בעסער מיר געווען, פארשטיי איך —
פטור פונעם כלב!" און — אהין א שפרונג אריין.
איצטער שטרענגט זי אן זיך צו דער פעל זיך צו דערקריגן.
נאר די וואל-האר צו איינאנדער צוגעפרעסטע ליגן,
אז — אומזיסט איר שוויצן און איר גארער פליים,
כאטש אויף שטיקלעך נעם און זיך צערייס!
וויל זי צוריק — נישטא דער הונט שוין! וויינט זי, קלאגט פאר צרות
און פון הונגער שטארבט לסוף; די וואל — איר בית-הקברות.

אַן איינפאַל

אַ צונג, וואָס ס'האָבן זי די ציין די אייגענע צעביסן.

דער שפּין און די טרויבן

דער שפּין, אַ וווינונג אויסגעוויילט זיך צווישן טרויבן, פלעג
זיך לאָזן אויף די פליגן דאָרטן אין געיעג.
נאָר ווען עס האָט די האַרבסט־צייט זיך געשטעלט, מע האָט'ן
צוזאַמען מיט די טרויבן, מיט די פליגן גלייך, צעטראָטן.

אַ מייזל, אַ ווייזעלע און אַ קאַץ

אַ מייזל, וואָס זיין נאָרע גראָד געפינט זיך אין טשערעט,
דערזעט —
מיט קלאַפּניש אין הערצל און מיט אויגן שטאַרע —
אַ ווייזעלע קוקט אָן אים לויערנדיק דורך אַ שפּאַרע.
ווי דאָ שפּרינגט צו אַ קאַץ, אַ כאַפּ דאָס ווייזעלע און... און —
נישטאָ קיין זכר שוין דערפון.
אויס דאנקבארקייט דאָס מייזל ברענגט מיט פרייד־געציטער
אַ קרבן פון די ניסלעך זיינע פאַרן גאָט יופּיטער;
נאָר ווען עס לאָזט זיך פון דער נאָרע אויף דער פריי שוין — באַץ! —
עס צאַפּלט אין די קראַלן און די ציינער פון דער קאַץ,
און פאַר דער פרייהייט, וואָס עס האָט זיך אויסגעמאָלן,
מיט אומקום מוז עס צאָלן.

א פויער און א ווייַנשטאָק

אַ פּויער, טראַכטנדיק, אַז ס׳וועט דער ווייַנשטאָק מאַכן רייַך אים,
באַוואָרנט אים מיט אונטערשפּאַרן, וועלכע זאָלן האַלטן גלייַך אים.
די פּרוכט אַראָפּגענומען, ער פאַרברענט די אונטערשפּאַרן,
דעם ווייַנשטאָקס גורל זאָל אים אויף אַ האָרעלע כאָטש אַרן!

דער פויער און דער ווייַנגאָרטן

(וואַריאַנט פון דער איבערזעצונג)

אַ פּויער האָט באַזאָרגט זייַן ווייַנגאָרטן מיט פיל פּאַדפּאָרעס:
ער וועט דאָך ברענגען נוצן; ס׳איז כדאי די מי, וואָס וואָר איז.
ווי נאָר אָבער דאָס אייַנזאַמלען די טרויבן קומט צו ענד,
דעם ווייַנגאָרטן פאַרגעסט ער, די פּאַדפּאָרעס ער פאַרברענט.

א שפין און א העגנל ווייַנטרויבן

אַ טרויבן-העגנל, וואָס, צוליב זייַן זיסן אינהאַלט, בינען
און חמרים פליגן אין זייַן גאַנצקייט זיך אָפט געפינען,
ציט צו אַ שפּין. ער טראַכט: „אָט דאָ צו זייַן אין „אינו-נראה״ *
און לויערן וועט זייַן צום בעסטן; דאָ וועט זייַן מייַן דירה!״
און אָט-אָ זיצט ער יעדן טאָג דאָ אין זייַן שפּינוועבס-טויער
און דורך די שפּאַרעס צווישן טרויבן, ווי אַ גזלן, לויערט
אויף אַ באַשעפעניש. ביז איינמאָל שטעלט זיך דער פרימאָרגן
פון אַלגעמיינעם ווייַנלייען**, און דער ווייַנגאָרטנער אָן זאָרגן
שנייַדט אָפּ דאָס העגנל טרויבן, און דורך דעם דער טויט דער האַרטער
פאַרשנייַדט דעם שפּין דעם שווינדלער מיט דער פליג דער אָפּגעצאַרטער.

וואַרשע. אָקטאָבער, 1955

---

* אינו-נראה (אייַנע-נירע) — אומגעזעענער.

** אייַנזאַמלונג פון ווייַנטרויבן.

אַן איינפֿאַל

ס'איז דער ווײַן זיך נוקם אין דעם שיכּור, וועלכער טרינקט אים.

אַ לעגענדע וועגן ווײַן און מחמדן

אין אַ באָקאַל, אַ גאָלדגעגאָסענער, פֿאַרצירט־געבלימטער,
איז ווײַן, דער טרויבן־זאַפֿט דער געטלעכער און פֿיל־באַרימטער,
געשטאַנען פֿאַר מחמדן, שטאָלץ הערמיט אקעגן ווײַנען,
נאָר באַלד, אַרײַנגעטראַכט זיך טיפֿער, הייבט ער אָן צו טענהן:
„וואָס טו איך? און וואָס פֿרײַ איך זיך, ווען כ'גיי דעם טויט אַקעגן?
דעם גאָלדענעם באָקאַל פֿאַרלאָזן? און פֿאַר וועמעס וועגן?
אין אוועדיקן תּהום פֿון מענטשנס אינגעווייד דעם מיסן
אַרײַנצוגיין, איך זאָל פֿון זאַפֿט וווילשמעקנדיקן, זיסן
אין אַ חלשותדיקער פֿליסיקייט זיך דאָרט פֿאַרקערן?
און ס'איז די צרה גרעסער נאָך: איך וועל פֿאַרוואָגלט ווערן
אין שמוציקע מקומות, און נישט קאָנען זיך צעשיידן
מיט די פֿאַרפֿוילטע שטאָפֿן פֿונעם מענטשנס אינגעווייד".
נקמה פֿאָדערט ער פֿון הימל פֿאַר אַזאַ פֿאַרשעמען,
צו דער דערנידעריקונג דער העסלעכער אַ סוף זאָל נעמען!
און אויב דער קאַנט געבוירט אין גאַר דער וועלט די בעסטע טרויבן,
זאָל ווײַן פֿון זיי צו מאַכן מער דער הימל נישט דערלויבן.
און ווען מחמד טרינקט אוים דעם ווײַן דעם בייזן, מאַכט יופּיטער,
ער זאָל אים גיין אין די געהירן. אַ צעררייצט־צעגליטער
און ווי מטורף, שטותים פֿיל באַגייט ער, מאַכט טעותים.
ווען דער צוריקגעקומענער באַוווסטזיין ברענגט פֿאַרדרוס אים,
פֿאַרווערט ער טרינקען ווײַן די אַזיאַטן פֿון זײַן גלויבן:
פֿון דעמלט אָן זיי מײַדן אויס דעם ווײַנשטאָק מיט די טרויבן.

וואַרשע, אָקטאָבער, 1955

דער מלכהס שפיגל

דער שפיגל גרייסט זיך: „זעט, די מלכה שפיגלט זיך אין מיר!"
ווי נאַר די מלכה גייט אַוועק, (בלייבט ליידיק ער, ווי פריער)*.

א פייער און א קעסל

אין וואַרעמען אַש איז אַ קליינינקע קויל זיך געלעגן,
אַ פינקל האָט קוים פונעם רעשט פון איר זאַפט נאָך געקריגן
אַ קאַרגע דערנערונג. ווי דאָ איז די קעכין געקומען
און האָט זי, ווי תמיד, די קיך צו באַדינען גענומען:
אַריינגעלייגט האָלץ אינעם אויוון, דערכאַפּט זי ביים לעבן
דאָס פינקל, וואָס לעשט זיך אָט-באַלד, מיט א קנייטעלע שוועבל;
א שייטל כאַפּט אָן זיך, פון דעם כאַפּט זיך אָן באַלד אַ שכן,
און שטעלנדיק איבערן פייער אַ קעסל צום קאָכן,
א רואיקע גייט זי ארויס, מיט אַ מוטיקן רוקן.
דאָס פייער, צופרידן: ס'איז האָלץ דאָ אַ סך און ס'איז טרוקן,
נעמט הייבן ארויף זיך, די לופט דורך די האָלץ-שפּאַרעס יאָגן,
דורך שפּאַסהאַפטן, פריילעכן צוגווינט זיך ווייקלען, צעטראָגן.
סע קריכט שוין אריבער די בלויזן צעווישן די שייטן
און מאַכט פון זיי פענצטערלעך פיינע צו קוקן צו ווייטן;
סע בלינצלט, ווערט רויט, און סע בליאַסקעט און פלאַמען צעטראָגט עס,
און פלוצעם פון קיך דער פאַרמאַכטער די שאָטנס צעיאָגט עס.
ס'דערנערט זיך דער פלאַם מיט דער לופט און מתיקותדיק-מונטער
צערוישט זיך, צעוואַקסט זיך כסדר, און פיין זינגט ער אונטער
אַ מילדע מעלאָדיע...**

---

* די פאַרקלאַמערטע ווערטער זענען אין אָריגינאַל נישטאָ.

** דאָ טרעפן זיך וואָרשיינלעך צוגויף צוויי נישט צונויפגעשמאָלצענע באַאַר-בעטונגען פון איין געדאַנק, וואָס זיין מאָראַל וואָלט געקאָנט זיין די שטראָף פאַר אומטעטיקייט און זשערנעקייט. אפשר איז אַנטשטאַנען אַ שרפה, און מ'האָט דאָס פייער איינגעלאָשן מיטן וואַסער פונעם קעסל, אָדער אפשר האָט דאָס וואַסער אויפזידנדיק פאַרגאָסן דאָס פייער.

צופרידן פון הַלץ, וואָס אין אויוון,
פון טרוקענעם האָלץ, נעמט דאָס פייער אַרויפקריכן אויבן,
צעברענט זיך, צעשפּילט זיך און פלעמלעך פאַרפלעכט מיט די שייטן,
וואָס קריכן אַריין דורך די שפּאַרעס צו זיי אין די זייטן,
און, לויפנדיק יום־טובדיק, פריילעך — לויף נאָך עס און כאַפּ עס! —
סע לייכט שוין אַצינדער פון שפּאַרעס אין אייבערשטע שטשאַפּעס,
ווי ס׳וואָלט זיך דאָ פריילעכע פענצטער געמאַכט אויף צו קוקן.
נאָר זעענדיק זיך, ווי סע וואַקסט און ווערט שטאַרקער מסוכן,
פאַרלירט עס דאָס שטילע געמיט, דעם כאַראַקטער דעם מילדן
און הייבט זיך אָן בלאָזן פון שטאָלץ אומדערטרעגלעכן, ווילדן,
סע דאַכט זיך דעם אויס, אַז סע האָט די סמיכע פון אויבן *
אַראָפּגעשלעפּט אונטן. און ס׳הייבט אָן צו פרישען פון אויוון
און שיסן מיט בלענדיקן פונקען־פּאַרזיי אָן אַן אויפהער,
און וואַרפן מיט מעכטיקע פלאַמען, וואָס גיסן צונויף זיך...
און די, וועלכע האָבן צו סאַמע דער הייך זיך דערטראָגן,
אין דנאָ פונעם קעסל זיי הייבן אָן איצטער צו שלאָגן...

* די פייער־סמיכע.

פון דער פוילישער משלים־דיכטונג

פון ביערנאַט פון לובלין

שלום בויט, קריג ברענגט טויט

געהאַט האָט איינער זין, נאָר נישט קיין פאַרגעניגן:
זיי פלעגן אָן א שום פאַרוואָס זיך תמיד קריגן;
אַזש פון באַגינען ביז ביינאַכט, צו יעדער צייט,
די שטוב פלעגט פול זיין מיט געשלעג און רייסערייען,
וואָס קוים זיך איינגעשטילט, זיי ווידער זיך באַנייען:
עס פלעגן שכנים האַלטן פון דער שטוב זיך ווייט.

ביז איינמאָל זאָגט דער טאַטע: — זעצט זיך, יונגען בראַווע,
איך וועל אייך ווייזן באַלד אַ קונצשטיק אַ טשיקאַווע.
איר זעט, איך האַלט אַ בינטל לייסטעלעך אין האַנט,
און איר — פון אייך זיך יעדער פאַרן שטאַרקסטן רעכנט, —
איז לאָמיר זען, ווער דאָס בינטל וועט צעברעכן,
און ווער דאָס אויסצופירן וועט נישט זיין אימשטאַנד.

זיי פרוון איינער נאָכן צווייטן, און זיי שוויצן,
זיי שטרענגען אָן די מוסקלען, אַזש די ציינער קריצן,
(דערביי דער טאַטע שמייכלט אונטער דורכאַנאַנד),
עס העלפט זיך איינער מיט א זידלוואָרט, דער דריטער
דעם טייוול רופט צו הילף, מיט קללות שיט ער,
צעברעכן אָבער — לא! אַז כאַפּט עס שוין די בראַנד!

— ס'וועט, טאַטע, קיינער נישט פֿון אונדז די קונץ באַווייזן, —
אים זאָגט דער עלטסטער זון — ס'איז ווי צו ברעכן אײַזן! —
— איז רוט זיך אָפּ. — דער טאַטע שמייכלט — איך פֿאַרשטיי,
איך וואָלט דאָס בינטל אפשר דאַרפֿן דינער מאַכן,
קאָן זײַן עס איז נישט פֿאַרן כוח פֿון אַ שוואַכן,
פֿונדעסטוועגן וועל א י ך צעברעכן עס איינס-צוויי.

די יונגע זענען בייז און אויפֿגעקאָכט געוואָרן:
— ס'איז נישט פֿאַר דײַנע כוחות, נישט פֿאַר דײַנע יאָרן! —
דער טאַטע האָט דאָס בינטל אויפֿגעבונדן און
אָן מי צעבראָכן יעדעס ליסטעלע באַזונדער:
— איך האָב אייך נישט גענאַרט און נישט באַוויזן וווּנדער,
אַזוי איז עס אין לעבן... וואָס זשע דרינגט דערפֿון?

ווען ברידער האַלטן זיך נישט ברידערלעך אינאיינעם,
איז קאָנען זיי זיך נישט אַנטקעגנשטעלן קיינעם,
און עס דערוואַרט זיי פֿרעמדע קלעפּ פֿון לינקס און רעכטס;
אַזוי איז עס פֿון אייביק אָן אין אַלע צייטן,
אַז איינִיקייט און קראַפֿט דאָס אייגענע באַדייטן.
איז לעבט אין שלום — וועט איך מיידן אַלדאָס שלעכטס.

דאָס שוואַנענגעזאַנג

אַזוי איז דער שוואַן פֿונעם טאָג פֿון געבוירן, אַזוי שוין:
ער האָט נישט קיין מורא צו שטאַרבן, און הערט ער ווי ס׳רוישן
די פֿליגל פֿון טויט איבער אים, זינגט ער אויף צו די שטערן,
און יעדעס באַשעפֿעניש הערט ווי מיט שרעק אים, נישט גערן.

איז איינמאָל דאָס וווּנדער־ליד איבערן טייך זיך צעגאַנגען.
דער בושל בלייבט שטיין, האָרכט זיך איין, קוקט אַרום זיך געפֿאַנגען,
און ענדלעך — אַ פּאַך מיט די פֿליגל, ער איילט זיך, נעמט יאָגן,
צו טרעפֿן דעם שוואַן ביי דעם לעבן און עפּעס אים זאָגן.

— מיין טייערער, וואָס איז געשען, וואָס איך הער דיר איצט זינגען
גאָר אַנדערש ווי תּמיד? ווי וווּנדערלעך! זאָל איך מיר דרינגען —
דו האָסט שוין דערפֿילט, אַז געזעגנסט זיך אָפּ מיטן לעבן?
צי האָסטו אַן ענטפֿער אַ צווייטן דערויף מיר צו געבן?

— האָסט, בושל, געטראָפֿן, ווי נאָר ס׳וועט די שקיעה באַפֿאַרבן
דעם הימל, באַטרעט איך די שוועל פֿונעם טויט; איך גיי שטאַרבן.
— ווי שרעקלעך! — צעזיפֿצט זיך דער בושל איבערדריי ען געבויגן. —
ווי קאָנסטו איצט זינגען, ווען ס׳קוקט דיר דער טויט אין די אויגן?

— דער טויט איז באַפֿרייונג, ער שווידערט נישט אויף מיינע ביינער.
וואָס ציטערט איר איבערן לעבן אַזוי יעדער איינער?
אַזוי ווי אין עפּעס אַ תּפֿיסה דאָ לעבן דאָך אַלע,
פֿאַרגעסן דעם כּבֿוד, וואָס וועט וועלן ערשט דאָרטן נתגלה:

דאָרט ציט זיך אַ וועג, וואָס איז לויטער און קיינמאָל נישט שוואַרץ איז,
אויף וועלכן ס'וועט גיין יעדער איינער, וואָס לויטער זיין האַרץ איז.
אין לעבן דעם נייעם וועט ס'וועט אים באַטרעטן דאָרט, יענעם
וועט מער נישט באַשערט זיין קיין וויי, נישט קיין שמוץ, נישט קיין
גיהנום.

און איך, וואָס מיין פאַרגעפּיל זאָגט מיר, אַז גוט וועט מיר ווערן,
זינג הויך איצט מיין שוואַנעליד, הימל און ערד זאָלן הערן.

וואַרשע. דעצעמבער, 1954

פון איגנאַצי קראַשיצקי

דער ווײַן און דאָס וואַסער

צום וואַסער האָט אַמאָל אַ זאָג געטאָן דער ווײַן פאַרריסן:
— דיך טרינקען פּויערים, פון מיר די אַדללײַט געניסן.
— זיי וואָלטן נישט געטרונקען דיך, — דאָס וואַסער זאָגט באַשיידן —
ווען נישט די פּויערים, וואָס האָרעווען איף זיי און ליידן.

וועלפעלעך

חריי וועלפעלעך: אַ בונטס, אַ שוואַרצס, אַ גרוילעך-ברוינס — דאָס קלענסטע,
זיך נעמען קריגן, ווער פון זיי עס איז דאָס שענסטע.
דאָס ערשטע זאָגט: — איך בין אַ זעלטנקייט; און איר?
דאָס צווייטע זאָגט: — „און איך? איך בין פון איין קאָליר.״
דאָס דריטע זאָגט: „און איך בין ענלעך צו דער מאמען!״
מע קריגט זיך און מע טומלט יעדער איינער און צוזאַמען.
ווי דאָ קומט אָן די וועלפיכע צו גיין,
און כאַפּט זיך פאַרן קאָפּ: — איר קריגט זיך,
בעת איר זענט אין וואַלד אַליין?!
וואָלט עמיץ גליבן, אַז אַזוינס געשיקט זיך? —
איז נעמען זיי דערציילן ווער, און וויאַזוי, און וואָס:
זיי אויסגעהאָרכט, זי טענהט מיט פאַרדראָס:
— איר קריגט זיך, וועמעס פעל איז שיין און וועמעס מיאוס, קינדער, —
איך הער עס נישט פון אייך דאָס ערשטע מאָל אַצינדער.
דאָס פּאַסט נישט פאַר קיין וואָלף, פאַר אונדזער זגאל
אין קיין שום פאַל.
און אויב איר וועט אַזוי זיך ווייטער פירן
און אַלץ אין געזעמל נאַריש דיספּוטירן,
ווייסט איר וועמען ס׳וועט דער שכל נישט פאַרפירן?
אַ שיסער וועט לדין אייך לאָדן מיט אַ קנאַק,
און ס׳וועט אַ רויכוואַרגער אַרויסטראָגן דעם פּסק.

וואַרשע. אויגוסט, 1954

פריינד

גענייסנדיק פון פרייהייט, פלעגט אַ יונגיק העזל
זיך פיטערן אין פעלד, אין גאָרטן מיט אַ גרעזל
און מיט אַ בלעטל — ווי יאַ מאָל עס טרעפט, פאַרשידן,
און לעבן גוט מיט אַלעמען אין פרידן.
און ווייל ס׳איז לייטיש, מילד און שיין געווען אַ נחת,
האָט יעדע חיה זיך מיט דעם באַפריינדעט נפש-אחת;
דאָס העזל האָט אין פריילעכקייט פון אַלץ געגאָסן,
און ס׳איז אין פריינדשאַפט ס׳לעבן זיינס פאַרפלאָסן.
נאָר איינמאָל, אויף אַ לאָנקע איז עס אומגעשפרונגען,
אַ טרובע-שאַלן האָט מיט שרעק עס דורכגעדרונגען,
אַ בילעריי פון הינט, אַ ליאַרעם פונעם וואַלד דערטראָגט זיך —
ס׳בלייבט שטיין, האָרכט איין זיך, וואונדערט זיך און מיט דער העזה שלאָגט זיך;
דער ליאַרעם קומט אַלץ נעענטער, אַ רגע און אַ צווייטע,
און ס׳מאַכט דאָס העזל פליטה.
אַ קוק אַהינטער — שיסערס, הינט צוויי, אים צו פאַקן גרייטע.
ס׳טוט אַ וואָרף זיך אויפן וועג מיט שרעק באַזייטער
און לויפט, און פון די הינט דערווייטערט זיך אַלץ ווייטער.
אַ פערד באַגעגנט, נעמט עס בעטן רחמים: — „העלף מיר! גיכער!
לאָז אויפזיצן אויף זיך און טו אַ טראָג מיך ווי אַ וויכער!”
און ס׳פערד: — איך קאָן נישט, ס׳וועלן אַנדערע דיר העלפן זיכער. —
ווי דאָ — אַן אָקס. — „אָ, ברודער, העלף! איך גיי אַראָפּ פון זינען!”
דער אָקס: — וועסט ווירקלעך נישט קיין סך, ווי איך, געפינען.

נאָר שטיי, פאַרשטעק זיך אינעם גראָז און הער אויף שרייען,
סע וואַרט אויף מיר א טעלעצוע, איך וועל זיך לאנג נישט היטען.
דערווייל, אַט שטייט דער צאַפּ, ער וועט דיר העלפן גערן.
— איך פיל דיך נעבעך מיט, — דער צאַפּ נעמט דעם דערקלערן —
נאָר ס׳איז מיין רוקן האַרט, און שמערצן דיר פאַרשאַפן וועט ער;
אַט דאָ נישט ווייט גייט אום א שעפּס, מיט וואָל אן אויסגעבעטער,
ווי טאקע צוגעגרייט צום זיצן ווייך פונדיינעטוועגן. —
דערויף דער שעפּס: — כ׳בין נישט דאקעגן,
נאָר אין אַוועלכן העק איך זאָל דיך נישט פאַרטראָגן,
די הינט, אונדז ביידן אויפצופרעסן, וועלן מיך דעריאָגן;
דו ווענד זיך צו דער קאלב, וואָס פיטערט זיך דאלעבן.
— אַז ס׳האָבן דיר די עלטערע דעם רוקן נישט געגעבן,
איז ווי זאָל איך?! — האָט אָנגעשטעלט אויף דעם די קאַלב די אויגן
און אָפּגעצויגן.
און ווי דאָס העזל איז אין קרייז פון האַרץ־פרייַנד דאָ געזעסן,
אַן הילף פון קיינעם, האָבן עס די כלבים אויפגעפרעסן.

פֿון אַבֿרהם נאַרושעוויטש

דער סאָלאָוויי און דער גימפּל

דער גימפּל פֿלעגט זיך עפּטערס טרעפֿן מיטן סאָלאָוויי,
און ס'האָט פֿאַרבונדן זיך אַ גוטע־פֿריינדשאַפֿט צווישן זיי;
דער ערשטער האָט געטראָגן פּרעכטיקע מלבושים,
דער צווייטער האָט געהאַט אַ קעלכל אויף חידושים.

ווי נאָר זיי קומען אײנעם וואַלד צו פֿליען, בלײַבן שטיין,
דער סאָלאָוויי געפֿינט אין קיינעמס אויגן נישט קיין חן,
צו גימפּלען בלויז צײַט יעדן: — אַ מאַנאַרך, נישט מינער!
און דער פֿאַרדינט זיך נישט צו זײַן בײַ אים אַ דינער! —

נאָר ווען דער סאָלאָוויי צעזינגט זיך הערלעך, לויטער־ריין,
און אַלע אָנערקענען — זײַן געזאַנג איז מלא־חן, —
צום סאָלאָוויי, דער גימפּל, אײנעם קלייד דעם רײַכן,
דו קאָנסט זיך, ווי דער פּאַפּ צום אָרגאַניסט, נישט גלײַכן.

צי ווייניק זענען דאָ אַזעלכע גימפּלען אויף דער וועלט,
פֿון גאווה אָנגעבלאָזענע, כאָטש זיי פֿאַרדינסטן פֿעלט?
זיי זענען גרויס בלויז אויסערלעך, און ס'א באַוווּסטע זאַך:
ס'מאַכט נישט קיינעם דאָס מאַנאַכן־קלייד פֿאַר אַ מאַנאַך.

וואַרשע. סעפּטעמבער, 1954

פון סטאַניסלאַוו טרעמבעצקי

דער הירש, וואָס באַטראַכט זיך אליין

אַנומלט האָט אַ הירש אין וואַסער לויטער־ריינע
באַטראַכט זיין שיינקייט,
באַוווּנדערט די צעצווייגטע הערנער זיינע.
דערזעען אָבער די דינע פיס ווי שטעקלעך,
ער טרעט אַרויס אַקעגן דעם באַשעפער מיט אַ טענה:
— אַזאַ פּראַפּאָרץ? אַזאַ־אָ קאָפּ, און פיס אַזעלכע? שרעקלעך!
מיך מאַכן עגלעך צו אַ קוסט די הערנער — צווייגן,
ס'באַשפּעטן מיך די פיס — ווי קאָן מען שווייגן? —
דאָ קוקט ער זיך אַרום, נישט איבעררייסנדיק דאָס קלאָגן,
און מיטאַמאָל דערזעט אַ יעגערהונט אַהער זיך יאָגן,
און ערגעץ נאָענט בילט אַ מחנה כלבים אָפּגעלאָזטע.
עס יאָגט די שרעק אים, טיף אין וואַלד זיך צו באַהאַלטן,
נאָר ס'ווערט געשטערט זיין פלינקייט, ווייל — אָט האָסטו דיר, אָט האָסטו!
ס'פּאַרטשעפּען זיך די הערנער אַלע ווילע און פאַרהאַלטן.
וואָס אמת, ער איז אָפּגעקומען מיטן פּחד בלויז,
נאָר ס'האָבן אים די יעגערהינט צעלעכערט שטאַרק די הויז.

ווער ס'האָט אין זאַכן ליב די שיינקייט בלויז און שעמט זיך
מיט זאַכן נוציקע, ליידט אָפטער אומגעהייער,
ווי יענער הירש, וואָס האָט צוליב די פיס געקלעמט זיך,
און ס'איז דער פון דער שעדלעכער געווען אים טייער.

פון טאָמאַש קאַיעטאַן װענגיערסקי

די שפּערלעך און דער קאַשטשאַל

אַ הילצערנער קאַשטשאַל, אַ זאַטער מיט יאָרן,
פאַר טויזנטער שפּערלעך אַ נעסט איז געוואָרן.
דער פּראָבאָשטש, געטריי זײַנע הייליקע פליכטן,
באַשליסט, אַז מע דאַרף איִם, דעם קאַשטשאַל, פאַרריכטן.
עס הילכט אַרום קאַשטשאַל, די לופט איז צעציטערט,
די שפּערלעך פאַרלאָזן די נעסטן פאַרביטערט.
װען ס'איז דער רעמאָנט צו זײַן ענדע געקומען,
פאַרשאַפנדיק נחת דעם פּלעבאַן דעם פרומען,
די מחנה קומט צריק מיט געדויש, צװיטשערייען —
זיי װילן די װוינונגען װידער באַנייען.
נאָר זעט — אַלע לעכער פאַרלאַטעט שוין זענען,
איז װוּ װעט מען בויען די נעסטן דאָ קענען?!
פאַרזאָרגטע, צוריקװעגס זיי טענהן פאַרביסן:
— באמת, ס'איז זייער טשעקאַװע צו װיסן,
דער רייזיקער בנין אָט דער, דער פאַרפּוצטער,
פאַר װעמען, צו װאָס פאַר אַ צװעקן איצט נוצט ער?

פון יוליאַן אורסין ניעמצעוויטש

גאָלד און אייזן

אַ דוקאַט, אַ שטאָלצער מיט זיין גאָלד דעם שיינעם,
פּעסט געשלאָגן פון אַן אייזנהאַמער איינעם,
קרעכצט און אויף זיין גורל קלאָגט זיך מיט אַ טענה:
— ווי, צו וואָס איך האָב דערלעבט! ווי די יאָרן מיינע!
סאַראַ גרויסער בראָך פאַר מיר געדריקט צו ווערן
דורך אַ האַמער פון געמיינעם אייזן, שווערן —
דעם מעטאַל, וואָס ס׳וויל פון אים קיין גלאַנץ נישט וויסן...
— לאָז אַראָפּ פון טאָן. ווי שטאַרק דו ביסט פאַררריסן! —
טוט אַ הילך דער האַמער מיט אַ זעץ אין פּלייצע —
דאָס צו ענדערן איז נישט פאַראַן קיין עצה,
קיינער וועט פאַרקערט דעם אמת נישט באַווייזן —
תמיד ווערט דאָס גאָלד געשלאָגן פון דעם אייזן.

אויב אין לאַנד מיט אייזן מיר באַוואָרנט זענען,
זיך באַגיין מיט אַקער און מיט וואָפן קענען,
און עס היט אונדז זיכערקייט מיט מוט איינעם, —
דאַן באַזיגט אונדז נישט די גיריקייט פון קיינעם.

פון פראנטישעק מאראווסקי

דער אייזל און די קאלב

ס׳האט מיט א קאלב זיך דאס געטראפן —
אומזיסט דערשראקן זיך, אנטלאפן,
זי טוט א זידל זיך מיט צארן:
— אן אייזל איז פון מיר געווארן! —
נאר ווי זי מיט זיך — דאס באווייזן,
אן אייזל קומט אהער צו שפרייזן;
ער גייט, ער גייט פארטאן אין קלערן,
און — אין א וואנט א דויץ אין שטערן,
און, נישט קיין סך געטראכט ער זאגט זיך:
— איך בין א קאלב! — און ווייטער יאגט זיך.

ס׳טרעפט אויך א מענטש — פון זיך פארביטערט שפעט ער,
און פארט א צווייטן אין זיין פעלער זעט ער.

ווארשע. סעפטעמבער, 1954

די ווייסל

די פּוילישע שטראָמיקע ווייסל, וואָס ווייסט נישט וואָס רו איז,
וואָס טראָגט אויף די כוואַליעס באַלאָדענע שיפן מיט תבואות,
זי קאָן שוין די פרייהייט נישט איינהאַלטן לענגער:
אין אייז סע פאַרשמידט זי דער ווינטער הער שטרענגער
און חוזקט: — קוקט אָן זיך, ווי איר זענט געפאַלן,
פון קאַמישער פרייהייט פאַרשיכורטע וואַלן,
פאַרקאַוועט געוואָרן!
די דורכגייער טרעטן אויף אייערע רוקנס טאָג-טעגלעך,
מע קלאַפּט אייך — איר בלייבט אומבאַוועגלעך,
און ס'קאָן זיך אַ ליאַדע קאַלמיק אויף אייך פאָרן.
איר וואַגט נישט (דער יאָך דריקט אַזוי אייך)
אַפילו צו וואָרטשען אַקעגן, איר זענט נישט בכוח,
ווייל ס'הערשן די ווינטן די פּראָסטיקע-קאַלטע!
— ס'איז אמת, ביסט אויסערגעוויינלעך פאַרביסן —
פון הינטער די טאַטרען אַ שטים קומט צו פליסן,
דאָס ענטפערט, געלענט אויף איר אורנע*, די ווייסל די אַלטע —
פונדעסטוועגן מוז זיך דיין מאַכט ערגעץ עקן;
אָט אונטערן אייז, וואָס איז פעסט אומגעהייער,
מיין שטראָם פליסט אַ דרייסטער, אַ פרייער,
און אים צו פאַרהאַלטן דיין קראַפט וועט נישט קלעקן.

---

* געלענט אויף איר אורנע — דער אויטאָר האָט דאָ זיכער אין זינען די באַקאַנטע אַלעגאָרישע סטאַטוע פון דער ווייסל אַלס אַ שיינע פרוי אָנגעלענט אויף אַן אורנע, וועלכע באַצירט די קעניגלעכע לאַזשענקעס אין וואַרשע.

ווי נאָר ס׳וועט מיין זון איבער מיר זיך צעבליען,
וועט ראַפּטעם דער שמח פון אייז זיך צעפליען,
די שנייען, וואָס דו האָסט פאַרטראָגן, באַהאַלטן,
דו חוצפּהניק איינער, אין בערגיקע שפּאַלטן,
אויך זיי וועלן ברענגען מיר מוט און באַנייונג,
צעברעכן דיין צוואַנג אין געוויש פון באַפרייונג.
איז מעגסטו די ווינטן פון צפון נאָך שטאַרקער צעבלאָזן,
פאַרקלעמען מיין שטראָם דעם פאַרשמעלטן מיט ווילדן רגזון!
דו ווייסט נישט פאַרהאַלטן דעם פרילינג, ער דיך וועט פאַרטרייבן
אין דיינע מקומות, די ווייסל וועט ווייסל פאַרבלייבן!

וואַרשע. אָקטאָבער, 1955

פון אַדאַם מיצקעוויטש

דער רב און די פלוי

פאַרטאָן אין לערנען און געקראַצט זיך מתם-אזוי,
הערפילט דער רב — עס בייסט באמת אים אַ פלוי!
ער הייבט אָן לויערן אויף איר פאַרדריסלעך...
געפּאַקט! זי קנייט שוין, צוגעדריקט, אין הוילער שרעק —
מיט פלינקייט וועט זי ערשט פון דאַנען נישט אַוועק.
זי שטרעקט צו אים תחנונימדיק די פיסלעך:
— זייט מוחל, רב, די שטיפעריייען פון אַ קינד!
צי קאָן אַ חכם מחמת צאָרן ווערן בלינד?
צי מעג אָן איינזיקל פון די לוויים בלוט פאַרגיסן?
— המם... בלוט פאַר בלוט! — קאָכט אויף דער רב אויף איר געבעט —
בליעלס* זוימען! פלישתרין**, פון פרעמדע בלוטן פעט!
די מערעשקע לאָדט אָן איר שפּייכלער דורך סכנות,
ס׳גרייט וואקס און האָניק צו די ארבעטזאַמע בין;
בלויז דו דרייסט אום זיך מיטן ליידער אָן אַ זין. —
פאַרענדיקט, הייבט ער אָן זי שטיקן אָן רחמנות.
די פלוי גייט אוים און לאָזט אַרוים אַ זיפּצעלע לסוף:
— פון וואָס לעבסטו דען, רב?

פּאָסטסקריפּטום פוגעם איבערזעצער:
דער משל האָט דערצערנט שטאַרק מיין זיידן:
— די מעשה איז נישט מיט קיין רב געשען!
דער שרייבער האָט עס ביי אַ קשאַנדז געזען! —
האָב איך געשמייכלט: ס׳איז געשען מיטביידן.

* בליעל (בלי-יאַאַל) — אַ ביבלישער נאָמען, הערשער פון די שדים.

** פלישתים (פלישטים) — אַ פאָלק, וואָס פלעגט פירן מלחמות אין די ביבלישע צייטן.

פון יאַן לעמאַנסקי

די טשערעפּאַכע און דער שמעטערלינג

א שמעטערלינג שטעלט אָפּ זיך אויף אַ טשערעפּאַכע: — זום!
— וואָס ביסטו? — פרעגט דער שרץ אים. — אַ פייגעלע? אַ בלום? —
אין זאָאָלאָגיע איז ער אַן עם־האָרץ גאָר איינגאַנצן,
און אונטערשיידט נישט צווישן שמעטערלינגען, פייגל, פלאַנצן.
— איך בין צוביידן ענלעך. — ענטפערט דער אינסעקט. — איך פלי,
כאָטש פריער אַלס אַ סענעצע* געקראָכן כ׳בין מיט מי.
איך האָב געפרעסן בלעטער און נישט אויפגעהערט צו נאָגן,
ביז כ׳האָב זיך צו מיין פּאָרעם צו דער העכערער דערשלאָגן.
וואַרף אָפּ, ווי איך, די שאָלעכצן, מאַדאַם, און זיך באַגיי,
פון דיין גזירישער פאַרמויערונג זיך גלייך באַפריי,
און וועסט אַ פליער אין אַ נייעם שיינעם לעבן ווערן...
— מיט וואָס זשע, זאָג, וועל איך זיך אין דער לופטן דאָרט דערנערן?
— מיט גאָרנישט. כ׳זויג אַ ביסל בלומען־זאַפט, בעת איך רו,
פון ליליעס, בעז, און קימל... זע, וואָס א י ך — איז טו אויך דו...
— האָס נישט! — דער שרץ וויל זיך נישט אַנטציקן. —
איך דאַנק פאַר די אַנטייקן!

צו לעבן אין דער לופטן הויך איז יעדער איינער גערן,
נישט יעדער אָבער — בלויז מיט ליליע־זאַפט זיך צו דערנערן.

קרעניץ, יוני, 1956

---

* סענעצע — שלייערל.

הויך און נידעריק

צוויי מענטשן זיך באַטראַכטן
אײנאַנדער פּאַראַמאַל.
ס'איז אײנער אויפן באַרגשפּיץ,
דער צווייטער שטייט אין טאָל.

זאָגט דער, וואָס אויפן באַרגשפּיץ:
— ווי קליין ער איז, אוי־ווײ! —
דער צווייטער, וואָס אין טאָל שטייט:
— קוקט אָן נאָר דעם פּיגמײ!

כ'וועל שטייגן צו דעם קאַרליק,
באַטראַכטן אים געניי. —
„אַראָפּגיין, — טראַכט דער צווייטער —
ס'טשעקאַוועט מיך די פלוי".

זיי גייען זיך אַקעגן:
אַרויף, אַראָפּ, — און וואָס?
צונויפגעקומען — ביידע:
פון איין און זעלבער מאָס.

וואַרשע. אויגוסט, 1956.

פון דער היינטצייטיקער פוילישער
משלים־דיכטונג

פון בע־עדיקט הערץ

א פאַרטיידיקונגס־פּאַקט

די איינוווינער פון דעם אַטלאַנטיק ווערן אויפגערודערט:
ס׳איז אין דער פישן־וועלט פון גרויסער וויכטיקייט אַ פּאַקט!
זיך צו פאַרטיידיקן בשותּפות האָבן זיך פאַרברודערט,
מע שמועסט, די רעקינעס מיט די רויבפיש — דורך אַ פּאַקט.
דאָס דרויבווארג פונעם ים זיך וווּנדערט; די מאַלוסקן, שנעקלעך
(וואָס מיט די פּאַנצערלעך ביינאַנד דער פרעסער שלינגט זיי איין) —
זיי פרעגן ביי אַ פלאָנדער: — ווער איז פאַר אים שרעקלעך?
און די פאַרטיידיקונג אַקעגן וועמען זאָל עס זיין?
די שטאָקפיש, העכטן און נאָדלפיש — זיי גייען דאָך צוזאַמען
מיט אים אַ פלעטווע ביי א פלעטווע, קיינמאָל נישט צעשיידט;
סע זענען די רעקינעס צווישן זיי די הארן, די העטמאַנען,
כמעט קייסאָרים, וואָס פאַרערונג זיי באַגלייט...
איז ווער זשע שרעקט אים? סיידן דער אָקטאָפּוס*, וועלכער
וואָלט געקרן אין די אָרעמס אים געטאָן אַ דריק? —
די פלאָנדער טוט אַ שמייכל, לויט איר שטייגער, מיט א קאָסע בליק
און ענטפערט: — „און דער וואַלפיש? דער אַזוינער און אַזעלכער...״
— דער וואַלפיש? — איז מען שטאַרק פאַרוווּנדערט. — היתּכן?!
אַ וועגעטאַריער דאָך און מיט פּלאַנקטאָן** בלויז זיך דערנערט.
כאָטש פון זיין עקס אַ זעץ ווערט אויך אַ שיף צעבראָכן,
נאָר ער זאָל אָנפאַלן דער ערשטער האָט מען נישט געהערט.

---

* אָקטאָפּוס — אַכטפוס.

** פּלאַנקטאָן — דריבנע ים־ברואימלעך, וואָס ווערן געטראָגן מיטן וואַסער־שטראָם.

— און איצטער, שמועסט מען: ווי אַן אַגרעסאָר
ער גרייט זיך אָנצופאַלן אויף צו מאַכן תיל־און־תל.
די אַפּטיילן פון הערינג, שפּראָטן און סאַרדינקעס — גרעסער
און שטאַרקער ווערן אונטער זייער באַפעל.
— נישט שווין זשע מיינט דער רעקין און ער שרעקט זיך,
אַז ס'וועט אַ קליינע שפּראָטקע טאָן אים אַ פאַרצער?
— נישט דאָס — די פלאָנדער ענטפערט — נאָר אין אים אַ חשד
דערוועקט זיך:
די פישלעך וועלן זיך פון אים נישט לאָזן פרעסן מער.

וואַרשע. פעברואַר, 1956

קאָנטעררעוואָלוציע

סע ווערט דערציילט, לויט אַ מסורה גיט עס איבער,
אַז אין אַרקאַדיע*, נאָך אַ לאַנגער, שווערער שלאַכט
מיט דער רעאַקציע פון פיינשמעקער, אַריבער
איז ענדלעך צו די וועגעטאַריער די מאַכט.
די ערשטע זאַך געווען איז — נידער
מיט בוינעס, יאַטקעס! אויס!
דערלויבט איז פלאַנצנשפייזן בלויז...
און פלייש — חערווידער,
אַ גרויל
פאַר יעדנס מויל!
כדי צופרידנשטעלן יענע, וואָס רעגירן,
מע אָרדנט תיכף איין אַ יום־טוב — פרייד!
דער אָקס נעמט טריאומפאַליש זיין אָבאָרע פירן,
נאָך אים די שטאַלן פאַר חזירים, שעף און הינער רירן,
אַ כאַפּטע האָזן פונעם וואַלד דעם שטראָם באַגלייט,
פאָרויס — חזירימלעך אָון קעלבלעך, קינד און קייט.
די סטיכישע מאַניפעסטאַציע,
ווי תמיד, האָט פאַרענדיקט זיך מיט פלאַמענדיקע רייד
און דעקלאַראַציעס.

* אַרקאַדיע — אַ בערגיקע געגנט אין גריכנלאַנד, רייך אין פרעכטיקע פיטער־פּלעצער; אין אַלטערטום האָט זיך די דאָרטיקע באַפעלקערונג באַשעפטיקט דער עיקר מיט פי־צוכט.

צוליב די אייער און דער מילך דער באַלעבאָס פֿאַרהאַלט
די הינער און די קי; די איבעריקע — ער וועט נישט שטערן
די פֿרייהייט; האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אויף בערג, אין וואַלד
די גענדז און אינדיקעס, באַראַנעס און חזירים...
אַ יעדער זוכט זיך שפּייז, ווען נאָר ער וויל און וווּ:
געפֿינט ער — איז ער זאַט, אויב נישט — ער הונגערט צו...
סיידוי, ס׳האָט אַרבעט אויסגעפֿילט די טעג און וואָכן.
איז דאָן אַ בענקשאַפֿט אינעם דבר־אחרים האַרץ פֿאַרקראָכן
נאָך יענע צייטן, ווען די דינסטן פֿלעגן פֿאַר די פּיס,
צי פֿאַרן שנויץ אין קאָרעטע די פּאָמעניעס אים טאָן אַ גיס.
— צי וועל איך צו דער זעט נאָך אָנקומען אַמאָל זיך? —
פֿאַר דעם בוהיי פֿאַרקלאָגט ער זיך און זיפֿצט אָפּ טויב.
טוט יענער אויך אַ זיפֿץ, ווייל ס׳טוט אין שאַרבן אים אַ מאָל זיך,
ווי אומבאַזאָרגט סע פֿלעגן טעג אַוועקגיין ביי דעם זשלויב,
ביים זשלויב פֿון זיינע זיידעס און פֿון זיינע טאַטעס...
דער אינדיק זיך דערמאָנט, ווי גוט ער האָט אין שטייג געהאַט עס.
דער סקאָפּ, געזעץ, דער עולם מורמלט אויף די נייסן, ראָט
די מיינונג פֿונעם שאָפּהונט אויסצוהערן
(גרויס אָנזען אין דער שעפּסנוועלט ער האָט,
מע האָרכט און פֿאָלגט אים גערן).
פֿאַרביטן, לאָזט דער הונט אויף זיך נישט וואַרטן לאַנג;
די טעזן דעם באַראַנס און דבר־אחרים מיט געדאַנק
באַטראַכט, און קליפּ־און קלאָר דערקלערט ער:
— אַ קעגנער פֿון דער וועגעטאַריער־קיך בין איך אַליין
(צי קאָן אַ פּרעם געשמאַק זיין אָן אַ ביין?) —
מיט אַ פּראָטעסט מיר מוזן גלייך אַרויס פֿון אַלע ערטער. —
און אָט־אָ, וועלנדיק באַווייזן גאָר די פֿלאַג־און־קלאָג
און פֿאָדערן: די שמוציקע רעפֿאָרמע — אַנולירט זי!
די בידלע אָרדנט איין אַ דעמאָנסטראַציע־מאַרש ביי טאָג.
דער גרעסטער כלב פֿון טשיקאַגער שעכטהויז פֿירט זי.

וואַרשע. פֿעברואַר, 1956

איר וועט אים נישט צופרידנשטעלן

ס׳מוז יעדער שרייבער פונעם משל־מין דעם שיינעם
באפריינדן זיך מיט אייזלען — זאל כאטש זיין מיט איינעם.
איך האב אזעלכע אייזלען־פריינד געגוג און בין אימשטאנד
פון זיי נישט איין פאסירונג צו דערציילן — אלערהאנט.
נאר ווייס איך... איך וועל איינעם בלויז אייך אונטערטראגן:
„דאס איז אן אייזל איבער אייזלען!...״ — וועט איר זאגן.

עזאפ, וואס אויסגעצייכנט אלע חיות האט געקענט,
אין יעדן אייזל האט געזען א נודנעם מאלקאנטענט.
דעם אמת דארף מען מודה זיין דעם אייזל־עולם:
די מאמע די נאטור געקריוודעט האט א גרויל אים:
געקארגט פאר אים סיי טוגנט און סיי שיינקייט, ריין,
בעת אויף אנדערע — מיט כל־דאס טוב א פלייץ.
די העכער שענער פון אים זינגען, איידל!
דאס פערד האט קליינע אויערן, נאר — סארא ווידל!
און קוק איך אויפן שווין, דעם חלב־בארג, פארשטיי איך קלאר,
פארוואס ס׳האט דיך אזוי, נאטור, געשאלטן הארציק, שפאר
דער ברוינער אייזל, וועלכן כ׳האב באקענט אין קירקלארעלן,
נישט וויטליעך פון די דארדאנעלן!
דערצו נאך איז דער עקאנאם, — גיי פרעג, פאר וועלכע זינד?
דער אייזל האט דאך ערלעך דעם פריוואט־געשעפט געדינט, —
געווען א שווינדלער, פלעגט אים פראסט דערגיין די יארן,
אים קארגן אבריק, שטעקנס אבער אים נישט שפארן.
ער האט דעם אייזל פון באגין אזש ביז פארנאכט געיאגט,

דערנאָך (און דאָס דער עיקר טרענט די נערוון זיינע, פּלאָגט)
אין קעמערל פאַרטריבן... דאָ אויף שטרוי אויף דורכגעפּילטן,
אין ענגשאַפט, שמוץ, געשטאַנק ער זאָל זיך אויסרוען און וויל טון.
דערפאַר ביי יעדער צרה פּלעגט ער קלאָגן זיך מיט גאַל
דערויף צום שטאַרקסטן, וואָס סע איז נישטאָ פאַר אים קיין שטאַל.
— זאָל זיין א ליאַדע שטעלעכל, אַבי אַ לופטיקס, — רעדט ער —
אַבי נישט אָט דאָס קעמערל פון פוילע ברעטער.
איך לעכץ
נאָך לופט און קרעכץ,
אין דעם געשטאַנק דעם שווערן
איך וועל דערשטיקט אינגיכן ווערן. —
ווי ראַפּטעם, איינמאָל אום באַגין —
אַן ענדערונג, און וואָס נאָך פאַר אַ מין!
סע קאָרמעט אים דער נייער עקאָנאָם טאָג־טעגלעך
שוין נישט צום ערגסטן, גאַנץ דערטרעגלעך.
ס'איז ליכטיק, וואַרעם, ווייך געשפּרייט...
„אַ סוף שוין צו די ליידן פון מיין פריינד" — איך טראַכט מיט פרייד.
ווי פּלוצעם, כ'הער, ער קלאָגט זיך ווידער מיט אַ ריטש אַ מידן.
— ביסט אַלץ נאָך אומצופרידן?
דיין שטאַל איז פיין דאָך.
— קום און זע, — ער ענטפערט — סאַראַ שאַנד! —
נישטאָ קיין לאַנדשאַפט, נישט קיין איינע, אויף אַ וואַנט.
וואַרשע. פעברואַר, 1956

פון גאַבריעל קאַרפּקי

א לויז א באַרימערין

געראָטן איז אַמאָל אַ לויז זיך צו באַזעצן
אין גריווע ביי אַ לייב, ווי גאָר אַ וואַזשנע לייט.
נאָר ערלעך דאַרף מען זאָגן, אַז זי פּלעגט אים שעצן,
דעם שטאָלצן לייב, און אין דער ערשטער צייט
פון לייב זיינעם זיך האַלטן ווייט.

אַזויאַרום, באַקוועם פאַרשטעקט אין גריווע, ווי אַ ציירונג,
זי לעבט מיט אים צוזאַמען דורך נישט איין פּאַסירונג
אין וויסטעס, ווילדע וועלדער, קומענדיק נאָך פאַנג —
ווי אַ דיסקרעטער, שטומער עדות פון אַ גאַנג,
וואָס ווערט אַלץ בלוטיקער, דראַמאַטישער, געשפּאַנטער;
פּאַסירונגען, מיט וועלכע ס'זענען רייך אַ גוואַלד
(דאָס איז אַ פאַקט אַן אַלגעמיין באַקאַנטער)
דאָס לעבן פון אַ יעדן לייב אין וואַלד.

פון גאָר דער שפּע איינדרוקן באַטרונקען,
האָט ביסלעכוויז מיט דרייסטקייט אָנגענומען זיך די לויז,
גענומען טראַכטן מיט אַמביציע: „מיר וועט אויך געלונגען
נישט ערגער קעמפן פונעם לייב, און ווערן גרויס!
אַ ביס טאָן טאַקע אים אַליין — וועט זיין די בעסטע פּראָבע!”

איז פּרוווט זי איין מאָל, צוויי מאָל... נאָר די לייבנפעל — אַ גראָבע,
און ער — זאָל האָבן אויף אַ האָר כאָטש זיך צעקראַצט!
קאָכט אויף די לויז: „ער האָט מיך נישט דערשאַצט!”
און גאָר מיט אַלע כוחות — נאַ!... אַ טיפּן ביס אים!...

נאָר, צום באַדויערן, זי האָט זיך שוין צופיל פאַרריסן,
איר קריגערישער ברען פאַטאַל זיך ווייזט אַרויס:
דער לייב, דערשפירט דאָס גריזעניש דער לויזס,
צערייצט ער טוט זיך אַ צעשויבער,
אַ טרייסל מיט די האָר: — אַרויס,
דו עקלהאַפטער רויבער!
און — אויס...

נאָר ס'איז דערמיט די גאַנצע מעשה נאָבנישט אויס.
ווייל ווען סע איז די לויז
צו אירע שוועסטערלעך געקומען,
זי האָט דערציילן מיט אַ גדלותדיקן טאָן גענומען
פון אירע איבערלעבענישן (און געהירט
סע האָבן זי די צוהערער די מאָסן אַפּלאָדירט) —
נו, פּרעכטיקע אַזעלכע, אַז צו גלייבן ממש שווער איז...
(אַזוינע מעשהלעך צו הערן יעדערנס באַגער איז).
און זי דערלעבט אַזוי ביז זקנה — שטאַרק באַגליקט,
געזונט און פריש־געשיקט —
מיט אַרעאַל פון העלדישקייט באַשטראַלט דער שטערן.
די מעשות אירע — פאַרביקע, טשעקאַווע זיי צו הערן —
פאַרשאַפן רום אַ סך איר; זי דערציילט זיי גערן;
זי האָט די מעשות אין זאַפּאַס, געננג אויף יעדן טאָג,
און צו דערציילן זיי זי וואָלט נישט קיינמאָל מיד געוואָרן...

און יעדע הייבט זי אָנעט מיטן גדלותדיקן זאָג:
„סע איז געשען, ווען כ'בין זיך אויפן לייב געפאָרן..."
וואַרשע. פעבּרואַר, 1956

פון יאַן בזשעכוואַ

א שוועבעלע

סע האָט אַ שוועבעלע זיך שטאָלץ געגרייסט:
— וואָלט עמעצער געווען אַזויפיל דרייסט
מיט מיר זיך אָנצוהייבן דאָ אין הויז,
ווען אומגעריכט דאָס פייער לעשט זיך אויס?!
די זון אפילו מיט איר העל געזיכט
וואָס האָט זי קענען מיר פאַר אַ געוויכט?!
ווייל זי ביי טאָג נאָר שיינען איז בכוח,
און איך — צו יעדער צייט, ביינאַכט דאָך אויך. —

— אַ העיצע אומגעריכט, —
געקוואָלן האָט אַ ליכט.

דאָס שוועבעלע מיט חוצפּה זאָגט דערויף:
— ווען איך באַגער, די גאַנצע וועלט פלאַמט אויף.
איך האָב נישט ליב צו לויבן זיך, נאָר כ׳פּיל:
די ווייסל כ׳קאָן פאַרברענען, ווען איך וויל. —
אַ וויילע געטראַכט, סע שפּרינגט אין ווייסל, און
סע איז קיין זכר שוין נישטאָ דערפון.
און ס׳איז אַ סוף צו דעם באַרימעריי
פון חוצפּהדיקן שוועבעלע. פאַרביי.

— אַ העיצע אומגעריכט, —
געקוואָלן האָט אַ ליכט.

וואַרשע. אויגוסט, 1955

דער שפּין און די פליגן

אַ שפּין אויף הויך עלטער, וואָס בלינד איז און שטום, און אויך פויל איז,
צו פאַנגען קיין איינציקע פליג איז שוין מער נישט ביכולת.

אויף זיינע אַנטענעס פון שפּינוועבס אַ רעדע לאָזט הערן:
— איך האָב זיך געענדערט, כ׳וועל מער שוין קיין פליג נישט פאַרצערן,

אַן אינהאַלט אַ העכערן וויל איך מיין לעבן איצט געבן,
פון ערלעכער מי, גלייך ווי אַנדערע, גאָר איך צו לעבן,

איך בין איצט אַ שומטער. דעם וועג פאַר מיין תשובה צו זוכן,
אינגאַנצן אומזיסט כ׳וועל די פליגן ביז איינער באַשוכן.

איז קומט יונג און אַלט, סע זאָל קיינער פון אייך זיך נישט שעמען,
און כ׳וועל, ווי סע פירט זיך אַ שומטער, אַ מאָס יעדן נעמען! —

די פליגן, דערהערט דעם בעל-תשובהניק, נעמען זיך פרייען
און קומען צו פליען און שטופּן זיך גאַנצענע רייען.

זיי שטעלן אים אונטער די פיסלעך און יובלדיק זשומען,
דער שפּין, ווי ער וואָלט מיט זיין פאָדעם אַ מאָס זיי גענומען,

געמאָסטן די זוילן, די פיאַטעס, פאַרדרייט זיי, און ס׳ווערן
די נאַרישע פליגן געפּענטעט — פאַרגרייט צום פאַרצערן.

די פליגן, פּאַרפּירטע, שוין שפּעט אויף זיין פּאַסטקע זיך כאַפּן,
און ער, וואָס האָט לאַנג שוין העם חשק צו זיי זיך דערטאַפּן,

דאָס בייכל זיך גלעט און פּרעסט אָן צו דער זעט זיך גאָר גיך.
דערפֿאַר זאָגט דאָס פֿאָלקסווערטל: „אויפּנייען עמעצן שיך".*

* אַין פּוילישן הייסט עס: גראָבן אַ גרוב אונטער אַ צווייטן.

פון וולאָדזשימיעזש סלאָבאָדניק

אַ וואַלד-קוועלכל

איך האָב אין וואַלד-געדיכטעניש געזען
אַ קוועלעכל צעקוועלט,
עס איז נישט בלוי, ווי אַנדערע, געווען —
דאָס טונקלעניש פֿאַרשטעלט.

עס איז נישט בלוי, נישט רוישנדיק, נאָר הער —
ווי לעבעדיק, פֿריש-פֿריי!
אויך שטילע ווערטער זענען צייטיק מער
ווי וואָרט-געשרייערײַ.

וואַרשע. סעפּטעמבער, 1954

פון וויקטאָר גאָמוליצקי

פרייער ווילן

— איך האָב אַ פרייען ווילן: כ׳פלי לויט מיין באַגערן.
אָט האָב איך, ווי מיר גלוסט, זיך אין דער הייך פאַרקליבן!
און אָט, ווי מיר פאַרווילט זיך, כ׳נעם דעם שטויב פאַרקערן! —
דאָס זאָגט אַ פעדערל, פון שטורעמווינט געטריבן.

פון לעאָפּאָלד לעווין

א משל וועגן אן אייזל

אַ לאַפּנאַוויערניק מיט היפּשע פליגן אין דער נאָז
פלעגט תמיד אויפקאָכן און זיך צעשוימען פון פאַרדראָס,
ווען עמעץ פלעגט אים „לאַפּנאַוויערניק" אַ רוף טאָן... „איס!"
ווייל לאַפּנאַוויערניק פון טיפּש איז אַ סינאָנים.
„פון אַט דעם צונאָמען זיין גאַרע חרפּה קומט אַרויס,
די אור־סיבה פון זיין דערנידריקונג איז ער דווקא...״
באַטראַכט ער זיך אַמאָל: „כ'מוז ווערן פון דעם צירונג פריי,
וועט קיינער מיר נישט זאָגן „טיפּש!", ווען איך גיי פאַרביי."
ער כאַפּט אַ שער אַקעגן שפּיגל, טוט אַ ריטש, אַ שער —
און ס'ליגן שוין די אויערן פאַרבלוטיקט אויף דער ערד.
ער פילט זיך איצט אַ גליקלעכער, כאָטש ס'רינט פון אים דאָס בלוט:
ס'וועט איצט שוין קיינער נישט פאַראַכטן אים — זיי ווייל און גוט!
נאָר ס'האָט דער אויער־קרבן אים נישט אויסגעלייזט פון צער:
ווי מיט די אויערן, אויך אָן זיי איז ער אַלץ אַ נאַר.

וואַרשע. אויגוסט, 1955

א משל וועגן א סאָלאָוויי

דעם אָנדענק פון ק. אי. גאַלטשינסקי

אויף דער סעקציע פון פּאָעזיע האָרבע שטרייטן גייען:
דאַרפן פּאַרטײ, אָדער פֿײַנע זינגען סאָלאָווייען?
און ווייל שטרעמונגען אַ סך די דיכטער היינט פאַרמאָגן,
ווערן מיינונגען פאַרשיידענע אַרויסגעטראָגן.
אויך וואָס אָנבאַלאַנגט דעם אָרט, זיך קענען־צדדים בילדן:
איינער זאָגט: — די לאָזעס ביי דעם ווייסל־ברעג דעם ווילדן...
— די לאַזשענקעס*־ביימער בלויז — אַ צווייטער שרייט העראָוויזשער —
קאָנען זיין דער טעמפּל פאַרן סאָלאָוויישיקס לידער. —
און ס׳געפינט זיך איינער, וועלכער פאָדערט — אוי, אַ שרעק! —
ס׳זאָל דער סאָלאָוויי פּוריאַזאַ זינגען — רייד פון וועג...

און דאַלעבן אויף אַ בוים אַ סאָלאָוויישיק זיצט זיך,
כלומרשט הערט ער גאָרנישט, ווי דער דיכטער־עולם היצט זיך,
שיט קאַסקאַדן טרעלן, טרעלן פון די צווייגן ריינע,
אַזש פאַרבייגייער אָנטציקטע זענען אויסן זינען.

וואַרשע. אויגוסט, 1955

---

* לאַזשענקעס — אַ פּאַרק אין וואַרשע.

א סקאָרפּיאָן און א שנעק

סע בעט אַ סקאָרפּיאָן זיך ביי אַ שנעק: — קאָלעגע ליבער,
נעם פיר מיך דאָ דעם ים דעם אויפגעשטורעמטן אַריבער.
— ווי קאָן איך דיר — דער שנעק אים ענטפערט — מיט אַזעלכן דינען?
די שכנים וועלן טראַכטן: זעט, ער איז אַראָפּ פון זינען!
דיין שטאָך דעם גיפטיקן פון דיר צו קריגן יעדער שרעקט זיך,
דו טוסט אַ שטאָך מיר אין דער פּלייצע, און מיין לעבן עקט זיך,
איך ניהער אין דער טיף, וואָס קאָן געמאָסטן גאָרנישט ווערן,
און לאָז דאָ איבער ווייב-און-קינדער טרויערן אין טרערן.
— עך, שוטה! — זאָגט דער סקאָרפּיאָן. — וואָס דיר פאַלט איין! באַרעכן:
צי וועל איך אויפן אויפגעשוימטן ים דיך נעמען שטעכן?
אויב דו זאָלסט גיין צום גרונט, וועל איך דען קענען זיך דערהאַלטן
אַליין, און נישט דערטרונקען ווערן אין דעם תהום דעם קאַלטן?
איך קאָן דען שווימען?... —

און דער שנעק, שוין פעסט ביי זיך, ווי מויער,
אַז נישט באַשערט זיין וועט זיין ווייב-און-קינדער זיין אין טרויער,
שטעלט אונטער אים דעם רוקן און — אַ לאָז זיך אויף די כוואַליעס.
אַ צייט סע שווימט זיך אַ מחיה מיט אַ שוווּנג אַ שנעלן.
נאָר פּלוצעם — ווייט פון ברעג — אַ ווייטיקלעכן שטאָך דערפילט ער,
סע נעמט אים דורך אַ פינצטערניש, ער איז שוין אַ פאַרשפּילטער —
די וועלט זיך וואַלגערט איין, דערשפּירט ער מיט אַ יעדן אבר.
און ביידע זינקען זיי אַראָפּ צום שוואַרצן אָפּגרונטס קבר.

איר פרעגט, פאַרוואָס דעם שנעק פאַרגיפטעט האָט דער סקאָרפּיאָן?
אַזוי איז שוין זיין טבע, און אַזוי ער מוז עס טאָן.

וואַרשע. אַפּריל, 1956

דער האָז און דער וואָלף

אַ האָז האָט אומגעקערט זיך פון אַ קערמעש שיכור־לחם.
נאָר ווייל ס'מאַכט משקה אויך דעם פחדן חרייסטערער, ער האָט —
זיך וואַקלענדיק און שאָקלענדיק, די פיס צערעפּעט —
די פעלד־און־וואַלד־יפה־פיות פאַרטשעפּעט.
ביז ענדלעך פאַלט ער לעבן וואַלד, פון שלאָף געפעלט.

דערנאָך געשעט:
סע שפּרינגט אַרויס פון וואַלד אין אָוונט־דעמער
אַ הונגעריקער וואָלף, די שליפעס — פלעמער,
און ווי דערזעט דעם קרבן שלאָפן אַזוי פיין —
דעם בליק אין אים אַ שנייד אַריין.
ער גרייט זיך, אים שוין פרעסן. נאָר אַ וואָלף אַ צווייטער
פון וואַלד קומט אָן צו שפּרינגען, באַלד דערלעבן שטייט ער:
„דער קרבן לאָקט אויך אים — סאַ פיינער פרעס־און־זויף!

די הייגלען און די יאַרן שווידערן אַזש אויף,
ווען ס'נעמען ראַנגלען זיך די הונגעריקע חיות.
הודך לאַנקעס, וועלדער אַ געוואָי פאַרביי איז —
ביז ביידע חיות, וואַקלענדיק זיך, בלוט פאַרגאָסן, רויט,
ביים רויב דעם נישט דערגרייכטן בלייבן ליגן טויט.

גאַנצפרי, זיך אויפגעכאַפּט, האָט ער די אויגן געווישט זיך,
ער קוקט פאַרחידושט זיך אַרום, אין קאָפּ אים מישט זיך,
און דאָ דערזעט ער — סאַראַן אימה, אוי! —
אַ בלוטיק שלאַכטפעלד דאָ דערביי.

און טיף פאַרשעמט ער טוט אַ זידל זיך אפילו:
— פאַרשאָלטענער! וואָס איך האָב אָנגעאַרבעט, שיכורלע!

פון לודוויק יעזשי קערן

ראַקעס

ס׳טרעפן זיך אין ווייסל ראַקעס: — אַ גוטמאָרגן!
זיי דערלאַנגען זיך די קליעשטשעס, און צעמישט
איינער זאָגט צום צווייטן: — זאָרגן איבער זאָרגן!
האָסטו שוין געהאָרכט דעם בראָך? — הערווייל נאָך נישט.
— אויב מע וועט נישט מאַכן שוין באַצייטנס קיין געוודער,
איז די קאָרעטע פון ווייסל אין סכנה, ברודער!
ווייל מע גייט זי רעגולירן... ס׳איז אַ פעסטער קלאַנג.
— ר ע ג ו ל י ר ן ? ! — שרייט דער צווייטער
אַ דערשראָקענער, צעדרייטער —
סאַר אַן אידיאָטישער געדאַנק!
— די נאַטור גאָר ענדערן, מע זאָל זי נישט דערקענען!
— ס׳איז א פּאַטש אין פּנים אונדז, די ראַקעס, גרויס און קליין!
— ווי קאָן מען עס די ווייסל־ברעגן, וועלכע זענען
מאָלעריש אַזוי און שיין... — —
און אין צאָרן אויפן אָרט די ראַקעס פעסט באַשליסן:
פאַר איעדן קנייטש אַ פינצטערן זאָל בלוט זיך גיסן!
ווער עס וועט די ווייסל־ברעגן קריוודיען, דער
זאָל דערפילן ראַקעס־קלעשטשעס ווי אַ שער;
ווייל ס׳איז גוט, ווי ס׳איז אַצינדער, אַ מחיה,
ווייל — ווי ס׳איז אַצינד איז גוט און וווּל, און פיין.
זאָל, איך בעט אייך זייער, אַן פאַראַנדקעס נייע
ווי געווען אלץ זיין.

ווער עס דענקט אזוי (דער משל איז א קלארע ראיה),
נישט פארוים געוואנדן איז זיין בליק,
נאר — ווי ס׳גייט א ראק — אויף צריק.

ווארשע. אויגוסט, 1954

פון אַנטאָני מאַריאַנאָוויטש

דער באַרג און די מייז

סע דאַרף דער באַרג געבוירן. ס׳קומט די צייט.
— הוראַ! זאָל לעבן! — פריידיק שרייען לייט.

— סע וועלן נייע בערג געבוירן ווערן! —
און כאָר זיי לאָזן יובלענדיק זיך הערן.

מע ברענגט געאיילט צו פירן נאָכאַנאַנד
די בעסטע אַקושערקעס אינעם לאַנד.

די ערשטע זאָגט, ביים ברענגען זי צו פירן:
— ער זאָל געבוירן גייענדיק שפּאַצירן.

די צווייטע זאָגט: — דערין די קונץ באַשטייט:
ער זאָל געבוירן שטייענדיקערהייט.

די דריטע זאָגט: — ס׳איז היינט דורכויס מאָדערן,
פּראָסט־פּשוט זיצנדיק געלעגן ווערן.

די פערטע איבערצייגט, זי איז געניט:
— מ׳עט מוזן מאַכן גאָר אַ גרויסן שניט.

די פינפטע פאַלט אַריין איר אין דער מיט:
— ס׳וועט זיין גענוג אַ פּיצעניוניע שניט.

„איז ווער זשע עצהט ריכטיק? וועמעס וואר איז?" —
צעטומלט איז דער באַרג, אין אייגנע צרות.

און וואָס איז פון דעם אַלעמען אַרויס?
צעחושט, דער באַרג געבוירן האָט אַ מויז.

זאָל וועגן אָט דעם משל דעם געבראַכטן
אַ ביסל יעדער קינסטלער זיך פאַרטראַכטן...

וואַרשע. אויגוסט, 1955

פון יאַן שטאַודינגער

א פּאַציפֿיסטישער מָשל װעגן א קאַץ און א מױז

אַ מױז, אַ פּאַציפֿיסטקע מיט איר גאַנצן לײב־און־לעבן,
האָט צוגעגרײט אַן אָפּמאַך קעגן קריג און רױב
(פֿאַר װאָס איר קומט אַ לױב)
און אים צום אונטערחתמענען דער קאַץ געגעבן.
ס'נעמט שטאַרק זיך מיט דעם ענין דורך די קאַץ,
און שטרעקט שױן אױס א נאָגעלע צו טאָן אַ קראַץ —
פֿאַר אַלע קען דעם שלום־אָפּמאַך אונטערשרײבן,
סע זאָל לעולם־ועד שױן אַזױ פֿאַרבלײבן.
נאָר װײ, װו נעמט מען טינט? אַ צרה! ס'איז נישט גוט!
דאָ פֿאַלט די מױז די קרבן־גרײטע אױף אַן עצה
און זאָגט דער קאַץ: — אױף אַלץ איז גרײט זי —
צו דינען מיט איר אײגן בלוט.
ס'איז איבעריק געװען צו װעקן בײ דער קאַץ דעם חשק,
מיט דעם מין אַרבעט איז זי לאַנג שױן, לאַנג באַקאַנט,
זי חתמעט מיט איר בלוט דעם אָפּמאַך און, געמאַכט זיך פֿלײשיק,
צוזאַמען מיט דער מױז פֿרעסט אױף זי אױך דעם דאָקומענט.

װאַרשע. אױגוסט, 1956

פון קאַראַל קאַרד

דעם פויגלס טויז

אַן אָרניטאָלאָג האָט זיך באַגעגנט אין אַ וואַלד
מיט אַ פויגל און אַ זאָג געטאָן פּאַרריסן־קאַלט
(אָנגעבלאָזן ווי אַ פּאַווע): — ווייסט נישט אַטאַפּנים,
ווי איך בין באַהאַוונט אין די פייגלשע ענינים,
כ'קאָן אייך לויט די ראַסן, מינים, און איך ווייס גענוי
יעדן פויגלס צרות, זאָרגן, וואָס און וויאַזוי,
יעדער שטאַם איז מיר באַוווּסט, מיט וואָס ער שמט באַלייטן,
כ'קאָן זיין נאָמען אויף לאַטיין און וועל אים נישט פאַרבייטן,
ס'איז אַיעדן פויגלס גוסט און חשק מיר באַקאַנט,
אויך די טראַסע פון זיין וואַנדער, צו אַוועלכן לאַנד...
קורץ: כ'קאָן אויסגעצייכנט גוט די לייט, וואָס פליגל טראָגן,
ועגן דיר פיל מער פון דיר אַליין איך ווייס צו זאָגן.
נישט דיין ראַסע, נישט דיין נאַציע איז דיר נישט באַקאַנט,
און דערוועגסט זיך פאַר א פויגל צו באַטראַכטן! שאַנד!
דו עם־האָרץ, וועלכער קאַנסט אַ לידל בלויז פאַרציען,
זאָג מיר קורץ און שאַרף, וואָס קאָנסטו עפּעס חוץ דעם?
— פ ל י ע ן !

ווארשע. אויגוסט, 1955

אַ מיטאָס

צום העכט, דעם לאָקערער אויף פּיש־דרויב, איז דערגאַן
אַ קלאַנג, אַז אויף דער וועלט אַ וואַלפיש איז פאַראַן.
דער זויגער, שמועסט מען, איז גאָר אַ וואַזשנער מאַן:
דער קייסער פון די ימים, פונעם אָקעאַן,
זיין גרייס — אַ באַרג,
ווי העלפאַנטן אַ דריילינג — שטאַרק,
און, ענדלעך, ער פאַרמאָגט אַ קראַפט אין עק,
אַז ממש ס׳איז אַ שרעק. —
פאַרבאָרגן אין געדיכטעניש פון אָטשערעט,
דער העכט האָט אויסגעהאָרכט, וואָס ס׳ווערט אַרום גערעדט,
דאָס אַלץ וואָס לויבט די חיה, רימט זי און דערהייבט,
און לויטן מנהג פון די חיות רויבער — נישט געגלייבט.
ער איז אַוועקגעשוווּמען, סקעפּטיש האָט דעם פּיסק פאַרקרימט
און קורץ אַ זאָג געטאָן, נאָר אַקצענטירנדיק, באַשטימט:
— קיין וואַלפיש עקזיסטירט נישט. ס׳איז אַ מיטאָס. אַ באַווייז:
קיין וואַלפיש איז נאָך קיינמאָל נישט געווען פאַר מיר קיין שפּייז.

וואַרשע. יאַנואַר, 1956

פון וולאדיסלאוו קאפאלינסקי

א וועטגעלויף

ס'האט דער שקר פיסלעך קורצע, לאנגע פיס — דער אמת,
פרוווט מען: וועמעס כוח שטארקער איז אין לויפן, וועמעס?

טוט מיט פענד אַ לויף דער אמת, אַזש דעם שטויב צעפליגלט,
און דער שקר שלעפט זיך, טאַפּטשעט, אַזש צו קוקן מיגלט.

לויפט דער אמת, קוים מע זעט אים, און די ווייט פאַרשפּינט אים,
און דער שקר — קוים ער סאַפּעט, שווייס פון שטערן רינט אים.

קומט מיט רום דער אמת אָן צום ציל און שפּרינגט אַריבער —
ווערט פאַרשוווּנדן אין דער ווייט. דער שקר בלייבט דאָ איבער.

וואַרשע. אויגוסט, 1955

פון זשעמאָוויט קונינסקי

אַ מאַלפּע

די איינוווינער פון וואַלד דערציילן:
מע האָט גענומען פּרעמיעס טיילן.
נישט יעדערער, ס׳איז איבעריק צו זאָגן,
נאָר ווער ס׳פאַרדינט זיך, וועט זיך צו אַ פּריז דערשלאָגן;
פאַר אַרבעט, צי פאַר אַנדערע פאַרדינסטן...
מ׳האָט נאָכגעקאָנטראָלירט גענוילעך ביזן מינדסטן
(די מויז פאַרלאַנגט האָט פאַר איר לאַנגן וויידל,
נאָר מ׳האָט איר אָפּגעזאָגט גאַנץ איידל),
און ס׳איז אין וואַלד צעגאַנגען זיך דאָס נייעס —
ס׳באַקומען פּרעמיעס פאָלגנדיקע פייגל, חיות:
דער הירש באַקומט אַ פּריז —
פאַר פלייסיק לויפן און נישט זשאַלעווען די פיס;
דער לאָש —
זיין ערנסטקייט פון אַנדערע אים שטעלט בראש;
דער לאַרך — ווייל אין אַ זוניק וועטער
אַ גלעקעלע פאַרטרעט ער;
דער גימפּל — פאַר זיין מי
אַ נייעם סטיל צו שאַפן אין זיין פלי;
דער ראָב —
ווייל כאָטש אַ מרוק, האָט שׂכל ער אין קאָפּ;
דער נאָדלער — כאָטש נישט ווי דער פוקס איז קלוג,
נאָר ספּריטנע גאַנץ גענוג;
און דער באַראַן —
ווייל כאָטש אַ שוטה, גייט ער גערן דאָך אין שפּאַן;

דער פּיקהאָלץ, ווייל די שעדיקער פֿאַרצערט ער,
און היילן קראַנקהייטן באַגערט ער.
מ'האָט אויך אַ וועווריקל אַ פּריז געגעבן —
ס'באַטייליקט זיך אין די פֿאַרזאַמלונגען מיט לייב-און-לעבן.
אַ שוואַלב איז אויך פּרעמירט געוואָרן; פֿאַר אַ וועלכע זאַכן?
קיין פֿרילינג מאַכט זי נישט, אַ זומער קאָן זי זיכער מאַכן.
מע שליסט שוין די רשימה באַלד,
סע אַטעמט קוים דער וואַלד,
דאָ לויפֿט אַריין די מאַלפּע מיט אַ גוואַלד:
— וואָס אמת, האָב איך נישט קיין פֿעיִקייטן ספּעציעלע,
זיי פֿעלן אויך נישט אויס מיר אויף מיין שטעלע,
נאָר מאַלפּעווען דאָס קאָן איך דאָך, פּאַרטרעטן א י י ך און ז י י.
אַט זעט, ווי איך פּאַרטרעט דעם סאָלאָוויי! —
(דאָס אַלץ כּדי אַ פּרעמיע צו באַקומען און כּדי...).
ער ציט אַרויס פֿון האַלדז אַ טרעל, אַ צווייטן, ווי מיט צוואַנגען,
נאָר ווייטער גייט עס נישט, ס'איז נישט געגאַנגען.

האָט ווער אַ קלאַפּ געטאָן דער מאַלפּע אויף דער פּלייצע,
איר געבנדיק אַן עצה:
— גיי, מאַלפּע, לערנען, מיען זיך, און מיט דער צייט
וועט זיין פֿון דיר אַ לייט.
— צוליב אַ פּרעמיע מוטשען זיך, — די מאַלפּע קרימט זיך — עט...
סע גייט אַרום אַ קלאַנג אין וואַלד: דעם אייזל זי פּאַרטרעט.

וואַרשע. אויגוסט, 1955

פֿון אַנטאָני בלאַזשעיעווסקי

וועלפֿישע צוגעלאָזנקייט

בעת דער מיטיק־פּויזע, פֿון דער אַרבעט פֿריי,
ביים גרעניעץ־ראַיִ אַ פֿערדל כאַפּט אַריין אַ קיי,
פֿאַרטאָן אינגאַנצן אינעם זאַפֿטיקן סאַלאַט.
אַ וואָלף זיך גנבֿעט אונטער, זאָגט אים: — פּאַניע בראַט!
איך קוק אַזוי מיט מיטלייד דורכגענומען, הער,
דו ביסט אַ שיינע חיה, נאָר דו אַרבעטסט שווער,
און מאַכסט פֿון זיך אַ תּל. און וווּ? אין פּע—גע—ער! *
פֿאַרלאָז דעם אַקער און די בראָנע גיך און באַלד
און צו דעם פֿריילאַנד פּליטה מאַך — צו אונדז אין וואַלד. —
ער מאַכט אַ מינע פֿון התפּעלות, ווען ער רעדט,
און שלינגט אַראָפּ די סלינע, ווייל דאָס פֿערד איז פֿעט.
נישט זעענדיק דעם וואָלף, פֿאַרשטעקט הינטער אַ קוסט,
דאָס פֿערדל רייסט נישט איבער און גענִיסט מיט לוסט,
נאָר וווּנדערט זיך: „קיין ראַדיאָ איז נישטאָ דאָ... הם...
איז ווי דערנעמט זיך עס אַהער „אַמעריקעס שטים”?

וואַרשע. אויגוסט, 1955

* מלוכהשע לאַנדווירטשאַפֿט. — Państwowe gospodarstwo rolne

פון זיגמונט קאַטשאַראָווסקי

א פּאַסירונג מיט א טכויר

אַ טכויר גראָד האָט מען איינמאָל אָנגענומען פאַר אַ לייב
און אים באַפוילן מיט די חיות אַלע אָנצופירן.
דער טכויר, געשמייכלט: „ווי מע האָט געטאָן מיך אַ דערהייב!”,
באַשליסט ער: „דרייסט זיין און פאַר שרעק זיך קיינמאָל נישט פאַרלירן!”
און איינמאָל, ס׳איז געווען אויף אַ פאַרזאַמלונג, ער דערקלערט:
— כ׳בין נישט קיין לייב. כ׳בין בלויז אַ טכויר. נאָר וועך סע איז
באַשערט... —
געכאַפּט זיך אויפן טעות, תיכּף ווערט פאַרריכט דער פעלער:
מע נעמט אַראָפּ דעם טכויר פון אַמט; די פראַגע איז געלייזט.
דעם טכויר * באַלייכט דאָ אַ געדאַנק, פון אַ ראַקעטע העלער:
פאַר טכוירן לוינט זיך נישט זיין דרייסט.

וואַרשע. יאַנואַר, 1956

* טכויר; אויף פּויליש — tchórz באַדייט אויך: פּחדן.

פון ברונאָ מיעצוגאָוו

אַ לייב און קאָנסערוון

אַ לייב אין דעם מדבר סאַכאַרע, ווו שטרענג ס׳איז דאָס לעבן,
מיט פּאַדלע פון חיות פאַרשיידענע פלעגט זיך דערנערן.
טרעפט איינמאָל — אַ מאַן פון אַמעריקע האָט אים געגעבן
אַ ביסל קאָנסערוון, און ער האָט גענומען גאַנץ גערן;

(אוי־וויי, אומבאַדאַכטער!) ער האָט זיך פאַרגעסן צו היטן
און פּראַוועט אַ סעודה — דער ביסן איז גאָר אַ באַטעמטער!
נאָר תיכף דערפילט ער, ווי ס׳וואָלט אין די קישקעס געשניטן,
און טויט אין קאָנוווּלסיעס אַ פאַל אויפן זאַמד אַ פאַרסמטער.

דער סוף איז געווען נאָך גרויזאַמער; כ׳וועל אים
דערציילן, כאָטש ס׳מוזן די אויגן מיט טרערן פאַרלויפן:
דער זעלביקער מאַן איז געקומען צו שינדן די פעל אים,
און האָט זי געפירט קיין אַמעריקע דאָרט צו פאַרקויפן.

דערפון די מאָראַל, וועלכע דאַרף אונדז באַגלייטן אין לעבן,
איז פּשוט און קלאָר, ווי די זון אין אַ לויטערן וועטער:
אויב עפּעס אומזיסט די פאַראייניקטע שטאַטן דיר געבן,
איז נעם נישט! זיי וועלן די פעל פון דיר אָפּשינדן שפּעטער!

וואַרשע. פעברואַר, 1956

פון ט. פּאָליאַנאָווסקי

יאַשטשערקעס

אַ יאַשטשערקע, טרעטסטו אָן אויף איר, צי כאַפּסטו זי אין גערדיי, —
זי רייסט זיך אויס און לאָזט דעם עק דיר איבער אַלס טראָפיי.
ווי ענלעך איז צו איר די קאַסטע ביוראָקראַטן,
וואָס בייסט, צי דרימלט, ווי אין ווייַנגאָרטן ביים טאַטן.

דו ווילסט זיי פּאַקן, דרייען זיי זיך אויס געשיקט, און באַלד
פאַרשטעקט זיך איינעם שטעכלדראָט פון פאָרשריפטן — אַ וואַלד.
געפּאַקט שוין, — איז מען מקריב אַ פּערזאָן אַ קליינעם
און — פּטור פון דער צרה מיטן עק איינעם.

דער שטעכלדראָט פאַרהוילט זיי ווידער פאַרן בליק,
נאָך ערגער: זע, דער ווידל וואַקסט דאָך אָן צוריק.

דער פּיקהאָלץ און קריטיק

אַנומלטן טוט עמעצער דעם פּיקהאָלץ שטאַרק אַ שטאָך:
— ציסט ווערעם פון דער גרעבסטער קאָרע, ווי צו איר, אַ בראָך,
נאָר אויפנעמען קריטיק אויף זיך אַליין ביסט נישט בכוח,
ביסט גרייט אַפילו, ווען דו הערסט זי, יענעם בייסן אויך.
— וואָס רעדסטו? — זאָגט דער פּיקהאָלץ — ביסט משוגע דאָך אויף טויט?
באַקלאַפּן מיך? איך האָב דען ברוקזשוקלעך אין מיין הויט?!
וואַרשע. אויגוסט, 1956.

פון דער רוסישער און סאָוויעטישער
משלים־דיכטונג

פון אי. א. קרילאָוו

סאָלאָוויען

אַ פֿייגלכאַפּער, אין די וועלדלעך, פֿריִלינגצייט אַמאָל,
האָט אָנגעטאַפּט סאָלאָוויען גאָר אַ היפּשע צאָל.
צעזעצט אין שטייגלעך, זינגען האָבן זיי גענומען,
כאָטש ס׳וואָלט אין וואַלד שפּאַצירן וויילער זיי באַקומען.
צי קריכן אין דער תּפֿיסה לײַדער וועמען דען אין קאָפּ?
פֿאַרפֿאַלן אָבער: קיינער זאָגט פֿון זינגען זיך נישט אָפּ —
ווער ס׳זינגט פֿאַר לאַנגווייל, ווער פֿאַר זאָרג און לײַדן,
און ווער פֿאַר בענקשאַפֿט צו דער פֿרייער ווײַט.
נאָר איינער צווישן זיי, וואָס האָט געמוזט זיך שיידן
מיט זײַן געליבטער, מער פֿון אַלע לײַדט.
די שטייגל־דראָטן די נשמה אים פֿאַרצערן,
ער קוקט דורך זיי אַרויס צום פֿעלד דורך טרערן.
ער בענקט בײַטאָג און בענקט בײַנאַכט:
„וועסט נישט פֿאַרבעסערן דאָס בײַז מיט אומעט! — ער זיך טראַכט —
מע וויינט דער טיפּש בלויז פֿאַר צרות,
דער חכם מיטלען זוכט, טראַכט נאָך,
בלויז מעשׂים קאָנען ראַטעווען, אים קלאָר איז;
אויך איך קאָן פּטור ווערן, דאַכט מיר, פֿון דעם בראָך;
מע איז דאָך נישט אונדז אויפֿצופֿרעסן געוואָרן,
דער באַלעבאָס, ווי כ׳זע, האָט ליב געזאַנג צו הערן.
אויב כ׳וועל אים אָנטאָן פֿאַרגעניגן מיט מײַן שטים,
קאָן זײַן, כ׳באַקום דערפֿאַר אַ פּריז פֿון אים —
איך וועל אַרויס פֿון דער געפֿענקעניש אַ פֿרייער".
אַזוי־אַ חקירהט ער, און טוט זיך אַ צעלאָז מיט פֿײַער:

ער זינגט א ליבנגעזאַנג דער פּראַכט פון שקיעה און
נעמט אויף מיט לייד־געזאַנג דעם אויפגאַנג פון דער זון.
נאָר וואָס האָט סוף־כל־סוף זיך אויסגעלאָזט דערפון?
ער האָט דערמיט פאַרערגערט בלויז זיין האַליע, ווײַלע
די יעניקע, וואָס האָבן נישט פאַרמאָגט זיין מעלה,
האָט פון די שטייגליעך שוין באַפרייט דער באַלעבאָס פון לאַנג
פאַר זייער שליעכט און גרילצנדיק געזאַנג;
און אונדזער סאָלאָווײ, וואָס מער ער צעגליט זיך
אין זיין געזאַנג, אין טרעלן צאַרטע, האַרציקע צעשיט זיך,
אַלץ שטאַרקער אייַנצוהיטן אים זיין באַלעבאָס באַמיט זיך.

וואַרשע. יוני, 1956

דאָס קאָטערל און דער שטאָר

ס׳אמאָל געווען אין אַ הויז
אַ שטאָר, אַ זינגער אַ שלימויז,
דערפאר אַ פילאָזאָף שוין גאָר אַן עכטער,
ער האָט זיך מיטן קאָטערל באַפריינדעט מיט געפיל.
סע איז דאָס קאָטערל אַ קאָטער שוין אַ רעכטער,
גאָר העפלעך, פיין און אונטערטעניק־שטיל.
איז איינמאָל ס׳קאָטערל ביים טיש פאַרטיילט געוואָרן,
און ס׳האָט דער הונגער דעם פאַרשאַפן פיין:
ס׳גייט פאַסטנדיק אַרום פאַרקלערט, פאַרלאָרן,
און קרייזלט מיטן עקל גוטינקע און פיין,
מיאוקעט: — ווי איז צו מיין לעבן! —
פאַרטראַכט דער פילאָזאָף אַ לערע דעם צו געבן:
— ווי פראָסט דו ביסט! נו, וויפל איז דער שיר
צו ליידן אויסן פרייען ווילן הונגער?
אַ שטיגליץ הענגט דאָך אינעם שטייגל איבער דיר:
איך זע, דו ביסט א פשוט קאָטערל, מיין פריינד מיין יונגער. —
— ס׳געווייסן אָבער... — בלינד דו גייסט די וועלט פאַרביי!
נו, גלייב מיר, דאָס איז פשוט פלוידעריי
און פאַראורטיילן בלויז פון שוואַכע כאַראַקטערן,
די גרויסע קעפּ — די שטותים ווילן גאָרנישט הערן!
סע פירט זיך שוין אַזוי אויף אונדזער וועלט,
דער שטאַרקער טוט, וואָס אים געפעלט.
איך וועל דערויף דיר ברענגען ביישפילן און ראיות. —
און אויסגעחקירהט אַלץ אויף זיין מאניר דאָס נייעס,

זיין פילאָזאָפיע ביזן גרונט אזש שעפּט ער אויס,
און אויפן ניכטערנעם זי נעמט ביים קאַטערל גלייך אויס:
סע שלעפּט אַרויס דעם שטיגליץ און דערכאַפּט דאָס חיות.
דער ביסן האָט דעם קאַטערל גאָר וויל געשמעקט,
כאָטש נישט געקאָנט די פולע זעט דעם געבן.
דערפאַר דעם צווייטן שיעור * האָרכט עס פלייסיק, זיך באַלעקט,
און מיט דערפאָלג נוצט אויס אים גלייך אין לעבן,
סע טוט אַ זאָג צום שטאָר: — מיין פריינד, א יישר־כוח,
דו האָסט געעפנט מיר דעם מוח! —
דאָס שטייגל אויפגעבראָכן, פרעסט ער אויף דעם רבין.

וואַרשע. מאַי, 1956

---

* שיעור — לעקציע.

א קרעמער

— אַנדריי! װוּ ביסטו ערגעץ, װוּ?
נו, שנעלער, ברודער, קום נאָר צו,
און כאַפּ התפּעלות פונעם פּעטער דײַנעם!
װאָלסט נישט דערלײגן, װען זאָלסט האַנדלען לויטן שטײגער מײַנעם. —
אַזױ אַ קרעמער אין געװעלב צו זײַן פּלימעניק זאָגט —
דאָס טוך דאָס פּױלישע, מיט װעלכן כ'האָב זיך לאַנג געפּלאָגט,
װײַל ס'איז שױן אַלט, פאַרנעצט, און װערט פון מאָיל גענאָגט
(צו פּטרן אַזאַ מין באַװול דאַרף מען זײַן אַ בריה),
האָב איך פאַרהאַנדלט אַלס אַן ענגלישע מאַטעריע!
אָט זע, אַ מאה כ'האָב פאַר איר באַקומען ערשט נאָר־װאָס:
דער אײבערשטער האָט צוגעשיקט אַ יאַקנעהאָז.
— ס'איז אמת, פּעטער, — דער פּלימעניק ענטפערט אים — נאָר װאָס?
איך װײס נישט, װער סע איז דער יאַקנעהאָז געבליבן:
אָט זע: ער האָט דאָך דיר אַ פאַלשן הונדערטער געגיבן.

ס'איז נישט קײן װוּנדער: קרעמערײ אויף שקר איז געשטעלט;
נאָר אויב ס'װעט עמעצער אַ קוק טאָן אויף דער װעלט
אויך העכער פון די פּאַליציעס, — ער װעט זיך איבערצײַגן,
אַז ס'קומט אויך דאָרט די זעלבע מעשה פאָר;
אײן חשבון פירן כמעט אַלע צװישן זיך און גאָר:
װער װעמען ס'װעט אַרײַנשטופּן אַ ליגן אַלס די װאָר,
און װער דעם צװײטן װעט אין פאַלשקײט בעסער איבערשטײַגן.

װאַרשע. מאַי, 1956

פון פּ. וויאַזעמסקי

דער טינטער און די פּען

ס'האָבן זיך געאַמפּערט שטאַרק אַ טינטער און אַ פּען:
ווער פון זיי דער שעפער פון דער אמת איז געווען.
צו דער גאַוהדיקער קריג דער דיכטער מאַכט אַ סוף. —
אַט אַזעלכע טינטערס, פּענעס זענען דאָ לרוב.

פון א. סוכאנאָוו

א ידיד

— איך קאָן דיך, משה, — זאָגט זיין שכן בערל — נישט פארשטיין!
ווי לאָזט זיך עס א מענטש אזוי פאַרפירן?
ווי נעמט מען צו אזא פאַרוואַלטער? זאָג אַליין,
ער האָט דאָך נישט אין שיידל קיין געהירן!
ווי האָט עס דיך פון אים דיין שכל נישט פאַרהיט?
— אַך, ליבער פריינד, ער איז דאָך מיינער א ידיד.

און מיין ראַט איז: אויב ווילסטו זיך חערשלאָגן
אין די עסקים דיינע צו דערפאָלג,
דו זאָלסט זיך נאָך באַמטע — פריינד נישט יאָגן,
נאָר בלויז נאָך לייט, וואָס טראַכטן מיט א טאָלק.

פון ב. אליפאנאָוו

א שירעם

סע וואלגערט זיך ארום א שירעם: שוין זענען די טעג.
דאָס וועטער ערגערט זיך, און עמעץ טוט אויף אים א פרעג.
סע גיסט א רעגן, און מע זוכט אים שוין פון אלע זייטן. —
אזוי איז מיט א פריינד בעת א צרה אויך ביי לייטן.

שרודבאָרוו. דעצעמבער, 1955

פֿון דעמיאַן ביעדני

דער בלינדער און דער לאַמטערן

צונויפֿגעשטויסן זיך מיט עמעצן ביינאַכט אין גאַנג,
— אוי־אוי! — דער בלינדער טוט אַ קוויטש דורך טרערן —
אַ מענטש! דו בידלע הערנערדיקע אָן געדאַנק!
צי דען צוליב פֿאַרווייַלונג טראָג איך דעם לאַמטערן?

— ווו האָט איר, — ענטפֿערט מען דעם בלינדן — אַ לאַמטער?
אַהאַ, אָט דער! איר זעט אַפֿנים נישט, ווייל ווער
וועט אויפֿמערקזאַם אויף אים דען ווערן? —
ער איז דאָך אַ פֿאַרלאָשענער לאַמטערן!

זאָל אָט אַזוי דער משל אָן אַ פּירוש בלייבן:
ער האָט אַריינגעפּאַסט זיך אין די שורות אַכט באַקוועם,
און אויב זיין זין פּאַרטייטשן אויספּירלעך — פֿאַר דעם
אַ גאַנצן באַנד וואָלט נייטיק זיין צו שרייבן.

וואַרשע. יוני, 1954

סילוויאַן

אַן אומעט איז באַפֿאַלן סילוויאַנען.
— טפֿו! סאַראַ קללהדיקע צייט!
די הענט אַראָפּגעלאָזן האָבן לייט:
קיין איינציק פֿיערש הייפֿל אָן אַ צרה — נישט פֿאַראַנען.
וווהין איך קום נישט — פּשוט נויט און שווערער מי,
נישטאָ קיין ברויט, נישטאָ קיין פֿי.
און ווו ס'איז יאָ שוין דאָ אַ פֿערדל, איז אַ קליאַטשע זיכער.
עס גייט אַזוי שלימזלדיק, כאָטש הענג זיך אויף וואָס גיכער:
דאָס גאַנצע דאָרף איז אונטער דרערד,
עס זאָל פֿאַרמאָגן כאָטש אַן איינציק כוואַטסקע פֿערד! —

דער קבצן האָט פֿאַרגאָסן טרערן — נאָס צו מאַכן טיכער.
אויף פֿרעמדע פֿערד? נו יאָ. און הערט שוין, אַז איר הערט —
ער איז געווען, דער יונג, אַ לקחנער פֿון פֿערד.

נישט זעלטן הערט איר — עמעץ קלאָגט אויף פֿרעמדע צרות,
און אין דער אמת ז י ך אין זינען האָט ער גאָר עס.

וואַרשע. יוני, 1954

פֿון סערגיי מיכאַלקאָוו

א גערטנער און א קערנדל

אַ גערטנער איינער (ווער? צי גייט עס אייך דען אָן?)
פֿאַרזעצט אַמאָל אין דרערד אַ קערן, שטאַרק פֿאַרטאָן;
סע זאָל דערפֿון אַרויסוואַקסן אַ פֿלאַנצל גאַרט ער.
מיט שטאַרקן אומגעדולד אַ שעה אַ גאַנצע וואַרט ער
און לויפֿט אַ קיק טאָן: ווייזט זיך שוין דער פֿלאַנץ דער צאַרטער?...
אוי, ניין! נישטאָ נאָך! טוט ער גלייך אַ שלעפּ אַרויס
אין אויפֿרעגונג דאָס קערנדל, אַ דריי עס אויס
און אין אַ צווייטן גריבעלע פֿאַרשטעקט עס,
און ווידער אַקוראַט מיט ערד באַדעקט עס,
און וואַרט אַ שעה, און... ווידער גראָבט עס אויף.
— ס'איז אומבאַגרייפֿלעך! ס'זאָגט איר נישט דערויף?
סע זאָל אַ קערנדל צו וואַקסן נישט באַגערן!
פֿאַרוואָס דאָס איינגעשפּאַרטע וויל נישט וואַקסן, גיי פֿאַרשטיי!
ס'איז פּשוט אַ געלעכטער! נאָר סע לאַכט זיך נישט, אוי־וויי!

אויב ווילסטו, סע זאָל וואַקסן, ברענגען פּרוכט דער קערן,
איז טאָרסטו נישט אומזיסט־אומנישט זיין רו אים שטערן!

וואַרשע. אָקטאָבער, 1955

א זעלבשטענדיקער באַראָן

אויף אַ סאָראָקע איז אַ האָן אין הויף אין כעס געוואָרן,
און איר געמוסרט מוסרן מיט האַרץ און צאָרן:
— וואָס שמייעסטו אַרום אַלץ אָן אַן אָפּרו, אין גערייאָג?!
נעם מיך, כ'וועק אויף די באַלעבאַטים כאָטש פאַרטאָג,
און דיך, צום פּענצטערל דעם אָפּענעם רק ציט עס,
דיין גנביש אייגעלע צוגליט עס —
אַ לאַטכע טאָן אַן אוירינגל, אַ לעפל איז דיין ציל!
דו ביסט אַ מיידים, אמת איז, אויף דער גאַנאַוויסקער שפּיל!
נאָר וואָס דיין צינגל איז נוגע, מיט געפּלוידער שיט עס,
ס'איז נישט קיין טאָלק פון דעם זיך צו דערוואַרטן, נישט קיין נוץ! —
געהערט, ווי דער סאָראָקע מאַכט דער האָן דעם שיינעם פּוץ,
האָט דער באַראָן צום גוטן פערד געטאָן אַ נעם זיך:
— וואָס שטעקסטו אויפן הויף אינמיטן טאָג דעם העלן? שעם זיך!
דו בראַזגעסט מיט אַ פּעסל, אַ באַראַנע, אָדער וואָס,
און ס'איז אריין דיר אין דער טבע מיסט צו פירן.
אַז עפּעס אנדערש קאָן מען ברענגען פאַרן באַלעבאָס,
דאָס קומט דיר נישט אַרויף אויף די געהירן!
איך וועל דיר זאָגן אין די אויגן, וואָס דו ביסט — פּראָסטאַק!
דו האָסט נישט קיין געדאַנקען און פאַרמאָגסט נישט קיין געשמאַק!

צו וואָס אַ קריטישער אַרטיקל קאָן אַמאָל דערפירן!
געלייענט דאָ נישט לאַנג אַזאַ באַראַנישע קריטיק,
איך האָב באַשלאָסן: כ'קער צום משל-זשאַנער זיך צוריק.

וואַרשע. אָקטאָבער, 1955

אין א הייסן טאָג

— סע שטייט אַ לוזשע דאָך אינדרויסן, ווו ס'איז קיל צו ליגן,
פאַרוואָס זשע שטעקסטו דאָ גאָר, ווו מע קאָן אַ זונשלאָג קריגן? —
געטענהט האָט די ציג צום חזיר אין א הייסן טאָג.
— איך וואָלט שוין לאַנג געהוייערט דאָרט, — דער חזיר טוט אַ זאָג —
נאָר ס'האָט דאָס גוטע ערטעלע א פּיאַניצע פאַרנומען,
ער איז, ווי יעדן זונטיק, פונעם שענק אַהין געקומען.

אַזוי ווערט עמעצער אַ חזיר און... דעם חזירס פּלאָג.

וואַרשע. פעברואַר, 1956

פון קאָנדראַט קראַפּיווא

אַ קינד, אַ שלאַנג און אַ נאָדלער

אין וואַלד אונטער אַ סאָסנע־בוים געלעגן איז אַ נאָטער,
און אויף דער זון פון פרילינג זיך געוואַרעמט האָט ער.
אַ מיידעלע, וואָס שפּילט זיך ביי דעם ראַנד פון וואַלד,
דערזעט אים, נאָר זי מאַכט נישט קיין געוואַלד,
איר דאַכט זיך:
דאָס איז אַ שפּילצייג, וואָס פון לאַנג זי שוין באַגערט.
דערפרייט זי זיך, צעלאַכט זיך
און לויפט, שטרעקט אויס די הענטלעך אויפצוהייבן עס פון דר׳ערד.
ווי דאָ דער נאָטער שטעקט אַרויס די צונג, און זי דערהערט:
— איך וועל דיך צאַרט אַרומהאַלדזן און צודריקן צו זיך,
און וועסט זיך, קינד, דערוויסן, ווי איך האָב דיך ליב, ווי איך... —
נאָר לעבן איר׳ע פיסלעך טוט אַ זאַט אַ בייזער קלאַנג —
היים שנויבנדיק, אַ נאָדלער וואַרפט זיך מוטיק אויף דער שלאַנג.
אומזיסט דער נאָטער וואַרפט זיך, צישעט, שאַרפט די ציין,
אין קאַמף דער נאָדלער אויף קיין רגע בלייבט נישט שטיין.
ער טרייבערט אים, דעם נאָטער, און אויף שטיקלעך אים צערייסט.
דאָס מיידעלע געוואַלדעוועט, די פויסטלעך אים באַווייזט:
— דו האָסט מיין שפּילצייג... האָסט געמאַכט דערפון אַ תל...
איך וועל דיך אָנשלאָגן! איך וועל...
— באַרואיק זיך, מיין קינד, — ער ענטפערט איר — עס שטעכט מיין הויט.
און כ׳בין נישט שיין, נאָר כ׳האָב דיך אָפּגעראַטעוועט פון טויט.

װעסט אויסװאַקסן און זיך אַמאָל דערמאָנען אינעם הײַנט,
װעסט דו פֿאַרשטײן מײַן טובֿה, און מיר דאַנקען, װי אַ פֿרײַנד.

דער משל איז פֿאַרטראַכט, נישט קינדער בלױז צו מאַכן קלוג.
איך קאָן דערװאַקסענע פֿאַרשװינדלעך איף דער װעלט גענוג,
װאָס שלײַנג צו װאָרעמען אויף זײער ברוסט זײ זענען גערן,
אַבי אַ װאָרט אַ פֿאַלש און חניפֿהדיקס פֿון זײ צו הערן.
אַזעלכע חניפֿהדיקע שלײַנג צו האָבן זענען גערנער,
װי פֿרײַנד געטרײַע, אמתדיקע, נאָר — מיט דערנער.

װאַרשע. סעפּטעמבער, 1954

אַן אָקס און אַן אָקסנפליג

אַנומלט, נאָך אַ הייסן טאָג, מיט זון, ווי פלאַקער,
קערט אום אַן אָקס זיך פון דער אַרבעט מיטן אַקער.
נאָך אים, דעם אָקס, אַ מחנה אָקסנפליגן ציט.
דער אָנגעפּראַצעוועטער אָקס, פאַרמאַטערט גייט ער
און שטאַרק פאַרביטערט אין געמיט:
אין אַלע זייטן מיט די אויגן דרייט ער
און מיט די הערנער, פאָכעט מיטן עק
און טופּעט מיט די טלאָען, אַז אַ שרעק.
— גאָט העלף דיר, פריינד! — אַ פליג זיך שטעלט אים אויפן רוקן
און לאָזט זיך אין אַ זים צעזשומעניש צעגיין —
איך האָב דיך ליב! דו מאַכסט דאָס האַרץ מיר צוקן!
אויף גאָר דער וועלט איך האָב בלויז דיך אַליין!
זיי ווייסן, אָקס, וואָס ס׳איז מיר ליב דיין יעדער אבר,
אַז כ׳וועל דיך נישט פאַרלאָזן ביז מיין קבר!
ווו ס׳האָט די וועלט אַן עק, כ׳בין גרייט מיט דיר צו גיין
(איך קאָן עם דיר באַווייזן אויך) דורך וואַסער און דורך פייער,
נאָר איצט באַגלייט איך דיר דערווייל צום שטאַל, וואָס איז דיר טייער.
נאָר זע, ביסט בייז! אויף וועמען האָסטו זיך אַזוי צעברענט?
— אַוועק דו צאַפּער פון מיין בלוט! זאָלסט זיין פאַרשאָלטן!
אויך אָן דיר האָט אין לעבן מיר נישט אָפּגעגאָלטן...
איך האָב דיך, פּאַראַזיט, שוין לאַנג דערקענט! —
דער אָקס איר ענטפערט גאַרנישט איידל,
און מיטן ווײדל

אַ זעץ! — דעם אָקס אַ לויב —
סע ליגט די אָקסנפליג שוין טויט אין שטויב.

פאַראַן געוויסע לענדער, ווו די פירער האָבן
אַ מויל פול ליבע פאַרן אַרבעט־פאָלק „דעם גראָבן",
און פון דער ליבע דער'ר סע איז דער סוד —
דאָס בלוט זייגס, וואָס זיי זויפן אָן גענאָד.
סע פעלן נישט אַזעלכע צווישן די פאַשיסטן,
וואָס רעדן פייערלעך און זים צו זייער רויב.
אויך זייער סוף דערלעבן וועלן מיר דעם וויסטן:
זיי ליגן טויטע, ווי די אָקסנפליג, אין שטויב.

וואַרשע. אָקטאָבער, 1955

א פויער און זיין באָבע

אַ פויער פאָרט אויף אַ יאַריד, און אויפן וואָגן,
אַ ברייט צעלייגטע, זיצט זיין באָבע ביי זיין זייט;
דאָס פערדל איז אַ בוואַטסקע פערדל, קאָן מען זאָגן,
נאָר איצטער שלעפט זיך עס, שוין גאָרנישט ווי קיין לייט.

איז וואָס איז דאָ די וואָרע סיבה פון דער צרה?
דאָס פערדל איז אַ יונגס, ס׳איז אַלט צוויי יאָר, נישט מער,
און זי, די באָבע — גיט איר נישט קיין עין־הרע —
אַ לייביקע, זי וועגט זעקס פודעלעד — אַ בער.

צי באַרג־אַרויף, צי גאָר אין טאָל, מע שלעפט זיך שווער־לעך,
ווי ס׳פערדל וואָלט געווען פון סאַמע ערגסטן סאָרט.
צו הילף קומען דעם פערד די באָבע איז באַגערלעך,
נאָר נישט דורך שיידן זיך אַ ביסל מיטן אָרט...

— איז דאָס אַ פוילער יונג, די פעל פון אים צו שאָבן!
כאָטש גלעט האָט עס געקאָסט, דאָס פערדל, אַ מטמון! —
די באָבע וואָרטשעט בייז, און מיטן פוס דעם גראָבן
זי טוט אין זאָדיק העם אַ פעסטן זעץ אַלס לוין.

— הער אויף, דו יאָלעפּ! — קאָכט אין פויער אויף דער צאָרן —
און שוין אַראָפּ! פאַרנעם זיך פונעם וואָגן, בער!

דו העלפסט אַזוי דעם פערדל לייכטער, שנעלער פאָרן,
ווי ס'העלפט העך הוסט די לייט, וואָס ליידן אויף דער ד ע ר! *

— אַך, טייוול דו! — די באַבע לאָזט דערויף זיך הערן
מיט קולי־קולות — בייזער תרח! פוילער שוואָם!
קאָנסט בלייבן שטיין דאָ, וויפל נאָר דיין האַרץ איז גערן,
גענוג מיין מאָרדעוואַניע, שטיי דאָ, שטיי קאַלאָם! —

ווי נאָר די באַבע שלעפט אַראָפּ זיך פונעם וואָגן
און זעצט זיך ביי דעם וועג, דאָס אָנטועכץ צעדרוישט,
דאָס פערדל טוט אַ צי און הייבט אָן שנעל צו טראָגן,
ווי עמעץ וואָלט די פּיס אויף נייע אים פאַרטרישט.

סע פעלן נישט ביי אונדז אַזעלכע גראָבע באַבעס,
וואָס מאַכן שווער מיט זייער וואָג דעם גאַנג פאָרויס,
זיי מאַכן אָנשטעל, אַז זיי העלפן אונדז, די הראַבעס,
און זייער הילף נישט איין מאָל איז אַ פּעסטער שטויס.

מע דאַרף זיך מיט דער זגראַיע צו אַ טאָלק דערשלאָגן,
זיי זענען אַלץ פאַראַנען נאָך ביי אונדז, די לייט,
אַנטשלאָסן־פעסט פאַרטרייבן זיי פון אונדזער וואָגן,
בדי סע זאָל זיך לייכטער פאָרן צו דער ווייט.

וואַרשע. אָקטאָבער, 1955

---

* משאַכאַטקע, לונגנפעלער.

פון גאמזאט צאדאסא

די מאַלפּע און דער טעסליער

אַנומלט אין וואַלד מיטן טאָג גלייך
אַ מאַלפּע האָט פּלוצעם דערזען
אכמעטן צעזעגן אויף ברעטער
אַ קלאָץ, מיט התמדה, מיט ברען;

צעזעגט שוין אַ מעטער אַ האלבן,
אַ קלין שלאָגט אַריין ער אין שפּאַלט,
און ווייטער — דאָס אייגענע ווידער;
חער קלין אינעם קלעם זיך פאַרהאַלט.

די מאַלפּע קוקט נאָך נאָכן טעסליער,
פאַרבאָרגן אין ביימערשן סכך:
זי האָט זיך באַשלאָסן, די מאַלפּע,
זיך אויסלערנען איצטער דעם פאַך.

אַכמעט איז אַוועק אויף אַ רגע, —
דערויף האָט די מאַלפּע געהאָפּט,
און — האָפּ אויף דער קלאָץ, ווי אַ רייטער —
געאַרבעט זאָל זיין, נישט געבלאָפט!

זי אַרבעט. נו, ממש — דער טעסליער.
די קלינעס — אַ ריס, וואַרף אַוועק —
דער שפּאַלט האָט זיך פּלוצעם געשלאָסן,
אין אים איז פאַרשטשעמעט איר עק.

זי האָט זיך צעקוויטשעט פאַר ווייטיק —
ווי קריגט מען אַרויס איס פון שפּאַלט?!
סע ווערט אין די אויגן איר פינצטער,
פון שרעק אין חלשות זי פאַלט.

אַכמעט קערט זיך אום און דערזעט זי:
אַ קלאָץ — אומבאַוועגלעך און שווער.
ער נעמט מיט איר לערענען בלק —
אין עק זי געדענקט שוין נישט מער...

דער משל גאַמזאַטס גיט אַ לערע:
אין אַרבעט צו שטערן — אַ שאַנד,
און כאַפּ זיך נישט אָן פאַר אַן אַרבעט,
וואָס איבער דיין שוואַכן פאַרשטאַנד.

װער סע פֿאָלגט דעם מאָגן,
פֿאַרליִרט דעם קאָפּ

סע איז געװען אַ צװיג אַנומלט,
װאָס פֿלעגט אַרומגײן פּוסט־און־פּאַסט
און זײַן אױף יעדן טרױער־מאָלצײַט
און חתונה — דער ערשטער גאַסט.

גלײַך פֿלעגט זי אָנהײבן צו פֿליִען,
װי נאָר ס'האָט װו פֿאַרשמעקט מיט רײך,
זיך אומעטום אַרײַנבאַקומען
און טאָן אַ לקחן עפּעס אױך.

אין אײגענעם אַאױל *, אין שבֿנות,
װי ס'פּײַקלט נאָר אַ טאָמבורין,
זי טוט אַ לאָז זיך פֿײַל פֿון בױגן
און קומט פֿאַרבאַפּעט אָן אַהין.

עס זענען די יום־טובֿים אַלע
דער צװיג באַזונדערס װױל באַקענט,
װי נאָר אַ יום־טובֿ ערגעץ —
אַ טראָג אַהין זיך מיט אַ פּענה.

---

* דערפֿל אין מיטל־אַזיע.

באַמערקט, וואָס ווירקט אויף איר צום שטאַרקסטן,
אין צווײ אַאולן טראַכט מען צו,
ווי אָפּצוטאָן דער צויג אַ שפּיצל,
זי זאָל געדענקען שוין, נו־נו!

און אָט הילכט אויף אין די אַאולן —
ערשט דאָ, באַלד דאָרט — אַ טאַמבורין.
און ס'לויפט די צויג, געווייצט פון בײדע,
אַהין — אַהער, אַהער — אַהין.

אָט הילכט דער טאַמבורין פון אײן זײט,
און אָט־אָ פון אַ צווייטער באַלד, —
זי שלאָגט אַרויס זיך פון די כוחות,
די צויג, און פייניקט זיך אַ גוואַלד.

פון דאָרשט איר טריקענען די קישקעס,
זי פאַלט אַנידער, אונדזער צויג,
און ליגט אַזוי, ביז ס'קומט דער אָוונט,
און מאַכט אויף אייביק צו אַן אויג.

פון אָט דעם נעבעכדיקן פגר
אַ מוסר נעמען מיר אַראָפּ,
אַז: „ווער ס'ע פאָלגט ניט דעם מאָגן,
דער פאַרלירט דעם קאָפּ".

דער מולא און די שווינדלער

ס'ווערט דער ביטרער נישט קיין רייכער מאַן,
ווען קיין שוטים זענען נישט פאַראַן.
(אַוואַריש פאָלקס־שפּריכוואָרט)

אַנומלט אין אַ מאַרקטאָג האָט אַ מולאַ * אויף קורבאַן־בייראַם **
געקויפט אַ ציג און זי געפירט אַהיים, ווי פלוצעם: — שאַנד און שמאַך! —
שרייט אויס אַ וועג־גייער — פאַר שאַנד מיין פּנים ברענט ווי פלאַם!
אַ מולאַ פירן זאָל אַ הונט — אַן אומדערהערטע זאַך!

— דערצו אַ קרעציקן! — אַ צווייטער זאָגט — דער הונט איז מיר באַקענט:
אַ הפקר־הונט, און דאָס איז צווישן הינט דער סאַמע בייזסטער מין.
האָט דאָ נישט לאַנג צעביסן מאַכטומאַגן דאָך די הענט.
און טשעפּעט נישט דעם מולאַ — עפּעס שטעקט דערין!

— דער הונט מאַכט טמא דיין כאַלאַט, דו שמוציקער!
— אַ דריטער שרייט —
וואָס ביסטו פאַר אַ מולאַ, דו? מיר זענען הייליקער פון דיר.
— ווער ס'וואַשט זיך נישט, פון גלייבן אין אַלאַכן איז ער ווייט.
עס גייען נישט רעכטגלוביקע מיט הינט אויף אַ שפּאַציר!...

---

* גייסטלעכער פון מאַכמעדאַנישן גלויבן.

** אַ מאַכמעדאַנישער יום־טוב, ווי דער יידישער פּסח.

דער מולא האָט געגלייבט די לצים, און אין גרויסער שרעק
געשטעלט זיך פאַר אַלאַכן תפילה טאָן, עס זאָל אַוועק
די טומאָה פון זיין זינדיקן געביין,
און פריי געלאָזט די ציג, זי זאָל זיך גיין.

אַהיימגעקומען, נעמט ער זיין כאַלאַט מיט ליים באַשמירן,*
סע זאָל פון אים דער הונט־געערוך, חלילה, זיך נישט שפּירן.
די ציג געמעקעט האָט שוין ערגעץ ווייט:
עס האָבן זי אַוועקגעפירט די שווינדלער, יענע כיטרע לייט!

* דער הונט ווערט ביי די מאָכמעדאַנער געהאַלטן פאַר אַן אומריינע חיה.
וואָס איז דערווידער אַלאַכן. אויב אַ הונט באַלעקט עפּעס, דאַרף מען עס וואַשן
זיבן מאָל, דערצו דאָס לעצטע מאָל מיט ליים.

די חלוקה

אַ לייב, אַ וואָלף, אַ פוקס — געגאַנגען
אינדרייען אויף געייעג מיט גליק:
געבראַכט פון דעם געפאַנג צו פירן
אַ האָז, אַן איזל און אַ ציג.

און ס'האָט דער לייב דעם וואָלף באַפוילן
צעטיילן אויפן אָרט דעם פאַנג.
דער וואָלף דרייט רואיק מיטן וויידל
און מאַכט די חלוקה מיט געדאַנק:

דער איזל — פאַרן לייב, פאַרשטייט זיך,
דעם פוקס — דער האָז וועט זיין גענוג,
פאַר מיר — די ציג וועט מוזן קלעקן —
אַ חלוקה — אָרנטליך און קלוג.

דאָ טוט דעם לייב אַ טראָג אַזש אונטער
און — בוך! דעם וואָלף אַזאַ מין שטויס,
אַז, אָן אַ קרעכץ, אַ זיפץ צו געבן,
דער וואָלף אַ טויטער ציט זיך אויס.

— אַזאַ מין טיפשותדיקע חלוקה! —
צעוואָרטשעט זיך דער לייב, ער ווערט
אַ ביסל רואיקער און ווענדט זיך
צום פוקס — און, זאָג, דער פוקס וואָס קלערט?

און ס'ענטפערט איס דער פוקס באַשיידן:
— עס האָט געטוילט דער וואָלף כאַפּ־לאַפּ.
אַ גראָבער יונג געווען, אַ זשעדנער.
עס איז דער פאַנג אַזוי דאָך קנאַפּ:

דעם האָז צום פרישטיק נעם, דער אייזל
זאָל שפּעטער דיר אַ מיטיק זיין,
די ציג אויף וועטשערע לאָז איבער, —
אַזוי וועט זיין געריכטיק־פיין... —

צופרידן פון דער קלוגער חלוקה,
דער לייב ציט אויס זיך, פרעגט באַדענקט:
— און ווער האָט, זאָג מיר, פוקס מיין ליבער,
מיט אָט דער חכמה דיך באַשענקט?

— אָ, מלך! זיין אַ קלוגער שופט
ביים לייב — געלערנט זיך איך האָב
ביי אָט דעם וואָלפישן שוין טויטן
און גרעסטן טיפשותדיקן קאָפּ...

וואַרשע. מאַי, 1954

א פּאַסטעך א טרוימער

אין אַלטן כונזאַך האָט א פּאַסטעך געשמט:
זיין אָרעמע טאָרבע מיט טרוימען איז רייך.
אַן עלנטער שלאָפט ער, דער אַלטער, אויף שטרוי,
נאָר לעבט מיט דער האָפנונג מיט יונגע צוגלייך.

זיין סאַקליע * איז ליידיק, און נאַקעט — די ווענט,
עס הענגט בלויז פון סטעליע א ליימענער קרוג, —
אין אים פלעגט ער האַלטן זיין בוימל — דעם לוין
באַקומען פאַר אַרבעט, נאָר איז נישט גענוג.

דער טרוימער פלעגט צוגיין פאַר מיטיק צום קרוג
און טונקען א פינגער אין בוימל, נישט מיין,
און שטילן דעם הונגער מיט ברויט מיט פאַרדאַרטס,
באַשמאַלצן מיט סלינע פון צווישן די ציין.

דעם טרוים איז אין רויכיקער סאַקליע צו ענג,
ער האָט פאַר א פירער דעם טרוים זיך געווילט,
געלאָזט זיך נאָך עשרות, אַרויף אין די בערג,
און דאָ פאַרן קרוג דעם פאַרדינסט שוין געציילט:

„כ'פאַרקויף זיך דעם בוימל — באַקום איך א שעפּס,
אַזאַ, וואָס א יאָר זי מיר דריי מאָל געבערט,

---

* א פויערישע כאַטע אויף קאַווקאַז.

אַ צווילינג וועט ברענגען מיר איטלעכע זי,
ביז וואַנען אַ טשערעדע שעפּסן עס ווערט..."

ער קויפט אָפּ די באָדגס די בעסטע אַרום,
ער בויט זיך פּאַלאַצן, דער פּאַרנעמער הער,
אַ כלה אַ גבירנטע נעמט פֿאַר אַ ווייב,
געבערט זי אים קינדער — אַלע, ווי ער.

ער שיקט זיי, די קינדער, זיך לערנען אין שול,
דער גרעסטער פּראָפעסאָר איז לערער ביי זיי, —
ער דראָט מיטן שטאָק זיינע קינדער:
— געדענקט,
ווער ס'פֿאָלגט נישט, וועט זיין אים אַזאַ־און־אַזוי!

דאָ טרעפט ער נישט־ווילִיק אין קרוג מיטן שטאָק,
דאָס ברעכלעכע ליים טוט אַ סקריטש, און — פֿויך־פֿוין!
דער בוימל, געזאַמלט אַ טראָפּ צו אַ טראָפּ —
צעגאָסן אויף דרערד לעם די פיס אינעם שמוץ.

די טרוימען — פֿאַרשוווּנדן, דער פּאַסטעך איז צריק
אין סאַקליע אַליין אין זיין אָרעמען שטאַנד, —
צעברעכט ער דעם שטאָק, וועלכער האָט אים צעשטערט
דעם קרוג מיט די ליכטיקע טרוימען ביינאַנד.

וואַרשע. יוני, 1954

פֿון אלעקסיי מאלין

דאָס פֿלאַטערל און די בין

ס'האָט איינמאָל זומער אויף דער גרינער לאָנקע זיך פֿאַרקלאָגט
אין פֿלי אַ פֿלאַטערל פֿאַר זיינע פֿריינדינס און געזאָגט:
— דאָס פֿאָלק באַציט צו מיר זיך זייער אומגערעכטיק.
איך בין האָך גראַציעז! כ'בין איידל־פֿיין! און רייך
איז אויך מיין טראַכט; קוקט אָן ווי שיין, ווי פּרעכטיק!
צי קאָן ווער זאָגן, אַז די בין צו מיר איז גלייך?
ווי אומגעלומפּערט — איר פֿיגור! זי קליידט זיך נישט־מאָדערן
און נעבעכדיק. הגם איר געזשום אייר בייזקייט לאָזט זיך הערן.
דערצו נאָך איז זי אומדערצויגן, שלעכט און ווילד צעשטיפֿט:
אין יעדן, קליין צי גרויס, זי לאָזט אריין איר גיפֿט.
און נישט געקוקט דערויף מע לויבט זי גערן.
אָט זע איך, מ'האָט שוין פֿאַר דער בין אַ שטאָק באַנייט,
מיט צוקער וועלן ווינטער זי מכבד זיין די לייט.
מיט אַכטונג איז מען זי מקבל־פּנים, מע באַגלייט זי,
און מיר, דעם פֿלאַטערל, ווייזט יעדערער די פּלייצע!...
— אומזיסט באַליידיקסטו זיך און דו רעגסט זיך אויף, —
די מורעשקע באַמערקט דעם פֿלאַטערל דערויף —
די בין איז פּראָסט! איר קליידונג איז איינטאָניק,
אין ענין־מאָדע איז זי שוואַך,
געדענק אָבער איין זאַך —
זי גיט דערפֿאַר דעם עולם האָניק.

וואַרשע. סעפּטעמבער, 1955

דער בער און די אַנקעטע

אַ בער אַ קאַבינעטנזיצער, אָנגעטאָן די בריל,
זיצט ערנסט, לייענט אַן אַנקעטע־בויגן שטיל.
— דאָס בילד באַקומט זיך לויט די אָנגאַבן... אַזוי:
„צוויי פיס... צוויי אויערן...״ גענוי.
„די האָר פון העלן טאָן און ביי דער גריווע — גרויס...״
„פאַרמאָגט אַן עק, וואָס מיט אַ בערשטל לאָזט זיך אויס...״
„איז פּעיִק טאָן אַ רעווע הילכיק ווּי אַ גרעיל...״
— איז קלאָר דאָך — ס'איז אַ לייב! —

— רייסט אויף דער בער דאָס מויל
געפונען אַ מציאה! נאָר קיין צייט נישט צו פאַרלירן!
באַרסוק! אין קאַדרען־אָפּטייל די אַנקעטע שוין טראָג אָפּ.
באַפרייען, היינט נאָך שוין, דעם שאָף,
און דעם אָט — תיכף! — צו דער אַרבעט אויספאָרמירן.
אַצינדער וועט מען זאָגן:

„בערקע — האָט ער עס אַ קאָפּ!
אַ לייב זיך צוגעקליבן אַלס געהילף אָנשטאָט דעם שאָף!...״ —
דער בער פאַר זיין באַקאַנטן העלפאַנט זיך באַרימט הערמיט
(„אין צוקלייבן די קאַדרען דאַרף מען קלוג זיין און געניט!״),
און פאַר די ווייב־און־שוויגער זיך מיט פרייד צעשיט.
דערציילט עס פאַר אַ שכן, און ער לאָזט זיך גיין היינט שלאָפן
אַ מוטיק אויפגעלייגטער, ווי ס'האָט זעלטן זיך געטראָפן...
...אויף מאָרגן, זיך גענומען צו דער אַרבעט פרייליך, פריש,
דערזעט דער בער... אַן אייזל שטייט דאָ פאַר זיין טיש.

— אַזעלכע ווייצן האָלט איך נישט! — צערעוועט זיך דער בער. — ווי קומסטו האָס אַהער פאַר מיינע אויגן?

— ווי כ׳קום אַהער? — האָט אייזל ענטפערט — פּראָסט: לויט מיין באַגער און לויט די אָנגאָבן פון מיין אַנקעטע־בויגן!

דאָס איז דאָס טרויעריקסטע מעשהלע פון שטראָף פאַר זינד פאַר די, וואָס זענען איינגעליבט אין דער אַנקעטע בלינד!

וואַרשע. אָקטאָבער, 1954

א קאַלעקאָטקע

װען ס'קלײַבט פֿונאַנדער זײַן פֿאַרמעג דער סטאַרשינאַ,*
די קאַלעקאָטקע טוט זיך צו זײַן האַנט אַ שפּאַר
און אַ ציגראַגער מיט אַ לשון אָט אַזאַ:
— איך בין אױף איבונגען געװעזן אַלס געװער
און האָב פֿאַרטראָטן דאָרט אַ קײַלנװאַרפֿער, מער —
אַ גאַנצע אָפּטײלונג פֿון קײַלנװאַרפֿערס. הער:
סע האָט אַ לאַגע זיך געשאַפֿן דאָרט אַזעלכע,
אַזאַ מין שװערע און פֿאַרװיקלטע, אַזאַ,
אַז אָן מײַן קענטשאַפֿט און געניטשאַפֿט, װעלכע...
— איז װאָס פֿאַרלאַנגסטו? — פֿרעגט דער סטאַרשינאַ.
— מע װאָלט מיר דאַרפֿן העכערן דעם ראַנג,
נאָר, לײַדער, בין איך צו באַשײדן —
אָט ליג איך דאָ מיר נישט אַ װאָרט צו רײדן...
צי קומט מיר שמאַכטן דאָ אין װינקל װאָכנלאַנג?
איז דאָס פֿאַר דעם דער שײנער דאַנק,
װאָס כ'האָב אַ קײַלנװאַרפֿער מיט דערפֿאָלג פֿאַרטרעטן?...
— הער אױף צו גראַגערן! דו זאָג מיר קודם, כ'װיל דיך בעטן:
צי קאָנסטו, קאַלעקאָטקע, שיסן?
— דאָס נישט... דערפֿאַר... כ'קאָן גראַגערן פֿאַרביסן! —
דער סטאַרשינאַ האָט זיך צעלאַכט און אָן אַ װאָרט
אַװעקגעלײגט זי אױפֿן אָרט.

דער משל מיט זײַן מוסר־השכל אונדז געזעגנט:
אַזעלכע קאַלעקאָטקעס האָט איר דאָך באַגעגנט.

װאַרשע, אַפּריל, 1956

---

* דאָ: אַ מיליטערישער ראַנג.

בערישע גערעכטיקייט

סע האָבן פאַרן בער, דעם קעניגער פון געזעץ אין וואַלד,
די האָזן אויפן פוקס פאַרקלאָגט זיך: היתכן? גוואַלד!
דער בער, זיך קראַצנדיק אין קרייצביין מיט הנאה,
די קלאָגשריפט האָט געלייענט לאַנגזאַם און מיט קאָפּ.
— הממ־יאָ... די האָזן שרייבן, אַז דער פוקס, די חיה־רעה,
באַטריעט זיי קלאָמפּערשט גראָב,
אַז ער פאַרשטייט זיך נישט אויף ווערטער,
און אַלץ נאָר מיט די ציין דערקלערט ער...
ס׳איז אָנגעשריבן שאַרפזיניק און דין,
נאָר עפּעס גלייב איך נישט דערין.
איך גלייב נישט, ווייל סע שטימט נישט מיט די פאַקטן.
זוי מיט אַ חיה, וועלכע איז מיר אונטערטעניק, כ׳בין
מיט אָט דעם פוקס געשטאַנען אין קאָנטאַקטן.
איך האָב פערזענלעך אָפט געטראָפן זיך מיט אים אַליין,
מע האָט ספּסוכים אויסגעגלייכט, געמאַכט דעם באָדן ריין,
קיין איין מאָל האָט ער נישט באַוויזן מיר די ציין,
און תמיד אָפּגעטראָטן מיר דעם וועג גאַנץ איידל,
פאַרקערט פאַר מיר דעם שטויב פון באָדן מיטן וויידל,
בקיצור: זיין באַנעמונג — מילד און מלא־חן...
זיי האָבן אויפן פוקס זיך ביטרע־בייז פאַרמאָסטן!
און איך וועל זיין גערעכטיק, וואַכזאַם אויף מיין פּאָסטן! —
...און ס׳האָט דער בער די האָזן צוגעצויגן באַלד לדין
פאַר לשון־הרע פונעם ערגסטן מין.

וואַרשע, אָקטאָבער, 1956

פון פאַוולאַ קלושינאַ

האָפּן

דערזען אַ וועבערביימל נאָענט לעבן זיך,
די גרינע האָפּן טוען גלייך צו דעם אַ קריך
און הייבן אָן צו שעפּטשען ליבע-און-ליבע-ווערטער:
— ווי שיין דו ביסט! קאָן עמעץ זיין פון דיר באַגערטער?!
מיר גייען אויס נאָך דיר! פאַרכישופט אונדז, דו שטאָלצער בוים!
מיר זעען גאָר היין שיינקייט אויף דער וואָר און אויך אין טרוים.
דער שטאַרקער דעמב, דאָס צירונג פון די וועלדער,
וואָלט אפשר מיט זיין מעכטיקייט פאַרשטעלט דיר,
אין שיינקייט אָבער — דו ביסט אויפן ערשטן אָרט!... —
דאָס וועבערביימל הערט און גלייבט זיי אויפן וואָרט.
און זיי הערוויל זיך לאַשטשען, צערטלען, קאָקעטירן,
אַלץ שטאַרקער טוליען זיך, דעם אָטעם צו פאַרלירן,
און קריכן העכער, העכער, גרייכן שוין זיין האַלדז.

פונוואַנען זייער ליב, די ליבע איבער אַלץ,
און די פאַרגעטערונג און גרייטקייט זיך צו בוקן?
גאָר פשוט: ווייל זיי לעבן אויפןביימלס רוקן.

וואַרשע. סעפּטעמבער, 1956

א זונרויז

פֿאַר איר משפּחה האָט אַ זונרויז זיך באַרימט:
— קוים ווערט איר נישט פֿאַרברענט פֿאַר קנאה, ווערט איר בלינד!
אַז איבער אַלעמען און אַלץ איך קעניג —
די זון אַפילו איז מיר אונטערטעניק.

אין שיינע טעג, ווען ס׳ברענט אין פֿעלד דער שניט,
באַווייזט מיין קאָפּ דאָך וווּנדער — זאָגט, אויב ניט!
אין וועלכער זייט איך זאָל אים נאָר נישט ווענדן,
גלייך גייט מיר נאָך די זון, פֿון דאָרט צו בלענדן.

איז, הייסט עס דאָך, געדרונגען קלאָר דערפֿון —
איך דאַרף נאָר וועלן, און כ׳פֿאַרהאַלט די זון!
און טו איך בלויז אַ זאָג: „צוריק זיך קערן!",
איז מיינט איר, אַז זי וועט מיך גלייך נישט הערן?!

דעם פּוסטן גאַווהניק, וואָס קומט צו דיר אין הויז,
ראָט לייענען, מיין פֿריינד, דעם משל מיט דער רויז.

וואַרשע. אָקטאָבער, 1954

פון סאיפי קודאש

די ברייטהאַרציקע ציג

אַ ציג פאַרבעטן האָט אַמאָל צו זיך אין געסט
באַקאַנטע, קרובים, שכנים, אַז מע זאָל זי לויבן:
— ווי ברייטהאַרציק זי איז! — פון הויפנס גרינע קעסט
איר טיש האָט זיך געבראָכן, ממש נישט צו גלויבן.

די מעלה־גרהדיקע יאַזוען זיך צעשיינט,
די באַלעבאָסטע בעט אַריין די געסט אין גאָרטן:
— אַך, ווויל געקומען! לאָזט זיך וווילגיין, ליבע פריינד!
וואָס עמעצן געפעלט נאָר, עסט פון אַלע סאָרטן!

די גאַסטפריינדשאַפט דער ציגס געפאַנגען האָט די געסט!
מע טוט איר כבוד אָן — מע נעמט זיך פריילעך קייען,
פון בייט צו בייט מע לויפט־אַריבער און מע פרעסט,
וואָס נאָר עס לאָזט זיך עסן און דערנאָך פאַרדייען.

און זי, די ציג, איז ברייטהאַרציק און איינס נאָר בעט:
— עסט נאָך! אַ, זשאַלעוועט נישט! עסט פון אַלע סאָרטן! —
נאָר אינדערפרי דערוויסט זיך דער קאָלכאָז צו שפעט:
די ציג מיט אירע געסט... צעפּטרט אונדזער גאָרטן!

די ציג אויף צוויי פיס כיטרער איז פון דער אויף פיר —
איך האָב אין זינען יענע וויניקע, וואָס שפילן
אויף דער מלוכהס רעכענונג דעם מילדן גביר
מיט גוטער, ברייטער האַנט און האַרציקע געפילן.

וואַרשע, דעצעמבער, 1954

דער האָן

עס ווייסן אַלע, סאַראַ זינגער ס'איז דער האָן!
וואָס זינגט ער איצט אַזוי צעיאָבמערט, הײַנט פֿאַרטאָן?

עס האָבן אויסגעלאָשן זיך דעם האָנס געפֿילן
צום ווײַב, די אַלטע הון, וואָס טוט שוין נישט קיין שפּרונג,
עס קאָן זיך אָבער זײַן פֿאַנטאַזיע אַלץ נישט קילן —
ער זינגט צו איינער אַ כאָכלאַטקע, שיין און יונג:

— פֿאַר אײַך אַליין בלויז זינג איך, רימען אײַך באַגער איך!
און... קוקאַריקאַ!... קראַסאַוויצע, איך שווער אײַך!

נאָר קאָנענדיק דעם ליבע-אײַפֿער פֿון דעם האָן,
זײַן פֿעיִקייט צו פּראַווען קאָמפּלימענטן פֿלאַכע,
די עופֿות-קאַמער אַ צעלאַך האָט זיך געטאָן,
און אויך די הינער פֿון זײַן גאָרנדיקער „שפּראַכע".

איך קאָן אויך לײַט, וואָס דוירהאַפֿטיקער פֿון זיי
אין ליבע איז דער האָן — דער דאָן-זשואַן בעל-קריי.

וואַרשע. דעצעמבער, 1954

אויף איינער א זיצונג

דער זאַל איז אויסגעפּילט פון וואַנט צו וואַנט,
געפּאַקט, נישט אויסצודרייען דאָ קיין האַנט.
עס ווערט באַהאַנדלט דעם באַרסוקס געדיכט,
מע לאָזט דערויף פּראָזשעקטאָרס קריטיש ליכט.

עס זענען טייל פון דעם געדיכט פאַרבלענדט,
מע טראָגט דעם דיכטער אויף די הענט;
און טייל, כדי נישט צו פאַרשאַפן לייד,
פאַרשטעלן זיך און זיצן שטילערהייד.

דאָס שלוסוואָרט קריגט דער פוקס. ער שטעלט זיך אויף,
טוט שנעל אַ בליק אין אַ פּאַפּיר, אַ לויף
אַריבער איבערן זאַל מיט שטרענגן קוק,
און שיקלט מיט אַ שמייכל צום באַרסוק:

— כ'בייג ערעפול דעם קאָפּ פאַר דעם טאַלאַנט;
(מע זעט דאָ גלייך די מייסטערישע האַנט!);
כ'פאַראייניק זיך צו אַלץ, וואָס ס'איז דאָ קלוג
געזאָגט געוואָרן וועגן דעם באַרסוק.
אין דעם געדיכט מיר האָבן אַלע קלאָר
באַמערקט פּראָבלעמען גרויסע פון דער וואָר,
און טעמעס וואָגיקע האָט אויסגעקלאָרט
דער דיכטער מיט זיין צמצומדיקן וואָרט. —

די זיצונג איז געענדיקט. שטיל און פיין
גייט צו דער פוקס צום יאָזש און רוימט אים איין:
— איך האָב אַן אַנדער מיינונג. דיר נאָר בלויז
פֿאַרטרוי איך עס אויס פֿריינדשאַפֿט, הער מיך אויס:
נישט טעמען, נישט פּראָבלעמען זענען דאָרט
אַרויסגעבראַכט געוואָרן דורכן וואָרט.
און וואָס נוגע פֿאָרעם — אוי, אַ בראָך!
נישט ניי,
פֿאַרשימלט,
צווישן הענגען נאָך,
און, כ׳זאָג דיר, דעם באַרלויקס באַרימט געדיכט
איז אויף כּפּרות־שלאָגן אַ געריכט!

דאָ בלייבן מיר שוין מיטן משל שטיין.
איז נייטיק נאָך צו אים דער נמשל? ניין.
ווייל אַט אַזעלכע זיצונגען, איך מיין,
מיר אַלע זענען בייגעווען אַליין.

וואַרשע. אָקטאָבער, 1954

פון אבולקאַסים לאהוטי

דריי טראָפּנס
(אַפּאָלאָג)

גערוידמעט מאַקסים גאָרקין

שוין גאָר אַן אַלטע מעשה וועקט זיך אויף אין מיר
פון טראָפּנס דריי, וואָס יעדער האָט זיך זיין קאָליר.
זאָגט איינער: „ס׳איז מיין אָנבליק פּשוט, קלאָר־צעהעלט,
און קיינער קאָן נישט ווערן גלייך מיט מיר געשטעלט.
כ׳בין דורכזיכטיק, קיין שום קאָליר מיך גיט נישט אויס,
און דאָך אַ שטערן־שיין עס שטראַלט פון מיר אַרויס.
אין אַלץ, וואָס ס׳האָט דער מענטש געשאַפן אויף דער וועלט
און וועט דור־איין, דור־אויס נאָך שאַפן, וועט צעהעלט
פאַר יעדנס אויג באַווייזן זיך מיין גאַנצע שיין,
ווייל איך בין גאָר דער אָנהאַלט פון דעם מענטשנס זיין.
איך בין דער סאַמע שטראַליקסטער אַלמאַז — דער שווייס,
וואָס רינט פון אַרבעטס־מענטשן, ווען ער אַרבעט הייס.
כ׳רין תמיד פון זיין שטערן, פון זיין מי געניערט,
כדי מיט שיינקייט, פּראַכט באַקליידן אונדזער ערד״.

דער צווייטער טראָפּן, וועלכער רויט איז, זאָגט דערויף:
„די ווערטער דיינע פאַלן מיט דער וואָר צונויף,
נאָר די פאַרדינסטן מיינע זענען אויך נישט קליין,
און איך פאַרדין זיך אויך אויף שבחים זייער שיין.
צי איז די פּרייז פון דעם רובין־שטיין נישט געבויט
דערויף, וואָס זיין קאָליר ווי מיינער איז — העלרויט?
צי מאַכט דער מאָרגנרויט נישט שיין די וועלט דערפאַר,

הויל, ברענענדיק, ער טוט אויף איר מיט רויטס אַ שפּאַר?
די רויטע רויז פאַרטונקלט בלומען אַלערהאַנט;
קיין שטערנס איז די בלומענבייטן נישט באַקאַנט.
איך בין דער טראָפּן, וואָס זיין פלאַמיקער געלעכץ
ברענט אויס צום גרונט די וועלט פון גוואַלדטאַט און פון שלעכטס.
אין רעגונג אָן אַן אויפהער, ווי אין ים אַ וואַל,
איך גיי פאַר דיר אין טויט־געראַנגל איבעראַל.
ווען כ׳זע ווי ס׳ווערט דאָס פאָלק פון אַרבעט אונטערדריקט
פון פוסטאַנפאַסטניקעס פאַרהאַסטע פלינק־געשיקט,
אין מיר אַן אומגעשטילטער צאָרן זיך צעזידט,
און הערצער ווערן פון מיין רויטן פלאַם צעגליט,
איך רוף זיי קעגן די חיילות שלעכטס אין קריג,
איך פיר זיי אויפטאָן גרויסע זאַכן נאָכן זיג.
אָן מיר וואָלסטו געליטן תמיד אָן אַ ברעג,
און די תלינים וואָלטן דיר דערגיין דעם עק,
מיט בייזן גורל דיינעם שלום וואָלסט געמאַכט,
און ס׳גאַנצע לעבן פון דער קנעכטשאַפט נישט דערוואַכט.
דער הפקר־ווילן ווערט פאַרלענדט אין מיין געזאַנג,
דער טראָן פון גוואַלדטאַט ווערט צעקרישלט און פאַרשפּאַנט.
איך בין אַ פלאַם, כ׳בין שאַרף פון שטאָל, כ׳בין זונען־גלי,
כ׳בין ס׳בלוט פון שלאַכטלייט, וועלכע גרייטן זיך אין מי —
די וועלט פון גוואַלדטאַט צווינגען פאַלן אין דער שלאַכט
און איבערענטפערן די אַרבעטס־לייט די מאַכט!”

די רייד פון ביידע אירע חברטעס געהערט,
און, אַז ס׳איז ריכטיק וואָס זיי זאָגן, זיך געקלערט,
האָט אָנגערופן זיך די דריטע צו דער פּאָר:
„דאָס לייקענען קאָן נאָר אַ שונא פון דער וואָר.
נאָר אויכעט די פאַרדינסטן מיינע זענען גרויס,
אויך איך מיט פייער־פלאַם בין אָנגעפילט דורכויס.
און וואָס כ׳בין שוואַרץ אַזוי, נישט וואַרפט מיר פאָר אַצינד:
מיין שוואַרצקייט איז קיין פעלער נישט און נישט קיין זינד.
איר פינצטעריש, וואָס איז, ווי ס׳דאַכט, אַזוי געדיכט,
איז פול מיט סודות אָן אַ צאָל פון גרייסן ליכט.

נישטאָ קיין שטאָל־שאַרף שאַרפֿערער פֿון מיר און ניט
קיין בליץ, וואָס שנעלער טוט פֿון מיר דעם רוים אַ שניט.
ווען ס'גענטערט זיך דער סוף פֿון אויפֿשטאַנד, און דערווייל
דער שלאַכטמאַן כאַפּט דעם אָטעם איבער אין געאייל,
מע דאַרף די כוחות מערן, שטאַרקן טאָג און נאַכט
און זאַמלען זיי פֿאַר דער אַנטשיידנדיקער שלאַכט, —
איך איינער בלייב דאָ קעמפֿן ווייטער אומגערוט
און לאָז מיין פֿלינקע שווערד נישט פֿריי אויף איין מינוט.
מיין שווערד — די פֿען, די ווייסע גלאַטקייט פֿון פּאַפּיר
דאָס שלאַכטפֿעלד איז, אַוו דעם קאַמף פֿאַר גליק איך פֿיר —
די מענטשן וואַרטן דאָך אַזוי שוין לאַנג אויף אים!"

„דו, טראָפּן, וואָס מיט זיך פֿאַרקערפּערסטו די מי,
אין אַלץ, וואָס דו האָסט אונדז געזאָגט, דו ביסט גערעכט,
צו פּערל ענלעך זענען דיינע ווערטער, עכט.
און איצטער, כ'בעט דיך, זיי אַזויפֿיל גוט און גרייט
צו הערן אויך דיין שוואַרצער שוועסטערס קלאָרע רייד.
וו ס'אַרבעטס־פֿאָלק איז שווער פֿאַריאָכט, אין יעדן אָרט,
נישט ווייניק שווייס די אַרבעטער פֿאַרגיסן דאָרט,
נישט ווייניק זענען נאַקעט, הונגעריק אַ גרויל
און שאַפֿן רייכטימער פֿאַר פֿרעמדנס גוט־און־וווּיל.
נאָר אויב כ'וועל נישט אַרומפֿליען די וועלט, ווי היינט,
אַרויסצורופֿן פֿריינד און דעמאַסקירן פֿיינט,
און, וואָס איך זע, דורך שורות צאָרן מיט געדולד
פֿאַרוואַנדלען אין אַן עדות־זאָגן אויף דער שולד, —
וועט דאַן דער שווייס פֿון אַרבעטער, וואָס רינט אַ שלל,
נישט ברענגען זיי די פֿרייהייט און פֿון גליק דעם שטראַל".

„אָ, טראָפּן רויטער, דיינע ווערטער זענען וואָר!
כ'וועל נישט פֿאַרלייקענען דעם אמת אויף קיין האָר.
שוין גופֿא דיין רעוואָלט־קאָליר, שוין ער אַליין
איז ערב, אַז זיי זענען פֿון געפֿעלשקייט ריין.
ס'איז איבעריק פֿאַר דיר מיין לויב, איך ווייס עס גוט, —
אין קאַמף פֿאַרגאָסן, שיין און הייליק איז דאָס בלוט.

נאָר הער מיך אויס אויך דו, איך בעט דיך, הער מיך אויס,
דו טאָכטער פונעם פייער, וואָס איז זיגרייך־גרויס!
ווען ארבעטער און פויערים, אין גלי פון האַס
צו די טיראַנען, שטייען אויף, צעפלאַמט פון כעס,
אַנטקעגן אַלע כוחות פינצטערע און שוואַרץ,
באַפייכטנדיק דעם שטייב מיט בלוט פון האַרץ, —
ווען איך וועל נישט די קעמפער אָנווייזן דעם וועג
צו דעם אַנטשיידנדיקן און געווונטשטן ברעג,
נישט אָנזאָגן די ברויזנדיקע בשורה דאָן
אין אַלע לענדער, וועלכע זענען נאָר פאַראַן,
נישט אונטערהאַלטן זייער העלדנקאַמף פאַר מאַכט —
וועט שווער זיין זיי צו זיגן אין דער לעצטער שלאַכט.
און ווי א הלף שאַרף איך דעם באַוווסטזיין טריי
פון יענע, וואָס דו רינסט דורך זייער האַרץ פאַרביי,
איך מונטער זיי אַרויסצוגיין אין קאַמף, אין בונט,
די גוואַלדטאַט־פעסטונג צו צעשטערן ביזן גרונט.
די אַרבעטער־אַרמיי איך לערן, ווי אין קריג
צו שלאָגן און דערשלאָגן זיך צו לעצט דעם זיג.
איך בין דער אָנקלאָגער און ריכטער אויבנאָן,
באַשולדיקער, פאַרטיידיקער אין איין פּערזאָן.
כ׳בין צאָרן־אויסגעשריי, כ׳בין רוף פון קאַמף־טרומייט,
כ׳באַגייסטער צום גערעכטן קאַמף און אים באַגלייט.
מע רופט מיך שוואַרצער טינט, און כ׳בין, ווי איר, צעשיינט,
אַ שווייס און בלוט, כ׳בין אייער אונטערשטיצער, פריינד!
בײנאַנד מיר קעמפן קעגן פיינט און וועלן אויך
אײַנדרייען דעם קאַמוניפאַלאַץ בוייען הויך.
ס׳וועט אונדזער בונד, ווי שטאָל, נישט ברעכן קיין שום האַנט —
אין קומענדיקע שלאַכטן זיגן מיר בײַנאַנד!״

(1932) וואַרשע. פעברואַר, 1956

דער אייזל און דער געשפּאַן

סע איז אַמאָל געווען אַן אייזל ביי אַן אָרעמאַן,
קוים עקשנט ער זיך איין, איז ריר'סטו אים נישט אויף קיין שפּאַן.
דעם אָרעמאַנס אַ שכן, אַ געפּאַקטער קרעמער, האָט
דעם אייזל אויסגעלאַכט, געמאַכט צו שאַנד און שפּאָט:
— קוקט אָן די ריפּן! זעט זיין וויידל — אויסגעקראַכן־הוויל!
נו, טו אַ לויפעלע, דערפריי די אויגן, זיי נישט פויל!
בלויז הויט און ביין! ווען כ'ווער געפּרעגט, איך וואָלט געזאָגט אַזוי:
נישט נאָר קיין געראשטן, כ'וואָלט אים נישט געגעבן אויך קיין שטרוי! —
נאָר איינמאָל וועגן אייזל הערט אַן אַלטער רייכער מאַן:
ער איז אַ שטילער, רואיקער און רייסט זיך נישט פון שפּאַן,
ער בריקעט נישט, אפילו ווען ער קריגט אַ פעסטן פליק,
ער רעוועט זעלטן און פאַרקערוועט נישט צו קיין אריק *.
דער אַלטער אייזל איז אין אַלטנס אויגן נושא־חן
אין יעדן פרט, ער קויפט אים און באַזאָטלט אים גאָר שיין,
אַ פערד־דערע פון אַטלאַס — אויף זיין רוקן ביז די קני,
די לייצעס — אמת גאָלדענע, די סטרעמעניעס — זוי גלי.
דערזען דעם אייזל, לויפט דער קרעמער קעגן אים ארויס
און ביזן הימל, קעלביק מיט התפּעלות, לויבט אים אויס:
— איך וואָלט פאַר פרעמדע אויגן דיך פאַרשטעלט, פאַרהיט!
קוקט אָן אַ יהנט! סאַראַ קראַפט און גלאַנץ! ס'אַ פלינקע טריט!

---

* אריק — וואַסער־קאַנאַל אין מיטלאַזיע.

נישטאָ אַזעלכע פערד! — און ער איז מוסיף נאָך מיט פלאַם — מיט אים וואָלט אויך שטאָלצירט און איבערנעמען זיך רוסטאַם *! — ווי דאָ אים טוט אַ זאָג דעם אייזלס ערשטער באַלעבאָס:

— דו האָסט פאַרלוירן, פרעג איך דיך, די אויגן, אָדער וואָס? דו ביסט פאַרשנאָשקעט? וואָס ביסט דו אזוי צעשרויפט, באַלוואַן? דער זעלבער אייזל איז ער — מיט אַן אַנדערן געשפאַן.

* רוסטאַם — לעגענדאַרער העלד.

א מעשה וועגן דער מומעשי סעקינע
דעם ווייזן שכן און דעם כישופמאַכער

ס'איז סעקינע מיט גרויסער אָרעמקייט געשטראָפט:
זעקס קינדערלעך, דאָס יינגסטע אין דער וויג נאָך שלאָפט.
אַ גאַסט אַ שטענדיקער אין שטיבל איז די נויט,
און טרוקן וואַסער, און די צוטנפּרוכט שטאָט ברויט...
מיט ביטערקייט האָט איר געשטעלט בדיל-הדל
דער בייזער דעוו*. אַ פינצטער לעבן אָן אַ שטראַל!
דערלעבן האָט געוווינט אַ ווייזער מאַן, וואָס פילט
אַ צווייטנס ליידן, ווי אַ פאָטער, און איז מילד.
געזען, ווי די אלמנה מאַטערט זיך און ליידט,
ער פלעגט איר לינדערן די נויט פון צייט צו צייט.
ביינאַכט אַמאָל האָט אָנגעקלאַפּט ביי איר אין טיר
דער העזר און אַ געשפּרעך אַ בייזס מיט איר פאַרפירט:
ער האָט געמאַכט פאַר איר דעם ווייזנס פּנים שוואַרץ —
די ביטערקייט געפינט זיך אויס אַ שטעג צום האַרץ!
— דיין שכן האָט פאַרטראַכט צו ברענגען דיר דעם טויט,
און אים צוליב דו האָסט געליטן גאָר די נויט.
כ'וואָלט קאָנען אָנשיקן אויף אים אַ הוראַגאַן,
נאָר אויסצופירן עס מיר שטערט דער אָקעאַן.
איך דאַרף אָן אָרט אַ נעענטערס צו אים, איז זע —

* דעוו — דעמאָן, בייזער גייסט.

מיר וועלן שטאַרקער זיין צוזאַמען, סעקינע! —
ס'האָט דעוו מיט בייזע כימעריש רייד זי לייכט פאַרשפינט,
באַליידיקונג און צאָרן טוט איר האַרץ אַ צינד.
זי האָט אים אין איר שטיב — איר איינציקן פאַרמעג —
אַריינגעלאָזט: אויב קריג, איז מער נישטאָ קיין שרעק!
פון הימל טוט אַ פינצטערניש אַ פלייץ אַרויס,
מיט האָגל, פעסט אַ לאָז זיך אויפן ווייזנס הויז,
נאָר איינער נאָכן צווייטן טרעטן זיי צוריק —
סע שטויסט זיי אָפּ פון האַרט דעם ווייזנס בליק.
די ווייזהייט האָט דעם ווייזנס הויז פאַרהיט, און ס'האָט
דער הוראַגאַן און אַלדאָס בייז דעם נישט פאַרשאַט.
נאָר סעקינע, אַליין אַ שולדיקע הערין,
פאַרלוירן האָט איר לעצטע טרייסט — דעם זעקסלינג זין!

מיין זין פון צווישן מיינע שורות לייען אויס,
אַ לערע פאַר ליכטגלויביקע דאָ שיינט אַרויס.
פאַרטראַכט זיך גוט, אַ יעדער אָפּגענאַרטער מאַן,
און שאַרפער קוק אויף יענער זייט פון אָקעאַן!
אויב הייַנט מען דיך צו קריג, דערמאָן זיך, טו אַ טראַכט,
וואָס ס'איז מיט סעקינען געשען אין יענער נאַכט.

(1950) וואַרשע. פעברואַר, 1956

פּאַכלאַוואַן אָשטי

(דער העלד שלום)

סע האָט בײַ אונדז אין שטאָט געװוינט אַ גבר, אַ העלד,
זײַן שם איז זיך צעגאַנגען אויף דער גאָרער װעלט:
אַ צעדער, טרעפֿט זיך, מיט די װאָרצלען רײַסט ער אויס,
ער לייגט אַוועק אַ טיגער מיט אַ זעץ פֿון פֿויסט;
און זאָל פֿון אײַזן אויסגעקאָוועט זײַן אַ וואַנט,
ער איז זי מיט אַ פּלײצע אײַנוואַליען אימשטאַנד.
נאָר זײַן כאַראַקטער איז די איידלקייט אַליין,
און זײַן נשמה — אַ קרישטאָלכל זויבער־ריין.

פֿון אַלע שטילער, נאָר פֿון אַלע שטאַרקער, און —
סע האָט בײַ לײַט די קנאה אויפֿגעשפּראָצט דערפֿון.
מע מיט זיך אים צו ערגערן, מע העצט פֿאַרשטעלט
מיט שטעכלקעס פֿון שפּאָט דעם האַרציק גוטן העלד.
מיט דרייסטקייט רימט מען זיך, װען ער איז נאָר דערבײַ,
מע דראָט אַרויסצוגיין מיט אים אין קאַמף אָן שײַ!
נאָר שמייכלענדיק אויף די באַרימערס קוקט דער גבר
און אויסן װעג גייט יעדן חוצפּהניק און נאַר.
און װײַל ס'זאָל שלום זײַן ער טוט זיך אָן די מי,
מע קרוינט אים מיטן נאָמען „פּאַכלאַוואַן אָשטי".

איז איינמאָל גייט, ער, ס'איז געווען שוין שפּעטע צייט,
אַ פרוי, פאַרשלייערט, גייט פּאַמעלעך ביי זיין זייט.
ווי פּלוצעם — אַ שיכורים־באַנדע גאָר אָן שרעק
פאַר דער פאַרהילטער שיינער פרוי פאַרצוימט דעם וועג.
נאָר דאָ דער כּוח געדולד צעבריכט זיך, און אַשטי
די שווערד פון צאָרן טוט אַקעגן זיי אַ ציִ.
ס'איז פּאַכלאַוואַן אַשטי אַ שטראָם אין פולן ברויז,
און זיי — די שפּענדעלעך, געטראָגן אויף זיין שוים.
פאַרגלייכן זיך מיט אים אַ לייב בלויז וואָלט געקאָנט,
און זיי — זיי האָבן אין אַ סטאַיע וועלף דערמאָנט.
סע פליען קעפּ, אָראָפּגעהאַקטע דורך זיין שווערד,
לעגנגוים דער גאַס מיט בלוט איז דורכגעווייקט די ערד.
אינגיכן איז די באַנדע אויסוואָרפן באַזיגט,
און פאַר די דורכגייער דער וועג אַ פרייער ליגט,
און ס'רימען אים, דעם גבור, די איינוווינער פון שטאָט —
ווי ער האָט זיך צעלאָזט, ווי ער געטרייבערט האָט!

אַ פריינד איז דאַן אים נאָכגעלאָפן, האָט דעריאָגט
און אַ פאַרסאַפּעטער באַגייסטערט אים געזאָגט:
— וואָס ס'טוט די ליבע אויף! און וויפל קראַפט זי גיט!
סע וואָלט זיך דיין פון פעסטן זעץ אַ פעלדז צעשיט!
ביסט קאַלט געווען, ווי שניי, וואָס שמעלצט נישט קעגן זון, —
און די געליבטע האָט דיך אַ צעפלאַם געטון.
ס'איז דער פאַרליבטער טאָפּל מעכטיק, פאַרכטיק מיין, —
ווייל ער פאַרגעסט אינגאַנצן דאָך אין זיך אַליין!

ווי נאָר ער האָט געוואָלט אים ענטפערן אַ וואָרט,
דעם שלייער האָט אַ ווינט אַ בלאָז געטאָן פון אָרט —
און ס'האָט פאַרוונדערט זיך דער עולם גרויס און קליין:
די האָר — גרייז־גראָע, און דאָס מויל — הורכּוים אָן ציין.
אַשטי, אַלס ענטפער אויף די פריינדשאַפטס־ווערטער, האָט
געאײַלט אַוועקציִען דעם פאַרהאַנג פונעם סוד:

— דו ביסט גערעכט: פאַר מיין געליבטער בין איך גרייט
פאַרוואַנדלען זיך אין פייער לעבעדיקערהייט.
נאָר אויב אַצינדער איז מיין שווערד מיט בלוט באַפלעקט,
האָט נישט די מאַגנצבל־ליבע מיך דערצו באַוועגט.
אַ גאַסט אַ טייערן מיין מאַמעס איך באַגלייט,
איך בין איר שומר, היט זי, ווי דער שווערד די שייד.
די מאַמע האָט געזאָגט: — „מיין טייער קינד, מיין ליבט,
קיין פינגער זאָל זי נישט פאַרטשעפען אומגעריכט!
אַהיים זאָל זי דערגיין אין שטילקייט און אין רו —
פאַרפליכטעט און פאַרענטפערלעך דערפאַר ביסט דו!
אויב איך מיין גאַסט דעם טייערן מיין ליב פאַרגלייב,
איז לאָמיך וויסן: נישט אומזיסט איך רוף אים לייב!”
ס'איז הייליק אונדז דער מאַמעס ווילן, איר באַפעל,
און פאַר דער מאַמען ס'לעבן אָפּגעבן איך וועל.
אַ מאַמע שענקט איר צוטרוי איר געליבטן זון —
צי שיקט זיך זיך ערגע נאָך דערהויבענער דערפון?
איך זאָל אפילו אָנווערן דעם קאָפּ אין שלאַכט —
איך לייג נישט אויף מיין קאָפּ און ערגע שוין קיין אַכט.
איך האָב די מאַמע פאַר די אויגן שטיין געזען —
היילות פיינט צעשלאָגן כ'וואָלט אימשטאַנד געווען!

* * *

דו אָדלער, אויסגעכאָוועטער אין לעגינס נעסט,
דו בראַווער שלאַכטמאַן, אויסגעפּרוווטער און פאַרמעסט,
האָסט אויף געוויס זיך אָנגעשטויסן, וואָס איך מיין,
דערזען אין אָפּלאַג אין מיינעם זיך אליין.
דו טרעגער פון גערעכטיקייט, פון ערע, רו
און שלום, צום באַפעל פון האַרצן הערסט זיך צו.
ס'באַפעלט דיך: „קעגן שונא הייב אַרויף די שווערד,
און ראַטעווע פון אונטערגאַנג דיין היימלאַנדס ערד!”
ס'איז מער נאָך, ווי אין אָפּלאָג חערצייילט זיך, איצט:
אַשטי האָט בלויז זיין מאַמעס ליבן גאַסט באַשיצט,
דיך, שלאַכטמאַן, רופט די מאַמע זעלבסט — דאָס היימלאַנד רופט:

„קום ראַטעווען! פֿון גרויל פֿאַרציטערט איז מײַן לופֿט!“
נאָר אויב זי האָט אַ זון אַזאַ, — צי דאַרף זי גאָר
זיך שרעקן פֿאַר דער ערד פֿון די גראָע האָר?
באַדראָט איר אומגליקן פֿון װערגערס, פֿון אַרום,
פֿון אַלע אירע מערדער, תּמיד, אומעטום
באַשיצן זי. ס'האָט די מאַמע צוטרוי צו איר העלד:
קיין לויטערערער צוטרוי גיט נישט אויף דער וועלט!
זאָל שטיין דער מאַמעס פּנים פֿאַר דײַן בליק, און שלאָג
די לײַט די ברוינע, ווי אַ לייב אויף זיי זיך יאָג,
צעהאַק, צעשמעטער זיי די קעפּ, די רויבער-שלענג,
פֿאַר די באַצווינגער, די פֿאַרכאַפּער אומקום ברענג,
סע זאָל צעבראָכן זײַן חעם שונאס קראַפֿט, זײַן דראַנג
אויף אייביק, ס'זאָל די מאַמע זאָגן דיר אַ דאַנק!

(1942)

וואַרשע, פֿעברואַר, 1956

דער חכם און זיין תלמיד

אַ לעגענדע איך וועל אייך דערציילן אַצינד —
פֿון מיין פֿאָלק זי געהערט, ווען געווען נאָך אַ קינד.

ס'האָט געלעבט זיך אַ חכם אַמאָל אין איראַן,
וואָס לסוף דורך רכילות צום טויט איז געגאַן.

אויף פֿאַרשטיינונג מע האָט אים פֿאַרמשפּט, באַוואַכט,
אַ געשמידטן אין קייטן אויפֿן מאַרקפּלאַץ געבראַכט.

דעם באַפֿעל פּונעם צאַר מעלדעט הויך דער העראַלד —
דער המון אים מיט עסיקע בליקן באַפֿאַלט.

ס'קאַכן אויף זיך די הערצער ביי לייטן געמיין,
און אין חכם נעמט פֿאַלן אַ שטיין נאָך אַ שטיין.

ס'איז דער חכם געשטאַנען פֿאַרשטומט, אָן אַ קרעכץ,
ווי אַ שטיין, וואָס אים אַרט נישט, ווען ס'טוט אים ווער שלעכטס.

דעם המון שווידערט אויף אַזאַ גייסטיקער כח,
נאָר ס'געפֿינט זיך אין אים אַ שוואַכמוטיקער אויך —

יענעמס חכמס אַ תלמיד. האָט שרעק אים צעשרויפֿט,
צי דער הערשער מיט גאָלד האָט אים אונטערגעקויפֿט,

ער זאָל וואַרפֿן אין לערער אַ שטיין אַלס באַווייז,
אַז ס׳עס איז נישט געווען דער אורטייל קיין גרייז:

ווען ער וואָלט נישט קיין ריזיק פֿאַרברעכן באַגיין,
וואָלט זיין שילער הערוועגט זיך אים וואַרפֿן אַ שטיין?!

„כ׳וועל נישט וואַרפֿן קיין שטיין, — דער פֿאַרעטער זיך קלערט —
נאָר — לפנים — אַ זעמדל, אַ קרישקעלע ערד״.

און אַזוי האָט געטאָן ער, דער פֿאַלשער פֿאַרשוין...
און ס׳טוט פּלוצעם אַ ריס זיך אַ קרעכץ צום המון.

אין די אויגן פֿון שאַך צינדן פֿונקען זיך אָן,
און דעם האלב טויטן חכם דערשטוינט קוקט ער אָן:

— ווען די שטיינער באַהאָגלען דיך, שווייגסטו, ווי שטום,
און דו שרייסט, ווען ס׳עס טרעפֿט דיך אַ זעמדל! וואָרום?

— ווען ס׳עס הרגעט אַ שונא, — ער ענטפֿערט אין פּיין —
פֿון אַ קיזלשטיין פּעסטער איז מעגלעך צו זיין.

נאָר דאָס זעמדל געצילט האָט אין מיר נישט קיין פֿיינט —
נאָר מיין שילער, וואָס גילט דאָך אַלס מיינער אַ פֿריינד.

ס׳האָט דאָס זעמדל פֿאַרוווּנדעט מיך שטאַרקערער פֿיל
פֿון די פֿיינטלעכע שטיינער, געטראָפֿן אין ציל.

דאָס איז ע ר דאָך מיין האָפֿנונג, מיין שטיצע שוין לאַנג —
נאָר געוואָרעמט ביי זיך אויף דער ברוסט כ׳האָב אַ שלאַנג!

האָסט געקויפֿט זיין פֿאַראַט פֿאַר אַ לינדזן-געקעכץ,
האָט אַ ריס זיך געטאָן פֿון מיין זעלע דער קרעכץ!...

וואַרשע. מערץ, 1956

פֿון ס. מאַרשאַק

אַ משל וועגן הינערבלינדקייט

אַרומגעקוקט זיך, האָט דאָס גניאַדע פֿערד
מיט גרויס פֿאַרדראָס גענומען פֿרעגן:
— פֿאַרוואָס האָט מען צעאַקערט דאָ די ערד
פֿון אַלע זייטן ביז די ברעגן?

ווי שיין דער קווייטן-דעסן איז געווען,
ביז מ׳האָט אים — סאַראַ שטות! — צעשניטן.
אַצינד איז קיין רומיאַנעק נישט צו זען,
דער בראָך האָט קיינעם נישט געמיטן.

— נו, יאָ, — שטימט צו דאָס שוואַרצע פֿערד געהריקט —
ס׳האָט אונדזער באַלעבאָס אָן זינען
מיט אַקער און בראָנע־ציין צעפּליקט
דעם טעפּעך פֿון שמאַראַגדן־גרינעם.

— ווי לעכערלעך דאָס איז! קוקט אָן דעם נאַר! —
צעגאַנערט זיך די גענדז־האָלאָטע —
ער איז משוגע צי מטורף, האַ?
ער וואַרפֿט דאָך קערנער אין דער בלאָטע! —

די ערשטע שפּראָצלעך שפּאַרן זיך אַרויס
און ווערן העכער אַלץ, וואָס ווייטער.

— ס'איז חי־געלעבט! מיר לעבן! — שרייען אויס
די האמסטערס און די פעלדמייז הייטער.

נאָר האָט זיך צייטיקט, ווערט פארגעלט דער ווייץ;
פון פריער נאָך איז רייף דער קאָרן;
די שניידמאַשין שניידט אָפּ דעם זאנגען־פלייץ;
דאָס פעלד איז ליידיק־לער געוואָרן.

— וואָס מער מע לעבט, אַלץ קלאָרער קומט ארויס:
די וועלט זיך פירט מיט טאָלק מיט קנאַפּן! —
אַ האמסטער, און אַ וואַכטל און אַ מויז
אן אומעטיקן שמועס כאַפּן.

דער קאָרן, האָבער, גערשטן און דער ווייץ
איז שוין אראָפּגעפירט פון פליינען, טאָלן.
און ס'הערט די וועלט, ווי זייער קערנער־פלייץ
אין מיטן העלן טאָג די מילן מאָלן.

— אַז קערנער, וואָס פארדינען בלויז אַ לויב,
וואָס צו דעם בעסטן מין געהערן,
פארוואַנדלען זאָל מען עפּעס אין אַ שטויב! —
די הינער האָבן זיך צעצערנט.

ווי פיין און גוט סע זאָל נישט זיין דיין מי,
וועט עמעצער דיך תמיד טאַדלען,
געזען זי פון דער הייך פון הינער־פלי
מיט זיינע אויגן פון אַ גדלן.

ווארשע. אויגוסט, 1955

א מאָסשטאַב פאר דער וואָג

(עפּיגראַם)

דעם שרייבערס וואָג זיי מעסטן גאָר אָן מי —
לויט די מאַשינען, וואָס אין אונדזער לאַנד:
עס דינט דער „זים" דער לאַנגער דעם זשעני,
און די „פּאָביעדאַ" דעם געווײנלעכן טאַלאַנט.
און ווער ס'דערגרייכט נישט אין דער קונסט קיין אָרט,
וואָס זאָל באַדייטן עפּעס וואָס־עס־איז —
דער קויפט אַ ביליקן „מאָסקוויטש" און פאָרט,
צי ס'דינען אים, ווי טשעכאָוון, די פיס.

פון באָרים זאַכאַדער

זאַלץ

(לויט מאָטיוון פון אוקראַיִנישן פאָלקלאָר)

צי לאַנג שוין, צי נישט לאַנג צוריק, אין וועלכן לאַנד
דאָס איז געשען — אייך זאָגן בין איך נישט אימשטאַנד.
די מעשה איז אַזאַ: אַ קאַרגער מאַן, וואָס שפּאָרט אויף אַלץ,
געקויפט האָט אין אַ פרעמדן דאָרף אַ פודיק זעקל זאַלץ.
ס׳איז דרייסיק וויאָרסט פאַראַן צום דאָרף צו זײַנעם, יאָ,
נאָר זאַלץ איז דאָרט צו קריגן ביליקער ווי דאָ;
ער קאָן באַשטיין,
אַהין און אויך צוריק צופוס צו גיין.

געמאַכט די קניה, האָט ער אויך, ווי ס׳פירט זיך,
געמאַכט אַ שנעפּסל, און אין וועג געריכט זיך;
סע דאַכט זיך אים: סע גייט זיך לײַכט און פלינק,
דאָס זעקל זאַלץ איז זייער גרינג!
ער שפּאַנט און שפּאַנט, און אָט אַזוי אין גאַנג
צו זיך אַליין ער טענהט אין געדאַנק:
„נישט שוין זשע זאָל אין זעקל זײַן אַ פוד?
אַ פוד? ס׳איז נישט געשטויגן, נישט געפלויגן!
דער קליטניק, אָט דער אַלטער פלוט,
אַ האַלבן פוד האָט זיכער נישט דערוויגן!”

נאָר דרייסיק וויאָרסטע איז נישט קיין שפּילכל, נישט קיין שפּאַן,
ס׳האָט אָפּגעקוועטשט די פּלייצעס אים, דעם קאָרגן מאַן,
ער זעצט זיך צו דעם אָטעם איבערכאַפּן, און פֿאַרשווייצט
שוין גאָר מיט אַנדערע דיבורים ער צעלאָזט זיך איצט:
— אַ פּייג! נישט מיך באַשווינדלט מען עס אַזוי גיך!
דער מוח האָט מיר נאָכנישט אויסגעטרוקנט... איך...
דער קליימניק איז אַ גנב, נאָר — סע איז אים נישט געגאַן:
אַ פּוד, נישט ווייניקער, אין זעקל איז פֿאַראַן! —

און ענדלעך, אָט איז שוין זיין שטוב! ווי היים!...
דער קאָרגער, קוים שוין מיט די פּיס באַוועגט ער;
אין שטראָמלעך רינט פֿון אים דער שווייס,
ער לעבט קוים, און ער לאַכט אַן אויפגערעגטער!
— נו, וואָס? געקויפט? — טוט הויך דאָס ווייב פֿון גאַניק אים אַ זאָג.
— געקויפט. און גאָרנישט שלעכט! — ער פֿינטלט מיט די אויגן —
כ׳האָב אָפּגעפּריצעוועט דעם קליימניק אויף דער וואָג,
אַן איבעריקן האַלבן פּוד מיר צוגעוויגן!

אויב ס׳דאַכט זיך עמעצן: דער משל איז נישט גוט,
סע פֿעלט אים זאַלץ, — זאָל טיפֿער טאָן אַ קלער ער;
באמת, ער פֿאַרמאָגט אַ גאַנצן פּוד,
אויב נישט נאָך מערער!

וואַרשע. אויגוסט, 1955

פון פעליקס קאָממאַ

אַ חזיר

אַ חזיר האָט צום ערשטן מאָל אַ גאַנדז דערזען:
— ווי אויסטערליש! — ער טוט אַ כריוקעלע מיט ברען. —
ווי גראָב! זי שטעלט דאָך נישט אריין קיין פוס, די שרידהטע
די אומגעבילדעטע, ביים עסן אין דער קאָריטע...
און זעט: מיט פעדערן זי איז פאַרהילט און גאָר,
ווען חיות דאַרפן זיין באַדעקט מיט האַרטע האָר...
און אירע קאַפּיטעס ווו זענען? זי איז אומדערצויגן,
און אויך אַזוי איר העסלעכקייט שלאָגט ממש אין די אויגן! —
און פול פאַראַכטונג דרייט ער זיך פון איר אַוועק, דער שווייַן,
און זעצט אַראָפּ זיך אין אַ לוזשע חשיבותדיק און פיין.

וואַרשע. סעפּטעמבער, 1955

פון א. דארבני

פוקסישע פריינדשאפט

אַ נאַרישע וואָראָנע איז זיך אויף אַ בוים געזעסן
און זאַך מנוחה גרויסער קעז האָלענדישן געגעסן...
ווי דאָ טראָגט אָן אַהער אַ פוקס פון לענדער ווייטע העט —
אויף אַ באַנדיטישן צונויפקום איז ער שנעל געגאַנגען,
און, ווי דער אַלטער משל זאָגט, דער פוקס דעם קעז דערזעט,
דער קעז דעם פוקס נעמט גלייך געפאַנגען.
דער פוקס גייט צו זיך אויף די פינגערשפּיצן צו דעם בוים
און הייבט אָן רעדן זיס, ווי ס'איז דער שטייגער זיינער:
— אָ, מלכה פון די פייגל! ס'קאָן צו דיר זיך גלייכן קוים
דער סאָלאָווי! דיין שטים איז קלינגעוודיקער, פיינער.
אָ, הערשערין פון וועלדער! ווי אַ מאָן,
וואָס תמיד גערן איז פון פייגל־שטימען צו געניסן,
איז לאַנג־שוין־לאַנג דער חשק אין מיין האַרץ פאַראַן —
אַ רגע באַטש זיך זעטיקן מיט דיין געזאַנג דעם זיסן! —
פון אַט די שבחים די וואָראָנע פון דער הויט אַזש שפּרינגט:
„זעט אויס, איך קאָן די וועלט פאַרוואונדערן מיט מיינע גנאָדן!".
זי בלאָזט זיך אויף, צעעפנט ברייט דעם שנאָבל, און זי זינגט,
און, ווי באַוווסט איז, ס'פאַלט דער קעז, ער ליגט שוין אויפן באָדן.
נאָר קענען אַלע פוקסישע מנהגים, זייער פּיר,
דערזעט ערשט די וואָראָנע דאָ אַן אויסטערלישן פּלא:
דער פוקס פון אויסלאנד זיצט און טוט פון אָרט זיך נישט קיין ריר,
ער גלאָצט בלויז מיט די אויגן־ווייסלען מיט די געלע;
אַפילו מיט אַ לאַפּקע רירט ער זיך נישט צו צום קעז.
און די וואָראָנע, זי דערשרעקט זיך אַזש פאַר דעם נס:

— קומט אויס, אַז די משלים טראַכטן אויס און זאָגן ליגן?
ער טוט אַפילו נישט, דער פוקס, צום קעז קיין שמעק!
— וואָס טויג ער מיר? אַ ביסל איבריק פּעטס פון אים צו קריגן? —
דער פוקס איר ענטפערט, טוענדיק אַ שאָקל מיטן עק. —
דיין זינגען בלויז איז נייטיק מיר צו הערן,
אַ, שיינהייט! צווישן זינגערינס דער שטערן! —
האָט די וואָראָנע דריי מאָל זיך פאַרבויגן זייער פיין
און ווידער טרעלעלייקען זיך גענומען.
— אַזאַ געזאַנג! — דער פוקס אינמיטנדרינען רעדט אַריין —
אַז פשוט וואָלנטער ווינטער זיך באַקומען!
ווי גערן איך וואָלט דיר פאַר דעם גענוס באַלוינט,
ווען דו וואָלסט וויליק מיין באַגער געשווינט!...
איך וואָלט דיר אָנגעצופּט פון בייכל מיינעם
אַ ביסל ווייכע האָר און פוך גאָר פיינעם,
ס'זאָל ווינטער טרוקן זיין אין נעסט-הויז דיינעם,
סע זאָל נישט ווערן הייזעריק דיין גאָטגעבענטשטע קעל! —
און די וואָראָנע — שפּרונג און לעם דעם פריינדל זיך אַ שטעל.
דער פוקס דריקט פריינדלעך צו זי צו זיין האַרצן,
בלויז פינף מינוט — די אויגן איר גלאָזיק שטאַרצן.
און ס'זאָגט דער כיטרער פוקס: — וואַרט צו, מיין זעל!
איך וועל פון דיר צוזאַמען מיטן קעז אַ סעודה מאַכן...
איך בין נישט יענער פוקס, פון וועלכן ס'פלעגן שפּאַטיש לאַכן
פאַרצייטנס די משלים! פיסנע קעז? אַז מיר געפעלט
אויך זי אַליין צו עסן, און הערנאָך — די גאַנצע וועלט!
ווייל נישט אומזיסט איך האָב אַ ליגנערישע צונג אויף שרויפן,
כ'וועל אונטערוואַרפן מיר די וועלט, ווו נאָר זי האָט אַן עק! —
...נאָר מיטן וועגל קומט אַ יעגער אָן, דער פוקס נעמט לויפן,
פאַרשטעקנדיק דעם ווידל, אַ געטריבענער פון שרעק.

איך זאָגן, וואָס דער משל איז מרמז? כ'קאָן עס:
נעמט לייענט נאָר אַ צייטונג פון די לעצטע טעג —
סע שטיקט און פרעסט געוויסע נאַרישע וואָראָנעס
דאָס פיקסל פון אַמעריקע גאָר אָן רחמנות!

וואַרשע. אָקטאָבער, 1955

פֿון אטאַ פּאַליך

א פּלאַטאַן און א פּלאַנץ

צווישן יוסטע, פֿעסטע דעמבעס,ברייטפֿאַרצווייגטע זקנים,
אַ פּלאַטאַן אַ הויכער ציט צום הימל זיך צום שײַנעם.

אונטער אים אַ קליינער פּלאַנץ פֿון באָדן פּיקט זיך אויס,
שרעקעוודיק פֿון גראָז דאָס ערשטע בלעטל קוקט אַרויס.

שפּעטער וויקלט ער אַרום זײַן שטאַם און ליפּט: אַפּנים,
אָנצוואָגן אים אין וווּקס, און טאַקע שנעל יאָגט אָן אים.

און, אַרומגעקוקט זיך, טוט מיט קנאה ער אַ ברום:
— האָסט, פּלאַטאַן, זיך אָנגעזען אַ סך אָט דאָ אַרום!

— יאָ, כ'האָב אַלץ געזען, — ער אײַלט דעם פּלאַנץ אַן ענטפֿער געבן —
אַלץ אין חעם פֿאַרלויף פֿון מײַנע דריי יאָרהונדערט לעבן!

— דו לעבסט דריי הונדערט יאָר שוין? וואָס? דריי הונדערט יאָר?! —
שרייט דער פּלאַנץ פֿאַרוווּנדערט — ווי זשע ביסטו מיר אַ פּאָר?!

אויב אין משך פֿון אַ חודש כ'האָב דײַן וווּקס געקראָגן,
וועט מיר זיכער זייער לײַכט זײַן דיך צו איבעריאָגן.

— טראַכסטו אָבער, — ענטפֿערט דער פּלאַטאַן — אַז דו אַליין
וועסט זיך קענען שטורעמס קעגנשטעלן און באַשטיין?!

וואָלסט אָן מיר דאָך, פֿון דעם ווינט געבויגן צו דעם באָדן,
שוין געוואַלגערט זיך בײַ מײַנע פֿיס, מיט שטויב באַלאָדן.

וואַרשע. אָקטאָבער, 1955

פון ב. קאַפּאַליגין

א פליג

סע האָט אַ פליג געהאַרכט, אַז: „לערע — דאָס איז ליכט,
און עם־הארצות — פינצטערניש", און אומגעריכט
באַשליסט זי: לערע איינצושאַפן זיך וואָס גיכער.
זי שפרייזט אריבער שנעל א שטוים מיט דיקע ביכער
און הייבט אָן זשוזשען: — זזזאָגט, צי כ׳בין נישט געניאל,
איך בין פארבייגעלאָפן דאָך אזזזויפיל ביכער!
פאַרוואָס זשוזשע האַלט מען מיך נישט איבעראַל
פאר אַ געלערנטע?... כ׳בין זזזיכער, זזזיכער —
אזזזא שטיק אַרבעט דאַרף פאַרנעמען, כ׳ווייס עס גוט,
אַ יאָר ביי לייטן, און געהאַרעוועט, נישט גערוט,
און איך האָב דאָס געמאכט אין צוויי מינוט!

דעם מוסר־השכל פון דעם משל זאָלט איר נישט פאַרלירן:
אויב ווילט איר אין דער לערע זיך דערשלאָגן ווייט,
איר מוזט פאַרטיפן זיך אין איר מיט קאָפּ און צייט,
און אויף די טאָוולען זאָלן פליגן גיין שפּאַצירן!

וואַרשע. דעצעמבער, 1955

פון מ. קוטשעראָווע

ביוראָקראַטן

צו אַ פּערזאָן אַ פירנדיקן כ׳בין געקומען,
און האָב זיך חידושן גענומען:
ער בעט נישט — מיך, אַ פרוי — אַפילו זיצן. הערט מיך אויס
נישט אויפמערקזאם, און דורך די צײנער זייט אַרויס,
כ׳זאָל גוט זיין וועגן העם־אָ אַלץ אַ ביטע שרייבן,
צו איר קיין איין דאָקומענט זאָל נישט אויסן בלייבן,
און קומען זיך דערווייסן אין... אַ וואָכן דריי אַרום.

און פּינקטלעך צום טערמין — איך קום.
דער ענין אָבער איז געקראָכן,
פּאַמעלעכן געשלעפּט זיך שפּאַן נאָך שפּאַן.
נאָך צוויי... נאָך דריי... נאָך פיר... נאָך פינעף וואָכן
געוואָרע ווערן כ׳בין אַהין געגאַן!
כ׳וועל לאַנג נישט מאַריך זיין. כ׳וועל קורץ אייך זאָגן:
נאָך דריי חדשים האָב איך צו אַ טאָלק זיך פּאָרט דערשלאָגן.

אַוועק אַ יאָר. כ׳בין ווידער אינעם זעלבן קאַבינעט.
נאָר ד ע ר נאַטשאַלניק — שוין אַ צווייטער, זיצן מיך פּאַרבעט.
עס זיצט פאר מיר אַן אויפמערקזאַמער מענטש, אַ צאַרטער!
(כ׳געדענק נישט זיין פאמיליענאָמען, נו, אַן עמעץ־ווער...)
פון וואָרט „טשינאָוניק״ דאַרף באַליידיקט ווערן זיין געהער!
ער האָרכט מיך אויס מיט מיטגעפיל! און אומדערוואַרט ער
אַנטשיידט דעם ענין, בלויז אַ קליינינקייט פאַרבלייבט וואָס וואָר:
ס׳פעלט אומבאדינגט אַן אונטערשריפט פון עמעצן — דאָס גאָר.

דערום — אַ טאָג צי צוויי געדולד צו האָבן בעט ער,
נו, העכסטנס דריי, נישט מיין,
ער קאָן דאָס וואָרט מיר געבן, אַז אַליין,
פֿערזענלעך צושיקן דעם ענטפֿער וועט ער.
און, פּעסטער צו געדענקען עס, ער האָט
פֿאַרצייכנט מיין פֿאַמיליענאָמען אין בלאָקנאָט.

אַוועק אַ טאָג, אַ וואָך, אַ חודש! שוין אַ יאָר פֿאַרגאַנגען!!
דער ענין רירט זיך נישט, כאָטש צי אים, שלעפּ מיט צוואַנגען.

דער ביוראָקראַט, וואָס נעמט דיך אויף מיט פֿרייד
און רעדט צו דיר מיט העפֿלעך־זיסע רייד,
און ליבלעך זיך באַמיט דיין ענין אויף די פֿיס צו שטעלן,
ווי העלפֿן דיר באמת וואָלט ער וועלן,
איז שעדלעכער, געפֿערלעכער אויף הונדערט גראַד
פֿון יעדן אַפּענעם און גראָבן ביוראָקראַט.

וואַרשע. יוני, 1954

פון נ. אַנציפעראָוו

דער אַלצוויסנדיקער האָן

דער האָן, ווייל זיינע פעדערן קאָליריק גלאַנצן,
געשמט האָט ווי אַ ספּאָרט־טרענירער אויפן הויף דעם גאַנצן.
די קאַטשקעלעך זיך לאָזן מיטן האָן צום באַך*,
און אויפן בריקל, גלאַנצנדיק מיט זיינע פעדערן,
דער האָן צעקרייט זיך און צעטומלט יעדערן:
— פאַר מיר איז דאָ צו ענג, דאָס וואַסער פלאַך!
כ׳וועל איינם בלויז זאָגן:
געניטקייט פאָדערט זיך אין יעדן פאַך,
און ס׳מוז הערצו זיך איטלעכער דערשלאָגן.
האַלטס גלייך די ריי!
אַזוי־אָ שווימט מען? ווייי!
אויף רעכטס פאַרנעם זיך, העי!
אויף לינקס זיך טו אַ דריי!
וו׳ין שווימסטו דאָס? וו׳ין האָט עס דיך פאַרטראָגן,
כע איז דיר, מיינסטו, אַ שפּאַציר?
פאַרגעסט — ס׳איז וואַסער אונטער דיר?
ווען כ׳וואָלט נישט מורא האָבן דאָ זיך צו פאַרקילן —
איז וואָס און ווי מע דאַרף זיך לערנען וואָלט איר ערשט דערפילן... —
די קאַטשקעלעך — צעטומלט שוין לחלוטין: וואָס דאָ טאָן?
און זייער לערער קוקאַרעקט אַלץ נאָך אָן רחמנות,
ער קוקאַרעקט: „קוקאַרעקו! קוקאַרעקו־ראָן!”
ביז, גאָר פאַרגעסנדיק זיין איינגעבוירענע פּחדנות,

---

* באַך — טייך.

צעקאַכט ער זיך אַזוי, אַז — פליאך!
ער פּאַטשט שוין מיט די פליגל אויפן וואַסער פּוניעם באַך.
דער האָן פאַרכלינעט זיך, מיט נסים ראַטעוועט דאָס לעבן...
דאָס קענטעניש צו שווימען איז דעם קרייער נישט געגעבן.

סע טרעפט, ווי אונדזער האָן, אַ לייט אַזאַ,
וואָס קומט מיט אַ באַזוך אין אַ קאָלווירט צו פאָרן,
שפּאַצירט זיך דורך אין פעלד און כאַפּט אַ קוק אין שטאַל,
און פאָרט אַרויס דאָ תיכּף מיט מאָראַל —
מכּוח דעם, אויף וואָסער אופן דאַרף מען שניידן קאָרן,
און ווי סע זאָל דער פויער מיטן אַקער זיך באַגיין,
און זיי באַראַנעווען, איר זעט נישט? סקאָסע...
און ער אַליין —
ער אונטערשיידט נישט צווישן זשיטע און פּראָסע.

וואַרשע. 1953

פון פּיאָטר שליפּטשוק

אַ קריטישע פּאַסירונג

— ליבע מײַנע, איך האָב ליב קריטיק! האָב ליב און שעץ...
קריטיקירט װער עפּעס, מיט דער פויסט הערבײַ אַ זעץ —
װער איך תיכף אַײַנגעליגט, מײַן שלאָף װערט בעסער,
אויך מײַן אַפּעטיט צום עסן — גרעסער... —
האָט אַנומלט אויף אַ חיות־ראַט אַ בער דערקלערט,
און די ראַטמענער אים האָבן אויפמערקזאַם געהערט.
— מיר אין ראַט, — האָט ער געפּראַװעט — קאָנען נישט פאַרדײַען
יענע, װאָס מיט הויכע װערטער די קריטיק פאַרשרײַען.
נעמט, למשל, מיך... די מעלות מײַנע — איטלעכן באַקענט,
דאָך — װי איך בין געװען
אַ קריטיק פון מײַנע אונטערטעניקע צו הערן!
— אפשר איך... האָט זיך אַרויסגעכאַפּט דער פוקס — איר זענט... —
און איז גלײַך אַנטשטומט געװאָרן, װײַל ער פילט, עס ברענט! —
ס'האָט דער בער אים גאַרנישט אײדל
אָנגעטראָטן אויפן װײדל,
בערייש אָנגעקוקט אים און פאַרענדיקט שטיל־פאַרטראַכט:
— און מע זאָל נישט לײגן אויף מײַן ראַנג קײן אַכט!...
— המם... נישטאָ קײן גרונט, — פּירט אױס דער פוקס דערשלאָגן —
פאַר קריטיק... אָט דאָס איז אַלץ, װאָס כ'האָב געהאַט צו זאָגן.

צװישן מענטשן טרעפט מען אויך אַזאַ מין בער:
אויסהערן קריטיק אויף זיך איז ממש זײַן באַגער,
ציט מען אָבער נאָר אַרויס אַ קריטיש װאָרט פון שײדל,
גלײַך װי יענער בער דעם פוקס, באַטרעט ער גאַרנישט אײדל.

װאַרשע. אַפּריל, 1954

פון וו. ביעריעסטאָוו

די טענה פון א מאַמוט

אין אַ מוזיי האָט פּאַר אַ דינאָזאַווערס אַ סקעלעט
אַ מאַמוטס אַ סקעלעט פאַרקלאָגט זיך איינמאָל און צערעדט:
— מע האָט ביז היינט נאָך אונדז און משל נישט קיין אָרט געגעבן.
און ווער פאַרנעמט דאָ יאָ אין לאַרבערקראַנץ דעם אויבנאָן?
א טפו! אַ ליאַחע חרויב. ווייל ס'איז אים לייכט צו גראַמען, כלעבן,
דער שאָף צעשפּרייט זיך דאָרטן, ווי א מלך אויפן טראָן.
נו, אויך דער האָז, דער תרנגול, דער פוקס דער רויטער לאַטער,
וואָס אויסגעטראָטן אַלע שטעגן שוין אין משל האָט ער!
— האָרך אויס, — דער דינאָזאווער טוט דערויף אַן ענטפער אַפּ —
איך בין דיר מוחל דיינע רייד צוליב דיין גרויען קאָפּ.
געדולד אַ ביסל, טייערער, דו וועסט שוין לאַנג נישט וואַרטן!
נישטאָ קיין סיבה צו פאַרצווייפלען, פערען זיך די גאַל:
מע פריידיקט לעצטנס דאָך פאַרמבולדיקע אזש מאָראַל,
איז אומגעריכט דערזעסטו זיך אין משל דעם געגאַרטן!

ווארשע. יאַנואַר, 1956

פֿון ב. באַכנאָװ, י. קאָסטיוקאָװסקי

אַ פּרינציפּיעלע מיינונג

סע האָבן איינמאָל אין אַ הייסן זונטיק־טאָג די חיות
אין ביימער־שאָטן אויפֿן גראָז זיך אין אַ ראָד געזעצט:
זיי װעלן אויסהערן דעם סאָלאָװיי, צי זינגט ער עפּעס נייעס,
צי שיינע לידער האָט ער איינגעחזרט זיך צולעצט?
דער סאָלאָװיי, כּדי די פֿריינד די הערצער צו דערפֿרייען,
האָט אויפֿגעזונגען העל אַ פֿריילעך און אַ כוואַטסקע ליד;
די װעקנדיקע טרעלן אין די גלידער זיך צעגייען,
און קיינער װעט נישט װערן, דאַכט זיך, אים צו האָרכן מיד.
סע שפּירט דער יוסטער העלפֿאַנד, אַז זיין האַרץ איז אים צעגאַנגען,
דאָס װוּנדערלעכע ליד האָט אים פֿאַרכישופֿט און געפֿאַנגען.
און מיט אַ שמייכלענדיקער טראָמבע זיך דער העלפֿאַנד טראַכט:
„אָט דאָס איז אַ טאַלענט — װי אויף אַ װאָג פֿון גאָלד געװויגן!
װי גערן כ'װאָלט דעם סאָלאָװיי צו מיר אַהיים געבראַכט,
סע זאָל די העלפֿאַנדין אויף אים אַ קוק טאָן מיט די אויגן!"
און אָט איז דאָס געזאַנג פֿאַרענדיקט שוין, דער סאָלאָװיי
זיך זעצט און קוקט אַרום זיך אויף דער קיילעכיקער ריי;
זיי טרעטן ערנסט צו באַהאַנדלען, װאָס ער האָט געזונגען:
צי שיין? געשמאַק? צי מיט טאַלענט? װי װייט ס'איז אים געלונגען?
דער בער, זיך אָנגעבלאָזן װי אַ כמאַרע, בעט דאָס װאָרט.
און איידער נאָך דער זינגער מאָסטעט איין זיך אויפֿן אָרט,
דער בער זעצט אָן אויף אים זיך און פֿאַרשאַפֿט אים װינד־און־װייען,
ער מאַכט אים צו דער בלאָטע גלייך, ער מאַכט אים אויסצודרייען.
פֿאַרזינקט דער העלפֿאַנד אין מחשבֿות צװייפֿלענדיקע: „יאָ,
דער בער זאַלצט איבער גאָר אַ סך, פֿונדעסטװעגן מיר דאַכט זיך,

אַז אײן זײן מײנונג איז אַ שכלדיקער יאָדער דאָ,
אויב נאָר זיך טיפֿער אײַנעם סאָלאָװיִים געזאַנג פֿאַרטראַכט זיך".
נאָר װען דער פּוקס שטײט אויף און, גאַרנישט רעדנדיק קײן סך,
גיט קלאָר און דײַטליך די פֿאַרזאַמלטע דאָ אָנצוהערן,
אַז ס'איז דעם סאָלאָװיִים געזאַנג אַלטמאָדיש, גרוי און שװאַך,
און קײנער װעט דערפֿון, פֿאַרשטײט זיך, נישט נתפּעל װערן, —
דעם העלפֿאַנד האָט עס דאַן געטאָן אזש ביזן בײן אַ שטאָך,
און ס'האָט דער העלפֿאַנד פֿון זײן דיקער פֿעל גענומען שפּרינגען:
— אַז װי האָט ער הערװעגט זיך גאָר, אַזאַ מין װײ־און־אָך,
פֿאַר מיר, פֿאַר מיר, דעם העלפֿאַנד, אָט אַזעלכע לידער זינגען!

ס'ע זענען, צום באַדױערן, נישט װײניק נאָך פֿאַראַן
אַזעלכע העלפֿאַנדן, װאָס זײער מײנונג גײט אין שפּאַן
פֿון פֿרעמדע טראַכטענישן, און בײ זײ אויף קעסט זײ לעבן;
און דאָך װערט חשיבות צו דער מײנונג זײערער געגעבן.

װאַרשע. פֿעברואַר, 1956

פֿון ארגאָ

אַ צעשטרייטע באַלעבאָסטע

אַ באַלעבאָסטע האָט אַמאָל פֿאַרגלוסט זיך
דערלאַנגען פּיראָזשקעס דעם מאַן צום טיש.
ווי צוצוגרייטן עס, איז איר באַוווּסט דאָך —
איז נעמט זי מעל און אייער און פֿאַרמישט,
זי קאַרגט נישט אויך קיין פּוטער אָנצושמירן,
זי שטעלט אין אויוון עס, ווי ליים זיך פֿירן,
און קוקט מיט אַ פֿאַרכאַפּטן אָטעם אויס:
אָט טוען זיי אַ וואַקס און ווערן גרויס!
נאָר ס׳איז אַ שעה, אַ צווייטע שוין פֿאַרלאָפֿן —
סע טוט זיך נישט קיין פּיראָזשקע קיין ריר!
די באַלעבאָסטע קוקט פֿאַרשעמט, געטראָפֿן,
נאָר ס׳טוט דער מאַן אַ דריי זיך אויס צו איר
און זאָגט: — אוי, מענטש, צו וואָס דו האָסט דערטראַכט זיך!
סע זאָלן פּיראָזשקעס אַ וואַקס טאָן? קלוג!
דאָס טייג האָסט דו פֿאַרקנעטן האַרט גענוג
און פֿייער אינעם אויוון נישט געמאַכט דאָך!

איך האָב זיך אָט דאָס מעשהלע דערמאָנט,
ווען כ׳האָב „באַוווּנדערט" איינמאָל אַ ספּעקטאַקל:
געדעזשיסירט מיט אַ געשיקטער האַנט,
נאָר גאָרנישט סע באַקומט זיך אין סך־הכּל!
דער רעזשיסער — סיי מייסטערשאַפֿט פֿון פֿאַך,
סיי קענטעניש, פֿיל באַווייזט דערביי ער,
אַ קלייניקייט בלויז פֿעלט דאָ אין דער זאַך —
אַ ביסל פֿייער!

וואַרשע. פֿעברואַר, 1956

פון מיכאיל ארטישטשעוו

וועגן א שאָטן

ס'איז איינמאָל אין א זומערדיקן טאָג אַ קלאָרן
אַ שאָטן נאָכגעגאַן אַ מענטשן, ווי פארשוואָרן.
— איך טרעט נישט אָפּ פון דיר קיין איין מינוט, —
נעמט פלוצעם זיך אליין אַ לויב ער זאָגן —
ווי איך בין דיר געטריי! ווי כ'דין דיך גוט!
אַזעלכע פריינד וועסט קיינמאָל נישט פארמאָגן!
— גאַנץ פיין, גאַנץ פיין, — אים טוט דער מענטש אַ זאָג —
נאָר ביסט (און מיט אַ חוזק־שמייכל רעדט ער)
אַ פריינד מיר בלויז, ווען לויטער איז דער טאָג,
און ווו ביסט דו אין טעג פון טריבן וועטער?

אין דיינע טריבע טעג דערקענסט די פריינד
פיל בעסער, ווי אין טעג מיט זון באשיינט.

ווארשע. מערץ, 1956

פון ניקאָלאַי פּאָלאָטאַי

אַ פּעסל

אַ לאַנגע צייט שוין, ווי אין פּאָרט
דאָס פּעסל ווערט מען נישט פון אָרט.
עס ווייסט נישט קיינער, וואָס דערין:
צי ווייַן, צי זייף, צי מאַרגאַרין?
ס'האָט ערטער שוין געטוישט אַ סך:
אויף זון, אין שאָטן, אונטער דאַך;
מע האָט שוין אויך אַ פּלאַן געהאַט,
אַרייַנצושטעלן עס אין סקלאַד.
נאָר אָט שרייַבט ווער דערויף מיט קרייד:
„נישט קייקלען ס'פּעסל אויף אַ זייט!"
„געהיט זייט!" „האַלט זיך פון דער ווייט!"
און ס'בלייַבט דאָס פּעסל שטיין דערום,
מיט אָפּשיי גייט מען עס אַרום.
גיי ווייס, וואָס ס'איז אין פּעסל דאָ?!
זייַן דאָקומענט איז אַלץ נישטאָ.
דריי יאָר. דאָס פּעסל אַלץ פאַרהוילט
אין זיך זייַן סוד, און — פוילט, און פוילט.
ס'לאָזט נאָך אַ רייף, אַ צווייטע — באַץ!
דערנאָך דאָס גאַנצע פּעסל — פּלאַץ!
און דורך די שפּאַרעס דורכאַנאַנד
עס שיט זיך, שיט זיך... פּראָסטער זאַמד.

דער משל ענדיקט זיך אָן שפּאַס:
ס'טרעפט אויך אַ מענטש אַזאַ מין פאַס.

פון דאַניל אַטנילאָוו

דער מענטש און דער שטיין

אַן אַלטער גרויסער אַגראַנאָם האָט נאָך זיין מי,
אַן אויסגעמאַטערטער — ווען זעצן זיך די קני —
פאַרדרייכערט אַ ציגאַר און, זייענדיק אַליין,
געזעצט אין פעלד זיך אָפּצורוען אויף א שטיין,
און פּלוצעם טיף אַ זיפץ געטאָן ביים לעצטן צי.
דערויף דערהערט ער, אין דער שטילקייט שרייט אַ שטים —
דאָס רעדט דער אַלטער גרויסער שטיין פון אונטער אים:
— דיין טיפער זיפץ, בעטן אָפּרו אויף מיין ראַנד,
איז אומפאַרשטענדלעך פאַר מיין שטיינערנעם פאַרשטאַנד!
— די וועלט איז שיין און ליכטיק, — ענטפערט אים דער מענטש —
עס בליט און בלענדט מיין לאַנד אין שפע און געבענטש,
נאָר איך — די עלטער זיך דערנענטערט פיל איך אָפּ,
די כוחות ווערן שוואַכער, גרויער ווערט דער קאָפּ;
כ׳האָב טיף א זיפץ געטאָן, ווייל כ׳פיל זיך זייער מיד
און ווייס — דער טויט גייט נאָך מיין עלטער טריט ביי טריט.
כ׳וואָלט וועלן לעבן לאַנגע יאָרן נאָך, גאַנץ לאַנג,
און שטאַרבן וועל איך מוזן, ווי דאָס איז נישט באַנג. —
דאַן זאָגט דער איינזאַמער און טיף-געקאַרבטער שטיין:
— ווילסט לעבן לאַנג? ס׳איז אָפּהענגיק פון דיר אליין —
פאַרקער זיך אין אַ שטיין און זיי צו מיר אַ פּאָר,
און כ׳זאָג דיר צו: וועסט לעבן פופציק הונדערט יאָר!
— אָ, ניין! שרייט אויס דער מענטש און גיט אַ הייב זיך אויף —
איך וועל נישט צייט כ׳וועל לעבן מסכים זיין דערויף!

עס קלאַפּט דאָך נישט קיין האַרץ ביי שטיינער אין דער שוויס!
אַ לעבן אָן געדאַנק, אָן ליבע, אָן געברויז,
איך זאָל אַפילו לעבן הונדערט הונדערט יאָר —
איך גיב נישט אָפּ דערפאַר מיין צאַפּלדיקע וואָר!

וואַרשע. סעפּטעמבער, 1954

פון ע. טשעפּאָוועצקי

א פּאַסירונג אין אן אייער־טרעסט

ס׳האָט קוואָקטשעכע, שפּאַצירנדיק זיך אויף דער זון,
דערזען א מעלדונג: „דרינגענד פאָדערט זיך אַ הון!
און צו באַזאָרגן זי איז גרייט דער אייער־טרעסט
מיט גאָר א פיינער וווינונג פאַר א שטייג — אַ נעכט!”
איז קוואָקטשעכע אַוועקגעגאַן אויף יענעם אָרט
און גלייך דערלאַנגט אַ ביטע דער נאַטשאַלסטווע דאָרט,
נאָר ס׳האָט אַ נעגאַטיווער ענטפער איר געפּלעט:
— נישטאָ אין טרעסט דאָס אָרט. איר האָט פאַרשפּעטיקט. שפּעט!
— אַנטשולדיקט, — אַ נאַטשאַלניק זאָגט איר, ביין געשטימט —
כ׳וועל אייך דעם אמת זאָגן אָפן, נישט געקרימט —
ס׳האָט די צענטראַלע אויף דעם פּאָסטן אונדז אַ האָן
אָנשטאָט אַ הון געשיקט, — וואָס קאָן מען טאָן?
צי קאָן מען אַנדערש לייזן דאָס פּראָבלעם?
בפרט, אויב שריפטלעך גייט אים נאָך דער שם,
אַז אייער לייגן איז זיין איינגעטלעכער פאַך —
האָט הינדלעך פאַר זיין לעבן אויסגעבריט אַ סך...
— און ער, דער האָן, דערפילט זיין אויפגאַבע? ווי ווייט?
צי גיט ער האָפענונג אויף שפּעטער, מיט דער צייט?
— דערווייל... מיר האָבן אַלץ שוין אין דער וועלט געטאָן,
נאָר עפּעס לייגט ער נישט קיין אייער, אונדזער האָן.
איך דריק אייך אויס מיין מיטגעפיל, און כ׳מיין,
מיר קאָנען זיך ווי פריינד געזעגנען און צעגיין,
ווייל קענען דער צענטראַלעס אָנווייזונג צו גיין
געשיקט זיך דאָך נישט, איר פאַרשטייט דאָך עס אַליין.

פֿאַרויסגעזען דעם אויסגאַנג, האָבן מיר פֿאַר אים
געשאַפֿן דעם באַקוועמלעכסט-פּאַסיקסטן רעזשים,
געגעבן אים אויף פּרווו אַ יאָריקן טערמין,
און דאַן באַשלאָסן מיר — אַהער אָדער אַהין.

כ׳קאָן אַרבעטער איך איינעם אַ סאָלידן טרעסט,
וואָס זיצן נ י ש ט אויף זייער פּלאַץ... דערווייל גאַנץ פֿעסט.

וואַרשע. אָקטאָבער, 1954

פון אי. זאַלאַטאַרעווסקי

אַ הויכגעלערנטער און אַ קאַטער אָן אַן עק

אַ הויכגעלערנטער דערזען אַנומלט האָט
אַ קאַטער אָן אַן עק אין אַ סאָד;
און אויפן גלאַטן אָרט, דעם קאַטערס כבוד צו פאַרשוואַרצן,
עס זעט זיך ווי אַ האָריק קנעפּל שטאַרצן.
— אַ קאַטער אָן אַן עק! ווי אויסגעצייכנט! וואַרט —
עס קאָן נאָך נישט די וויסנשאַפט דעם אָרט! —
אַ צי געטאָן די הויזן לויט געוווינהייט, האָט ער,
דער הויכגעלערנטער, אַ פּאַק געטאָן דעם קאַטער.
אין פאַרש־אַנשטאַלט, וווהין דאָס וווּנדער פון דער וועלט,
אַט דער אָנעקיקער געפאַנגענער איז אָנגעקומען,
אַ היפּשער שטאַט געלערנטע מיט אים האָט זיך פאַרנומען,
נישט קאַרגנדיק אויף פאָרשונגען קיין געלט.
מ'האָט אויף די פיס דאָס גאַנצע קאַצענע געשלעכט געשטעלט
פון ערגע דער מעזאָאישער ביז היינט צו טאָג; געקנעלט,
געפאָרשט די ווידל־פאָרמען און די מאָסן ביי די ראַטן
די פאַרהיסטאָרישע — געפאָרשט עקשנותדיק־געלאַסן.
ס'פּראָבלעם ווערט דורכגעאַרבעט ביז דער טיפסטער טיף אַזוי,
ווי ס'טרעפט אַזוינס זיך אין אַ יובל איין מאָל!
און אגב ווערט אויך אויסגעפאָרשט — צוליב קאָנטראַסט — גענוי
די פאַווע און דער פאַוויאַן, וואָס האָט קיין עק נישט קיינמאָל.
דער קאַטער האָט קראַפּירט, נאָר וועגן אים די אַרבעט — פּיקס,
די אויסגערייפטע פרוכט פון פאָרשונגען אין לויף פון יאָרן:
„דער רודימענט־אָרגאַן ביי קעץ אין דעם אַספּעקט פון איקס
געגעבענע, וואָס זענען לעצטנס אויפגעדעקט געוואָרן".

די אַרבעט פֿונעם הויכגעלערנטן געשמיסן האָט
אויטאָריטעטן און צום טויט מיט שטאַרקער קראַפֿט דערשמיסן;
ער האָט באַגריפֿן אַלץ...
אַחוץ דעם קליינעם סוד:
דעם עק ביים קאַטער האָט אַ שאָפּהונט אָפּגעביסן.

וואַרשע. יוני, 1954

פון ג. ברעזשניעוו

א פּאַסירונג אין דער עופות-קאַמער

די גאַנצע עופות-קאַמער פון דעם בראָך דעם אומגליק רעדט:
סע וויל חער אַלטער גאַנער אויפצווינגען דער גאַנדז אַ גט.
די גאַנדז מאַכט יעלות. אַ סקאַנדאַל. שוין הייזעריק די עופות.
און אויף בייז ווונדער צו דער קאַמער אַ צונויפגעלויף איז.
אַ רויש... אַ טומל... שפּעטלעך זיך באַווייזט דער וואַראַביי —
א רבל ביי די עופות, וועלכער משפט צווישן זיי:
— וואָס טומלט זיך אזוי דער עולם, וואָלט איך וועלן וויסן? —
דאַ טרעט ארויס דער אלטער גאַנער מיט אַ קול אַ זיסן:
— דערלויבט פון סאַמע הארצן אייך דערקלערן קלאָר...
— קאַנסט דברן, נאָר אָן ליגנים, בלויז די וואָר!
— וואָס האָט איר אַלע אָנגעלייגט אויף מיר זיך גלאַט פאַר גאַרנישט?!
מיר זענען לויט די כאַראַקטערן זיך קיין פּאָר נישט...
זי שיפּעט רק דעם גאַנצן טאָג! איך ווייס נישט פון קיין רו...
— זי שיפּעט? נו, איז וואָס? דערויף איז זי א גאַנדז דאָך. נו...
איך מיין, ס'איז אין דער זאַך פאַרמישט אַן אויסגעלאַסן מיידל!
— אַן אויסגעלאַסן...? ניין, אַן אינדיטשקע... ווי פיין און איידל...
זיך טרעפן ביי דער אָזערע איז אונדז געווען באַשערט,
און קעגנזייטיק האָבן מיר אין ליבע זיך דערקלערט...
— אַזוי, אַזוי... און ס'איז דיין געַנדזל דיר נישט קיין עבירה?
— איך מוז מיין בונד מיט איר צערייסן! ס'איז נישטאָ קיין ברירה.
מיט איר צו לעבן ווייטער? קוילעט מיך דאָ אויפן אָרט!
אַ זקנה און אַרומגעשליסן...
— און די קינדער? פאַרט?

— די קינדער? ווײס איך דאָרט! די ליבע איז דער עיקר! —
אַז דאָ קאַכט אויף דער וואָראָביי, צו רײסן פון אים שטיקער:
— אַ זקנה? ביסט זי דאָ מבייש פאַרן גאַנצן הויז?!
דו קוק אויף זיך! אַ טשוטשעלע אין גאָרטן — זעסט דאָך אויס!!!
— אַ מציאה! לייג אים צו! — די עופות זידלען — פליק זײן האָר! —
און ס'האָט אין גרויסער שרעק געמאַכט ויברח אונדזער גאַנער.
ער האָט דעם טאָג אין בלאָטע צווישן קוסטעס שטום פאַרבראַכט,
און איז געקומען צוריק צו לויפן צו דער גאַנדז ביינאַכט.

דער מוסר־השכל פון דעם משל איז נישט קיין פאַרשטעלטער,
און ס'איז נישט נייטיק אים צו געבן צו פאַרשטיין:
נישט אײל זיך־צו צו וואָרטשען, אַז דאָס ווײב זיך עלטערט,
צו אַלעמערשטן באַדאַרף אַ קוק אויף זיך אַליין.

וואַרשע. דעצעמבער, 1955

פון פּ. שאַדור

אַ וואָראָבײאישער ענין

אַ שטאָר, אַ היגער אײנוואױנער פֿון לאַנגע יאָרן,
האָט פֿון אַ קוראָרט אומגעקערט זיך מיט זײן פֿרױ,
װי דאָ אַנטדעקט ער: ס'האָט פֿאַרכאַפּט זײן שלאַק דעם גאָרן
אַ װאָראָבײ, װײל ס'האָט פֿאַרגלוסט זיך אים אַזױ.
דער שטאָר האָט אױפֿגעקאָכט, און דאָך באַהערשט זײן צאָרן,
װײל זײן כאַראַקטער קײן סקאַנדאַלן נישט פֿאַרטראָגט,
ער האָט דעם װאָראָבײ אין קרײז־געריכט פֿאַרקלאָגט,
און ס'איז דער אַכבעראָש אַרױסגעזױצט געװאָרן.

דאָס שטאָרן־פּאָרל האָט באַזעצט זיך אין זײן שלאַק:
פֿאַרנעם זיך, ביטע, װאָראָבײ, מיט האַק און פּאַק!...
דער װאָראָבײ — נישט אָנטערגעבן זיך, באַשװערט זיך,
און באַלד מיט אָנקלאָגן אין אַלע זײטן קערט זיך.
קײן אָנקלאָג קאָן נישט בלײבן אומבאַענטפֿערט — קלאָר.

איז באַלד אַװעק אַן אָנפֿרעג צום געריכט: ס'איז װאָר?
דערנאָך דער הראָסל איז אַהין געשיקט געװאָרן,
צו מאַכן קלאָר, װאָס ס'איז געשען דאָרט מיט די שטאָרן.
דער הראָסל פֿאָרשט די פֿאַקטן אָביעקטיװ, גענױ,
און קומט מיט אַ באַריכט אַ לאַנגן, קלאָרן,
אַז אין דעם ענין־װאָראָבײ האָט נאָר אַזױ
געקאָנט דער פּסק זײן: אומקערן דעם שלאַק די שטאָרן.
נאָר אומפֿאַרשעמט דער װאָראָבײ איז און פֿאַרשײט.

— דער דראָסל איז אַ ליגנער! אַ כאַבאַרניק! — שרייט ער.
דער פייגל־ראַט ווילט אויס אויטאָריטעטנע לייט,
און די קאָמיסיע נעמט דעם ענין פאָרשן ווייטער.
ס'האָט די קאָמיסיע דאָרט פאַרבראַכט אַ וואָכן צוויי,
און נאָכן אויפפּיקן אַ פּוד אַ גאַנצן קערליעך
זיך איבערצייגט, אַז אינעם ענין־וואָראָביי
דעם דראָסלס שטעלונג ריכטיק איז און ערליעך.
נאָר ס'האָט פון לײדנשאַפט דער וואָראָביי געברענט,
און מיט אַן אָנקלאָג צו דעם אָדלער זיך געווענדט.
וואָס טוט מען, האַ? די פייגל די מנוחה שטערט ער.
די אַרבעט גייט נישט, און ס'ע שטייגערט דער פאַרדרוס...
דער ענין — נאָכאַמאָל אויפסניי באַהאַנדלט ווערט ער
אויף אַ באַראַטונג ביי דעם אָדלער; דער באַשלוס:
„פאַרענטפערליעך פאַר אַלץ דערקלערן וואָראָביי'ען!"
דערהערט דעם שטרענגן פּסק, פאַלט אָן אויף אים אַ שרעק:
מע וועט דאָך אים אַצינדער מאַכן אויסצודרייען!
און נישט קיין סך געטראַכט, ער טראָגט זיך אָפּ. אַוועק.

ס'דערגרייכן צו מיין אויער קלאַנגען פון דער ווייטן:
דער וואָראָביי דאָס זעלבע טוט אויך דאָרט באַלייטן.

וואַרשע, מאַי, 1956

פון ה. אלעקסייעוו

דער פאפוגיי

דער פאפוגיי איז אנגעפלויגן צו דעם ראנד
פון דעם געדיכטן וואלד אין צפונדיקן לאנד.
ס'איז שוין אין גאנג דא די אסיפה פון די פייגל, חיות:
וואס טוט מען, הא? די קעלטן קומען אן געלאפ! —
דער פאפוגיי, פארשפעטיקט, וואס ס'איז נישט קיין נייעס,
טוט האסטיק אין פרעזידיום זיך א לאז אראפ.
סע רעדט דער בער: — מיט מיין דערפארונג כ'וויל זיך טיילן,
אז ווינטער מוזן אלע חיות האבן היילן,
די היילן מוז מען מאכן װאַרעם שוין אצינד,
מיט בלעטער, נאדלווארג זיי אויסבעטן געשווינד,
און דורכגראבן א הינטערגאנג, וואס זאל אין נויטפאל דינען,
און אנווארפן ארום די היילן כוואראסט גאנצע בינט,
אז קיין שום כלב זאל זיי נישט געפינען! —
דער בער פארענדיקט, און דער פיקהאלץ גייט ארויס מיט שפראך:
— וואס טיפער אויסהוילן די ביימער־לעכער, — טוט א פיק ער —
און ביימער זאלן ווערן אויסגעוויילט וואס דיקער. —
דער קרייצשנאבל דער שטשופלער, כאטש זיין קעליכל איז שוואך,
אויך ער ווארפט צו א קליין געדאנקעלע א פראקטיש:
— מע דארף פארגרייטן ווערעם, שישקעס, — פראפילאקטיש... —
בקיצור — יעדער רעדט, פון יעדן ווערט מען וואס געוואר.
דערויף דאך זענען די דיסקוסיעס — דיסקוטיר, ליג פאר.
נאר אט־א נעמען מורמלען צווישן זיך די חיות, פייגל,
ס'באקומט דאס ווארט דער פאפוגיי דער צוגערייזטער גאסט.

אַ שטול זיך אויף אַ פּניאַק, אַ הוסטל, מיט אַן אייגל
אַ מרוזשע, און אַרויס מיט לשון, ווי סע פּאַסט:
— דער ווינטער קומט! סע קומט דער ווינטער!...
דער ווינטער קומט שוין... שטייט נישט הינטער!
ער איז שוין נישט פון יענער זייט פון ים, נישט ווייט...
ווי ס'האָט דער בער געזאָגט עם זייער ריכטיק,
די היילן צוצוגרייטן איז שוין אויצט די העכסטע צייט,
און מיר אַליין זיי דאַרפן מאַכן, דאָס איז וויכטיק!
מע מוז אויך אָפּגעבן דעם קרייצשנאָבל געריכט,
ווי זאָגט מען,
אַ גרייטער וואָרעם, צי אַ שישקע ווינטער איז נישט שלעכט,
דעם וואָרעם טייט מען און דאָס שישקעלע צעבראָקט מען...
און וואָס חער בוימלאַך איז נוגע, מוז איך זאָגן קלאָר:
וואָס ברייטער ס'איז דער בוים — די בוימלאַך ברייטער זעט זיך פּאָר!
אַ שמאָלע בוימלאַך, יאָ... — ער חזרט איבער דאָס געהערטע,
און ווען די פרעמדע רייד זיך לאָזן אויס, באַגערט ער
צו זאָגן אַ פּאָר ווערטער אייגענע; ער טוט אַ קלער,
אַ קראַץ זיך איינעם משוב, אָן זאָגט נישט ווייניקער, נישט מער:
— דער פּאַפּוגיי בן־פּאַפּוגייען
רעדט פּוסטע שטרעונייען!

אויף אַ פאַרזאַמלונג איז געקומען דאָ נישט לאַנג צוריק
אַ פאַרשטייער אַ „פירנדיקער" און אַ „הויכגעשטעלטער";
נישט דורכגעשמועסט זיך מיט קיינעם, מיט אַ שטאָלצן בליק
הייבט אָן ער מאָליעווירען — אמתן באַקאַנטע קנעלט ער,
און מיט געדאַנקען פרעמדע גאָר זיין לייטיקייט פאַרשטעלט ער.
דעם חילוק צווישן זיי דערזעט מען אויפן ערשטן בליק:
דער פּאַפּוגיי האָט כאָטש געמאַכט אַ זעלבסטקריטיק.

וואַרשע, מאַי, 1956

פון מקרטיטש קאָריון

דער סאָלאָוויטשיק און שטיגל

דער סאָלאָוויטשיק פרעגט נאַאיװ: פאַרוואָס
ער זיצט פאַרשפאַרט אין שטייגל אויף אַ שלאָס?
— ס'זאָל דיך נישט קאָנען פּאַקן, גראָבער קאָפּ,
דיין פיינט די קאַץ, — אים ענטפערט עמעץ אָפּ.

פאַרוואונדערט זיך דער סאָלאָוויטשיק: הערט!
און תמימותדיק אַן ענטפער ער באַגערט:
— וואָלט גלייכער האָך געווען, ליבע פריינד,
נישט מיך פאַרשפּאַרן, נאָר די קאַץ מיין פיינד?!

ווארשע. סעפטעמבער, 1956

משלים פון פאַרשיידענע פעלקער

פֿון וואַרשעװער אייגענעס

דער בער און דער פֿוקס

ס'פֿאַרשפּרייט זיך אינעם וואַלד אַ בייזער קלאַנג:
דער לייב איז נישט מיט אַלעמען, איז קראַנק.
און חיות גלייך פֿון אַלע זייטן איילן
דעם לייב מבֿקר־חולה זיין, פֿאַרווײַלן.
דער פֿוקס, געקומען שוין אַ ביסל שפּעט,
דערוווּסט זיך, אַז דער בער האָט אים באַרעדט.
— פֿאַרוואָס האָסטו פֿאַרשפּעטיקט, יונג געמיינער?! —
דער לייב מאַכט פֿלאַטערן דעם פּיקסלום ביינער.
— אַ, צערן נישט, — בעט שטיל דער פֿוקס — מיין האַר.
איך האָב פֿאַרשפּעטיקט, אמת, נאָר דערפֿאַר
בין איך געקומען נישט מיט ווערטער פּוסטע:
איך ברענג דיר פֿון דאָקטוירים פֿון באַוווּסטע
אַ תּרופֿה צו דיין מחלה. — וואָס דו רעדסט!
זאָג, חכם, וואָס? ווערסט נישט אומזיסט געשעצט.
— זי איז נישט ווייט, די תּרופֿה — דאָ דאַלעבן,
און גלייך וועט זי פֿאַרלייכטערונג דיר געבן!
מע דאַרף אַראָפּשינדן די פֿעל פֿון בער,
און ווען זי איז נאָך וואַרעם, בלוטיק, שווער,
מיט איר דיין ליידנדיקן גוף פֿאַרהילן, —
זי וועט אַרויסציִען דעם ווייטיק, שטילן. —
דער לייב באַפֿעלט, מע כאַפּט, מע שינדט דעם בער,
ער וואַיעט, רעווועט, וואַרפֿט זיך הין־און־הער,
און ס'רוימט דער פֿוקס אים איין אין אויער: — ווער
סע רעדט, ווי דו, אויף יענעם לשון־הרע,
זאָל טרעפֿן אים, ווי דיך, די זעלבע צרה.

וואַרשע. יוני, 1956

פון מאַלאַיִשן פֿאָלקלאָר

קראָקאָדיל־טרערן

אַ קראָקאָדיל, וואָס איז פון קינדהייט אויף געזעסן
אין טייך אין וואַסער, האָט דאָס זיצעניש דערעסן,
און ס׳האָט זיך אים פאַרוועלט
צו רייזן איבער דער וועלט,
כדי דאָרט נייע פאַרגעניגנס צו געניסן.
ער לאָזט זיך גיין, הגם ער הייבט נישט אָן צו וויסן
קיין וועג, קיין שטעג, ווו איין, ווו אויס, —
ער קריכט זיך סתם פאָרויס.
אַזוי איז ער פאַרקראָכן אין אַ ווייסטער געגנט,
מיט וועלכער בוים־און־קוסט האָט לאַנג זיך שוין געזעגנט;
פון אונטן — זאַמד, פון אויבן — זון, ווי פלאַם:
ער באָדט זיך אין אַ פיִוערדיקן ים;
ער וועט שוין מיטן לעבן נישט אַרויס פון דאַנען!
ווי דאָ קומט אָן אַהער אַ יונגער מאַן צו שפּאַנען;
ווי פאַלמעס־שטאַמען — שטאַלטנע זיינע פיס
און אויך, ווי זיי, געזונטע אויף געוויס;
די מוסקלען — פעסטע, וועלן נישט פאַראַטן,
ווי אָנגעצויגן־שטייפע שיף־קאַנאַטן.
— אוי, ראַטעווע! נעם טראָג מיך צו דעם טייך,
כ׳זאָל קאָנען זיך דערכאַפּן צריק צום לעבן, —
דער קראָקאָדיל זיך בעט — איך וועל דיך מאַכן רייך,
דאָס בעסטע און דאָס שענסטע כ׳וועל דיר, רעטער, געבן! —
פון זיינע אויגן טריפן טרערן טרער נאָך טרער,
ווייל ריידן, בעטן קאָן ער, נעבעך, שוין נישט מער...

דער בחור איז געריהרט פון זיינע הייסע טרערן
און נישט קיין סך געטראכט, און נישט צו פיל צו קלערן,
ער טוט אים אויף די פלייצעס א פארוואָרף
און טראָגט, וווהין ער בעט זיך און באַדאַרף;
ס'ע רינט פון בחור שווייס, די לאַכט אים בייגט אינדרייען,
נאָר ווער ס'טוט גוטס, די כוחות זיינע זיך באַנייען;
און אָט־אָ האָט ער אים דערשלעפּט צום ברעג —
ער קניט אַראָפּ און לייגט אים דאָ אַוועק.
נאָר ווידער נעמט דער קראָקאָדיל פאַרגיסן טרערן
און הייבט אים אָן מיט טויטע שבועות צו באַשווערן:
— ...דו האָסט אַזויפיל זיך פאַר מיר באַמיט,
איז שענק מיר נאָך א פּאָר געציילטע טריט
און טראָג אַריין מיך ממש אינעם וואַסער...
דער בחור פאָלגט, ער אָטעמט קוים, א בלאַסער.
דאָ כאַפּט אים פלוצעם אָן דער קראָקאָדיל
און רעדט הורך טהערן, ווי מיט היים געפיל:
— אַצינד איך וועל דיך פאַר דיין גאַרן גוטס באַלוינען:
כ'וואָלט אויפפרעסן דיך קאָנען, אָבער כ'וועל דיך שוינען —
איך זאָג זיך אָפּ פון דעם געניוס,
כ'וועל אָפּבייסן דיר בלויז א פוס... —
דער בחור נעמט זיך רייסן, שרייט מיט קולי־קולות,
נאָר זיך אַרויסצורייסן איז ער נישט ביכולת,
ס'האַלט פעסט דער קראָקאָדיל אים, רעווועט, אַזש א גרויל איז...
א צאַפּליע, אויפגעוועקט פון חרימל, דאָ נישט ווייט
זי טוט א פרעג: — וואָס טומלט איר עס, ליבע לייט? —
דער יונגערמאַן דערציילט, פאַרקוקט אין דעם געזיכט איר
מיט היים געבעט און ענדיקט: — זייט, מאַדאַם, דער ריכטער! —
די צאַפּליע שווייגט א ווייל, ווי שטאַרק פאַרטראַכט.
און ענדלעך זאָגט זי, קלוגיטשקע צעלאַכט:
— אָנשטאָט צו משפּטן, איך וועל דיר אָפן זאָגן —
ס'איז שקר! קאָנסט נישט און דו האָסט אים נישט געטראָגן,
דעם קראָקאָדיל, אַזאַ מהלך־רב!
— איך גיב אייך, — שרייט דער בחור — תקיעת־כף!
דאָס לייקנט נישט, מאַדאַם, דער קראָקאָדיל אַליין דאָך...

אַט איז אַ שפּחר — אַ לעצטע טרער — פון זיין געוויין דאָך... —
נאָר זי, די צאַפּליוע, אַלץ זיך שפּאַרט און שפּאַרט,
און וועקט און וואַרט,
און וועקט והערמיט אין קראָקאָדיל אַזאַרט.
ער טוט אַ רעווע: — ס'איז נישטאָ קיין אַנדער עצה
צו איבערצייגן זי... פאַרוואַרף מיך אויף דער פּלייצע
און טראָג! —
דער בחור פאָלגט אים גלייך און טוט מיט אים אַ יאָג,
אויף וויפל נאָר די כוחות זיינע סטייען,
צו ברענגען אים צו דעם געווינטשטן ציל... — — —
אַצינד איז איבעריק שוין נאָך צו ברייען:
סע פרעגלט זיך דער פאַלשער קראָקאָדיל
אין זיינע פאַלשע טרערן,
און מיט אַ שמייכל ווישט דער בחור זיך דעם שטערן.

שרודבאָרוו--וואַרשע. מערץ, 1956

פון א מאָנגאָליש מעשהלע

דער פייגל־קעניג, די וועספּע און די שלאַנג

דער פייגל־קעניג, בלוטיקער כאַן־גאַרד,
באַפוילן האָט דער וועספּע האַרב און האַרט:
— נעם נידער אויף דער ערד און פלי זי אויס,
דעם טעם פון אַלע מינים בלוט פּרוּוו אויס
און ברענג צוריק אַן ענטפער, וואָסער בלוט
איז סאַמע דאָס געשמאַקסטע, זיס און גוט. —
דער וועספּע שמעקט דער בלוטיקער באַפעל,
און דאָס שליחות פירט זי אויס גאָר שנעל.
דער וועג צוריק איז דורכגעמאַכט שוין האַלב.
ווי פלוצעם פליט אַנטקעגן איר די שוואַלב.
— פונוואַנען און וווּהין? — זי טוט אַ פרעג.
די וועספּע ציטערט אויף און טראַכט אין שרעק:
„זי וועט מיך אויפעסן... אָט באַלד... אָט־אָט...
פאַרפאַלן, כ'מוז אַנטפּלעקן איר דעם סוד...”
— לויט אונדזער קעניגס אַ באַפעל איך פלי,
איך טראָג אים דעם סך־הכל פון מיין מי,
כ'האָב פעסטגעשטעלט: פון אַלע מינים בלוט
דעם מענטשנס דאָס געשמאַקסטע איז און גוט.
„...אוי, ווינד־און־וויי! — באַפאַלט דער שוואַלב אַ שרעק —
אַ סכּנה מענטשלעך בלוט וועט איצט אַוועק!”
סע לויפט איר דורכן לייב פאַרביי אַ גרויל —
זי רייסט דער וועספּע אויס די צונג פון מויל
און זאָגט: — צום קעניג פלי איך מיט דיר מיט. —
מע שטעלט זיך פאַרן קעניג און מע קניט.

און ס׳פרעגט דער קעניג האַרב און האַרט איר: — נו? —
זי ענטפערט מיט אַ זשומשען בלויז: — זשו־זשו...
— רעד העכער! — שרייט דער קעניג. — הויך! —
און זי — זי זשומשעט מיטן גאַנצן כח... —
דער קעניג ווערט אין כעס און טוט אַ לאַך:
— גיי זיי אַ בריה און פאַרשטיי איר שפּראַך!
און אפשר, שוואַלב, קאָנסטו דערקלערן, הו,
דעם זין פון איינע רייד: „זשו־זשו, זשו־זשו!״?
— זי זאָגט... כאָטש ס׳איז נישט קלאָר מיר דער געדאַנק...
דאָס זיסטע בלוט געפינט זיך בײַ דער שלאַנג...
— איז גוט, — דער קעניג מיט הנאה לאַכט —
אַ דאַנק פאַר דעם, וואָס איר האָט מיר געבראַכט... —

פון דעמלט אָן דעם קעניג גייט עס וויל:
מע זעט אים תמיד מיט אַ שלאַנג אין מויל.

בײַ אָט דער שוואַלב זיך לערנט, גוטע לײַט,
גוטהאַרציק זײַן, און בייז, און אויך געשייט.

וואַרשע. דעצעמבער, 1955

א לייב באַזיגט פון א מענטשן

סע האָט אַ מאָלער אויסגעשטעלט א בילד:
אין בלוט א טויטער לייב ליגט אויסגעצויגן,
געבויגן איבער אים — אַ מענטש; סע שפּילט
דער גלאַנץ פון זיג און שטאָלץ אין זיינע אויגן.
די צושויער באַוואונדערן דעם מענטשנס מוט.
אַ לייב, וואָס גייט פאַרביי, צעלאַכט זיך: — עך, נאַראָנים!
ס'איז נישט צו לייקענען — דאָס בילד געמאָלט איז גוט,
סע שיינט אַראָפּ דער זיג און שטאָלץ פון זיגערס פּנים.
נאָר ס'האָט דער קינסטלער אָפּגענאַרט אייך זייער פיין,
ווייל אויסצופאַנטאַזירן ווער וועט אים פאַרווערן?
און לייבן אמת וואָלטן מ י ר די זיגער זיין,
ווען ס'וואָלט א לייב א גוטער מאָלער ווערן.

וואַרשע. מאַי, 1956

דער שוואַן און דער קוכער

אין זאָמגאָרטן,
אין קרייז פֿון פֿייגל אַלע סאָרטן
אַ שוואַן האָט אָפֿטער מיט אַ גאַנדז פֿאַרברענגט.
ס'איז ער באַשטימט דעם פּריצס אויגן צו אַנטציקן,
און זי — מיט אַ געשמאַקן ביסן אים צו קוויקן,
און יעדער וועגן זיין באַשטימונג ווי צום בעסטן דענקט.
ביינאַנד זיי שווימען אינעם שלאָס אין זיינע פּאַסעס מונטער,
ווי דורך גאַלעריעס הויפֿישע, מיט אויפֿגעפּאַכטער ברוסט,
ביינאַנד זיי שוועבן אויף און טוקן זיך אין וואַסער אונטער,
נאָר זייערע פֿאַרגלוסטענישן שטאָלצע זענען פּוסט.
געשעט: דער קוכער אַ פֿאַרשנאַשקעטער, אָן האָנער,
אָנשטאָט די גאַנדז, דעם שוואַן ביים קאַרק כאַפּט אָן ער:
דערשטיקן זי, צוגרעכטמאַכן צום טאָפּ.
דער שוואַן זיין שוואַנעןליד נעמט זינגען... סטאָפּ! —
בלייבט שטיין דער קוכער איבערראַשט אינמיטנדרינען
און כאַפּט זיך, אַז ער איז געווען אויסן זינען.
— אַזאַ מין זינגער זאָל זיך אין אַ זופּ געפֿינען!
איך שווער ביי גאָט, אַז דאָס וועט נישט געשען, ניין און ניין,
צו טאָן אַ שניט דעם האַלדז, וואָס זינגט אַזוי־אַ אידל־שיין!

אויך ווען דו זעסט זיך שוין פֿאַר דער סכנה שטיין,
פּרוּוו דאָך מיט מילדע רייד דעם רויבערס האַרץ געווינען.

וואַרשע. מאַי, 1956

פֿון פלאָריאַן

א האָן א מוילהעלד

סע פּאַסט זיך, אויב דו האָסט דיין פיינט באַזיגט,
אַרויסצוווייזן, אז דו ביסט אַנטציקט.
נאָר אַ מפּלה, אויב דו האָסט געליטן,
איז שווערער שוין דאָס חשיבות איינצוהיטן!

סע איז געווען א שוואַכער האָן, אַ האָן אָן טאָלק,
וואָס האָט געהאַט אין הער געזעלשאַפט גרויס דערפאָלג.
(נישט בלויז ביי עופות טרעפן זיך אַזעלכע זאַכן,
נאָר אויך ביי מענטשן קאָן זיך עס נישט-זעלטן מאכן —
אַ שוטה זאָל פאַרנעמען גאָר דעם אויבנאָן).
איז אָט האָט איינמאָל אָט דער האָן,
אַ שוואַכלינג, נאָר א קפּדן, אין א טאָג א שיינעם
אַ פּיק געטאָן א היפּשן האָנטשיק איינעם.
האָט יענער אים, ווי זאָגט מען, אויף דער שטעל
געגעבן רעשט — און ס'האָט צעבריענט זיך אַ חוֹעל!
און זאָלט איר גלייך דעם אמת וויסן:
דער האָן דער שלעגער, תמיד הויך-פאַרריסן,
אַרויס איז פון געשלעג מיט א צעדמטער פעל, —
דער האָנטשיק האָט געמאַכט פון אים תיל-תל.
ער וואָלט דאַ אויסגעהויכט זיין האָנערישע זעל,
און ס'וואָלט אויף יענער וועלט אַ קדיש אים באַגלייטן,
ווען נישט מע רייסט אַוועק זיי איינעם פונעם צווייטן.
צעפלאַכטן און צעטרייבערט, טוט דער האָן א זאָג
מיט גאווה, נישט געמינערט גאָרנישט פון איר וואָג:

— גאַנץ פֿיין! שטאָלצירן מעג ער!
איך גופֿא בין אַמאָל געווען
פֿון ערשטן קלאַס אַ שלעגער!
איך שעץ דעם יונגטלעכן ברען! —
אַ צווייטער האָן, אַ פֿיינער זקן אַ סאָלידער,
וואָס ס'איז דעם שלעגערס גאווה אים דערווידער,
באַהערשט זיך נישט און טוט אַ שמייכל מילד.
דער מוילהעלד אונדזערער דערפֿילט זיך שטאַרק געטראָפֿן:
ער מוז אים פֿאַר אַזאַ באַליידיקונג באַשטראָפֿן! —
און טוט אויף אים אַ וואָרף זיך ווילד.
נאָר יענער איז נישט קיין מלחמה-קינד, און טוט אים
אַ פֿליק אַראָפּ דעם גאַנצן קאַם,
אָט מאַכט ער פֿון אים אַשפּה אין מינוטן!
דער שלעגער-יונג דערפֿילט דעם אמתן, דעם גוטן טעם.
נאָר אויך אַצינד דער מוילהעלד טוט אַ מאַך פֿאַרריסן:
— נו, וואָס, איך האָב געשוינט דעם זקן, כ'האָב געוויזן;
וואָלט יונגער ער געווען אַ ביסל, כ'וואָלט
פֿיל שטרענגער זיך מיט אים צעצאָלט!

וואַרשע. מאַי, 1956

דער אמת און דער שפּאַס

ס'האָט איינמאָל פונעם הילך־חושך זיך אַרויסגעריסן
דער א מ ת נאַקעט אויף דער העלער וועלט,
געבויגן אונטער לאַסט פון יאָרן, צופיל ווייסן,
פאַרמאַטערט, גרייז, און צאַפּלענדיק פאַר קעלט...
פאַרבעטן אים אין שטוב — סיי יונג, סיי אַלט זיך שרעקן,
פאַרלאָזט פון אַלעמען ער בלייבט אין דרויסן שטעקן.
ווי דאָ באַגעגנט אים אין גאַס
דער ש פּ אַ ס,
אַ ליבער, עלעגאַנטער, לייטיער־קלאָרער —
אַ פּרינץ אַ וואָרער.
— מיין גאָט! — שרייט אויס ער. — כ'בעט דיך ערנסט, זאָג,
וואָס טוסטו דאָ אַליין אין דרויסן אין דעם קאַלטן?
— איך פריר, — דער א מ ת ענטפערט — און זיך פּלאָג,
און ווייס שוין, כ'וועל קיין הילף פון קיינעם נישט דערהאַלטן!
סע זענען טײַער צו מיינע קרעכצן קינד און קייט,
זיי האָבן זיך פאַר מיר דערשראָקן.
אַ וואַסער נחת קאָן מען האָבן פון אַזאַ מין זקן! —
דאָ רופט זיך אָפּ דער ש פּ אַ ס: — ס'פאַרשאַפט מיר לייד.
דו קערסט מיר אָן אַ קרוב, וועל איך דיך נישט שטראָפן.
נאָר זע, אַט מיך פאַרבעטן מען, און פון דיר איז מען אַנטלאָפן, —
פאַרוואָס? ווייל דו ביסט בלויז;
באַווייזן פאַר דער וועלט זיך הויל דורכויס
איז נישט דערלויבט! איז הער, וואָס כ'וועל דיר ערלעך זאָגן:
מיר גייען סוף־כל־סוף האַך אין חעם זעלבן לאַנד,

איך וועל מײַן מאַנטל געבן דיר צו טראָגן,
און לאָמיר גײן דעם װעג בײנאַנד.
ס׳ע װעלן די חכמים, דיר צו דאַנקען, קענען
שטודירן די פאַרבאָרגענע געזעצן און פאַרשטײן.
און איבל זיך באַמיען, ס׳זאָלן די טיראַנים
מיט דיר זיך העפלעך־פֿײַן באַגײן.
מיר װעלן דורכמאַכן אַזוי דעם װעג אינצװײען,
און גיט זיך אײן אמת: דײַן דערהױבענע אידײע
פֿאַרזיעבן מיט מײַן שאַרפֿזין — ס׳איז אין דעם געװענדט —
דאַן װערן מיר פֿון אַלעמען פֿאַרשטאַנען, אָנערקענט!

װאַרשע. מאַי, 1956

פון קריסטיאָנאַס דאָנעלאַיטיס

דער וואָלף דער ריכטער

דער וואָלף, וואָס באַקאַנט איז אַלס יעגער אין וועלדער געדיכטע,
וואָס לויערט אין בושן, גראַסירט ביי די וואַלדישע ראַנדן
און מאַכט דורכאַנאַנד זיך פון משפּטים בלוטיקע עדות, —
דער דאָזיקער שינדער איז איינמאָל אין הונגער געלאָפן,
נישט קויפן, אַ ניין, נאָר, דערנירכענדיק, עפּעס צו שמוילן,
ווי פּלוצעם דערזעט ער אַ ציג ביי דעם טייכל זיך פּאַשען,
נו, איינגעטלעך נאָכנישט קיין ציג, נאָר א ציגל אַ יונגינקס.
ביין־וועלפיש דערהייף זיך געוואָרפן, ער הייבט עס אָן זידלען:
— פאַרוואָס מאַכסטו בלאָטיק דאָס וואַסער מיט אומריינער מאָרדע?
געדענקסט נישט די שטראָף, וואָס דיין טאַטע פון מיר האָט באַקומען?
דערוועגסט זיך נאָך, מיאוסער נפש, מיין וואַסער קאַליעצן!
— מיין האַר, האָב רחמנות! — דאָס ציגעלע בעט זיך און פּלאַטערט. —
כ'האָב קיינמאָל אין לעבן דיין וואַסער־געטראַנק נישט באַשמוציקט!
זאָל גאָט אונדז באַהיטן פון אַזאַ מין פאַרברעכן!
דעם וועלפישן ריח דערשפּירט נאָר, מיר ליפן זיך בהאַלטן,
ווייל אונדזער משפּחה דורך דיר ווערט שוין צו פּיל פאַרטיליקט:
פיל ציגן און פערד, פיל חזירים און שעפּסן, באַראַנעס
און קי האָסטו אין וועלדער, אויף פעלדער פאַרצוקט און געפרעסן.
האָסט אויך אָן רחמנות אין קאָרן צעריסן מיין מאַמע... —
דעם ציגעלעס טענות־צערייצן דעם וואָלף, ער צעקאָכט זיך,
בלאָזט אָן זיך, פיל צאָרן און בייזן באַגער נאָך נקמה:
— דו משב־קאָפּ! — שרייט ער. — פאַרשטעק דאָרט די צונג אין דער יאַפּע,

ווייל איך האָב נאָך קיינעם נישט קיינמאָל געמשפּט אָן יושר:

דו ווייסט נישט, אַז ס'האָט מיר דיין טאַטע צעפּרעסן די לאַנקעס
ביינאַנד מיט דיין מאַמען, די קינדער די זוילל־וסובאַם?
נאָר דאָס איז נאָך ווייניק — פון קרענקונג דאָס האַרץ קאָן דאָך פּלאַצן! —
נישט איר אומפאַרשעמט אומעטום טוט אָן שאָדנס נאָך שאָדנס:
ווער שינדט עס אַרום אין די וועלדער די ביימער די בעסטע,
ווער לאָזט זיך עס ווילגיין און גרייזשעט אין סעדער די שפּראָצן,
און ווער לקחנט ביטערע אַרויס פון די גערטנער דאָס גרינוואַרג?
דערפאַר האָט דער קעניג פאַרווערט אייך צו האַלטן דאָ לענגער, —
זיי וויסן, ער האָט מיר באַפוילן דאָס צוהיטן וואַכיק,
חערלייבט די פאַרברעכער באַשטראָפן — אַ מוסר פאַר לייטן,
און מאַכן אַ סוף אומעטום צו די מעשים געמיינע! —
זיך אויסגערימט שטאַרק פאַרן ציגעלע, טוט ער אַ כאַפּ עס,
אַן אויגנבליק בלויז — ער צערייסט עס אויף שטיקער, פרעסט אויף עס.

אַזוי איז עס אויך אויף דער וועלט: ווער סע שטרעבט צו פאַרברעכן,
קאָן שטענדיק, אַזוי ווי אַ שעלמע, באַשולדיקן יעדן
און, גלייך ווי דער וואָלף, אים פאַרציקן, דעם אָרעמען מענטש.

וואַרשע. דעצעמבער, 1955

דער דעמב דער זעלבסטבאַרימער

אַ צווייגהאַפּטער, בייכיקער דעמב איז געשטאַנען אומבייגלעך,
ער האָט זיך נישט איין מאָל געראַנגלט מיט ווינטן און שטורעמס,
און שטענדיק געבליבן דער זיגער אין ביטערע קאַמפן.
דערפאַר קוקט ער תמיד פון אויבן אַראָפּ אויף די שכנים.
די צווייגיקע ליפּע, די סאָסנע, די יאָדלע, די ווערבע,
שוין אָפּגערעדט קוסטעס — זיי רופן אַרויס זיין פאַראַכטונג.
דערזעט ער פּאַנווייטנס, אין שטאָלץ אָן אַ מאָס, אַ טשערעטל.
אין זומפּיקן גריבל, פון ווינטל פון לייכטן דערשראָקן,
סע בייגט זיך געמאָסטן אַהין און אַהער, ווי אַ דוחע.
דער חאַזיקער גדלן, וואָס זיך בלויז באַטראַכט פאַר אַ פעסטן,
דערזען אזא שוואַכלינג, נעמט לאַכן און לאַכן אָן אָפּהאַלט
דערפון ווי סע בייגט זיך אַהין און אַהער, דאָס טשערעטל.
נאָר ווען ס'האָט דער יונג דער געמיינער זיך שטאַרקער צעלאָזן,
דערוועגט מיט אַ גאַווהדיק וואָרט אַזש דעם הימל צו שטעכן,
סע האָבן זיך אָנגעיאָגט פלוצעם צעווילדעוועט ווינטן
און פאַסן געריסן, געשונדן פון אים, דעם קשי־עורף,
ביז וואַנען זיין איינגעווייד האָט זיך באַוויזן אינדרויסן.
אַזוי איז דער סוף דער פאַרדינטער דעם גדלנס געקומען.
נאָר, הין־און־צוריק זיך געשאָקלט, דאָס דאַריע טשערעטל
איז פאַרט מיטן חסד פון הימל ביים לעבן געבליבן.

דער איבערשטער משפט אַזוי דעם פאַרריסענעם מענטשן,
וואָס גאָר אָן אַ גרענעץ די אָרעמע לייט אונטערדריקט ער,
פאַרפאָלגט די פאַרטורעטע יתומה און פייניקט הארטהערציק.

געדענק אין דיין סוף אין העם שוואַרצן, דו פּעמפּיק געשטאָפּטער,
און טראַכט, וואָס וועט זיין, ווען ס'וועט קומען די צייט צו קראַפּירן.
נאָר אייך, איר אביונים און לאַפּטיעס און קאַזשובעס קוואַרע,
וואָס עסן א באָרשט נישט פאַרווייסטן מיט פּיסנע קאַרטאָפליעס, —
ביים פּריצ׳ישן טיש איז פאַר בעטלער אַזעלכע קיין אָרט נישט,
ס'פאַרשאַפט זיי שוין כבוד געניג, ווען זיי שטייען ביים אויוון
און ציען די לאַפּטיעס אַראָפּ און דאָס היטל אין לעכער...
אייך זאָל עס נישט קרענקען, ווען ס'חוזקט פון אייך דער מנוול.
ער גרייסט זיך, קאָן זיין, מיטן סעדהוט, דערוואָרבן דורך גנבה,
קאָן זיין זיינע רייכטימער זענען — יתומישע טרערן,
אַלמנהשע זיפצן, וואָס פליען טאָג-טעגלעך צום הימל!...
דער מאַן, וועלכער האַנדלט, ווי ס'פּאַסט זיך פאַר מענטשן פאַר פיינע,
איז חשובער פיל פון ז׳י הערן, געווינטע צו גאווה!

וואַרשע. דעצעמבער, 1955

די סעודה פֿונעם פֿוקס און דעם זשוראַוו

אַ פֿוקס האָט אײנמאָל אויף געיעג אַ זשוראַוו אָנגעטראָפֿן:
— גוטמאָרגן, גוטערברודער! זאָג, וואָס מאַכט דײַן אשת־חיל?
ווי פֿילן זיך די קינדער אין דער נעסט דער וואַרעם־ליבער?
און דו אַלײן? צי ביסטו צום געיעג מסוגל, ווי אַמאָל נאָך?
און זײַ נישט, ברודער, בײז, אויב כ׳וועל דיר טאָן אַ פֿעטטן זידל!
אַזױפֿיל צײַט איז שוין פֿאַרבײַ, און דו האָסט נישט באַוויליקט
קײן אײן מאָל מיך באַזוכן... ביסט אַ גדלניק געוואָרן,
טאָגטעגלעך וואַגלענדיק, און פֿרעש פֿאַרשלינגענדיק אָן מספּר,
און פֿאַנגענדיק אָן איבערער זשאַבעס אין דער גאַנצער געגנט!
איז פֿײַן אַזױ, איך פֿרעג, אַ פֿרײַנד אַ שכן צו פֿאַרגעסן?!
— מיר דאַכט, — דער זשוראַוו ענטפֿערט — איך בין שולדיק אויף אַן אמת!

דו ווייסט אַלײן, ווי שווער ס׳קומט אָן זיך אײַנצושאַפֿן עסן,
הערציגע קינדער, האָדעווען און, חוץ דעם, תּמיד וואַכיק
פֿאַרהיטן זײ פֿאַר די פֿאַרשאָלטענע רשעים — קאָרשונס!... —
אויף פֿאַלשקײט פֿוקסישער דער זשוראַוו איז געווען אַ מבֿין.
נאָר צוגעשטאַנען איז דער פֿוקס, פֿאַרבעטן אויף אַ מיטיק,
און ס׳איז דער זשוראַוו אין אַ וואָך אַרום צו אים געפֿלױגן.
דער פֿוקס איז אים מיט חניפֿהדיקע רייד מקבל־פּנים:
— זײַ האַרציק, ברודער, מיר באַגריסט אין מײַן באַשײדן ווינקל!
באַוויליק זיך אַראָפּצולאָזן אין מײַן נאָרע, ביטע,
און נעם זײַ טועם פֿון מײַן כּיבוד, צודערלאַנגט פֿון האַרצן! —
און אָנגעשאָטן אויף אַ שטיקל קאָרע דאַרע גרויפּן,
דער פֿוקס נעמט אויסלײבן דאָס מאכל פֿאַרן זשוראַוו.

— עס־עס, מײַן ברודער; כ׳װעל דיר נאָך װאָס עפּעס צודערלאַנגען. —
האָט אָפּגעזאָגט, זיך אײַלנדיק ער לױפֿט אַרױס פֿון נאָרע,
קלײַבט אָן אַ הױפֿן פֿױלע בײנער, טראָגט זײ צו צום זשעראַװ:
— אָט האָב איך אױך אַ שטיקל פֿלײש געשמאַקס פֿאַר דיר געקריגן! —
דערזען אַזאַ מין שמד־שטיק, רופֿט זיך אָפּ צו אים דער זשעראַװ:
— איך בין דיר פֿאַרן כּבֿוד, ברודער, זײער־זײער דאַנקבאַר,
נאָר עפּעס בין איך נישט מיט אַלעמען... אױ, לאַ־עליך,
קאָן זײַן אַ קרענק האָט מיך געכאַפּט — ס׳טוט שטעכן מיר אַלץ אין
האַרצן! —
הערװײַל דעם זשעראַװס אַ באַטראַק קומט אָן אַהער צו פֿליען
און אײַלט דעם באַלעבאָס — די הײם איז שױן אין גרױס דערװאַרטונג.
דער זשעראַװ האָט זיך שנעל געזעגנט און פֿאַרלאָזט די נאָרע,
און זײער אָפֿט דערמאָנט זיך אין דעם פּוקס און אין זײַן כּבֿוד.
נאָר הערט, איך בעט אײַך, װאָס ס׳איז שפּעטער זיך אַמאָל פֿאַרלאָפֿן.
אַרױסבאַגלײט די קינדער, שױן דערװאַקסענע, דער זשעראַװ
דער באַלעבאָס פֿאַררײכט אין נעסט אַ סטערמענגע אין לעכער,
װײַל ס׳איז שױן צײַט אין װײַטן װעג אַרײַן זיך אױסצוקלײַבן.
קומט אָן מיט אַ געלױף דער פּוקס פּחװײַטן אים באַזוכן,
און לױט זײַן שטײגער הײבט ער אָן מיט חניפֿהדיקע װערטער:
— אַך, ברודער־סערדצע, איך געפֿין זיך אין אַ גרױסן נױטפֿאַל,
איך בין הײַנט דרײַ טאָג שױן אױף געװען, און קײן שום טאַלק נישט.
כ׳האָב הײַנט געפּרוּװט זיך אין אַ הינערשטײַג אַרײַנבאַקומען,
מיט קאַטשערעס די באַבעס האָבן מיר צעקלאַפּט די בײנער,
די הינט — צעפּאַסקודזשעט. — אָט זע, צו װאָס כ׳בין איצטער עגלעך,
אַ שטיקל װײדל איז בהרד־נם מיר בלױז פֿאַרבליבן.
דערבאַרעם זיך אױף מיר, איך בעט דיך, װאַרף מיר צו אַ ביסן!... —
דער זשעראַװ דער גוטהאַרציקער ציט אַרױס דעם לאַנגן שנאָבל
און מײַקנט אױס אַ זשאַבע, זאָגנדיק דערבײַ: — אָט האָסטו,
פֿאַרזוך און זאָל דיר װױלבאַקומען אָט דער כּבֿוד מײַנער.

דו, מענטש, זיך לערן אױס דעם ביטערע שװינדלער צו דערקענען,
װאָס מיט פֿאַרצוקערט־קלינגענדיקע רײד פֿאַרדעקט זײַן פֿאַלשקײט,
און האַלדזנדיק דיך האַרציק, צילט ער אױס דײַן יעדן ביסן!
באַזונדערס זײ געװאָרנט פֿאַר אַזעלכע רשעים!

אַזעלכע פוקסן זענען אויף דער וועלט אַ היפּשע צאָל פאַראַנען!
נישט בלויז אין פראָסטן פאָלק די פאַלשע ברואים האָרף מען זוכן!
די קוק זיך צו און הער זיך איין, וואָס ס'טוט זיך אין די הויפן:
מיט פוכיק־ווייכן עק דאָרט גלעט מען טרויער פון יתומים,
און סע באַנעמט דעם אָרעמאַן דער רשעס־רשע בשתיקה.
פאַרגעס אויף אייביק שוין אין פאַלשקייט און אין שווינדלעריי!
און דיינע נאָענטע האָב ליב, ווי ליב דו האָסט זיך גופא.
פאַרלאַנג נישט פאַר דיין נאָענטן, וואָס דיר איז נישט צום האַרצן,
און וואָס סע איז צום האַרצן דיר, פאַרשאַף אויך אים עס האַרציק.
דער פאַלשער פוקס, ווי פונעם משל האָבן מיר דערוווּסט זיך,
דערלאַנגט צום מיטיק האָט דעם זשוראַוו ברייטליך פוילע ביינער.
דער זשוראַוו האָט באַצאָלט אים: אויסגעמייקנט אים אַ זשאַבע.
מיט פאַלשן מיין בלויז האָבן די גנבים וויזיטירט זיך.
נאָר גיב אַ קוק, צי ביידע האָבן נישט די זעלבע טבע:
ווי לייכט סע פליט פון מויל אַרויס „מיין ברודער", „ברודער־סערצע",
און מיט די הענט אין האַרצן גלייך סע טוט אַ זעץ דער תלין.
אַזוי געשעט עס אויף דער ווייסער וועלט, וווּ ס'הערשט דער טייוול,
און צווישן זיינע דינער פאַשעט ער זיין גרויסע הערטע!...
איז קום אַהער, מיין ברודערל, מיין האַרציק־אויסדערוויילטער,
און לאָמיר ליב באַקומען זיך, ווי גוטע וואָרע ברידער.

וואַרשע. דעצעמבער, 1955

ריזשיק אויפֿן יאַריד

ס'איז ריזשיק געלאָפֿן אַמאָל אויפֿן מאַרק נאָך אַ ביסן.
נישט זייענדיק קיינמאָל אין מאַרק נאָך, דער טיפּש געמיינט האָט,
אַז סחורה באַקומט מען אומזיסט אין די טעג פֿון יאַרידים,
און אויסער די הינט וועלן העלפֿן מיט חסד געקאַרמעט.
אַזוי זיך געטראַכט, איז ער מוטיק אַריין אויפֿן מאַרקפּלאַץ
און באַלד זיך אַריינגעריקט צווישן די הענדלער און קרעמער,
ווי עפּעס אַ גאַסט, אויף אַ סעודה גאַנץ העפֿלעך פֿאַרבעטן.
קוקט צו צו די הונדערט, וואָס וועלן מיט אים זיך פֿאַרלויפֿן!
אין אָנהייב ער שטעלט זיך גאָר דרייסט צו אַ הענדלער אין קרעמל,
זיך מאָלנדיק נאָריש געשמאַקפֿולע פֿרישע שפּייזן.
נאָר קוים שטעלט אַ טראָט אויף די טרעפּ ער, גלייך גיט אים דער הענדלער
אַ בענטש מיטן דיקן אַרשין, אַז ער קנוילט זיך צוזאַמען
פֿון ווייטיק, אַזוי ווי אַ הונט, און קוליעט זיך איבער.
נישט ווייט אויפֿן מאַרק זיצט אַ שוסטער מיט לעדערווארג־סחורות
און ליגט די פֿאַרביגייער פֿאַר, ווי געוויינלעך, צו קויפֿן.
„ווי לעדער, ווען פֿלייש זיין" — שטויסט אָן זיך דער נאַרישער כלב,
און וויל אַ פּאָר שטיוול פֿון דאַנען בשתיקה פֿאַרטראָגן,
נאָר קריגט אין געניק מיט אַ הענגל אַזוי, אַז אָן שהיות
אַנטלויפֿט ער מיט קוויטש און געוואַלד צו אַ בעקערס אַ בודקע.
איבער מע איז אים מכבד אויך דאָ מיט אַ שטשאַפּע
אַ גראָבע אין קנעבל, אַז קוים וואָס ער רירט זיך פֿון אָרט שוין.

פֿונדעסטוועגן איז אים, משמעות, נאָך וויניק דער כּיבוד:
ער נעמט זיך אָן מוט און באַשליסט צו באַזוכן אַ קצב,
כּמעט פּאַטראָנעס אפֿשר וועט איינגעבן זיך צו באַקומען.
ער גנבֿעט זיך אונטער בשתיקה, די מאַרדע צעעפֿנט,
אָט איז ער שוין ממש דערלעבן און גרייט זיך אַ שפּרינג טאָן,
נאָר ס'דרימלט נישט אויבעט דער קצב: דעם גנבֿ באַמערקט ער,
און טוט מיט דער האַק אים דעם וויידל אַ פּליק ביי דעם וואָרצל.
אַזוי אַ באַשעונקטער, גייט רײַשיק צוריק פֿונעם יאַרמאַרק.
גאַנץ אָפֿט ער דערמאָנט זיך דעם מאַרק מיט די מאָדנע כּיבודים.

הריינג טיפֿער אַריין אין דעם משל, געשמיסענער גנבֿ!
מ'האָט רײַשיקן אויפֿן יאַריד פֿאַר אַ גנבֿ געהאַלטן,
און לייטיש געבראַכן אַ ביין דעם פֿאַרפֿאַלענעם שוטה!
און ווער, זאָג, איז שולדיק? פֿאַרוואָס איז אויף פֿרעמדס ער געגאַנגען?
וואָס אמת, דער דאָזיקער הונט איז געווען נישט פֿאַרשטאַנדיק,
און נישט פֿאַראַנטוואָרטלעך דערייבער פֿאַר זיינע חטאים.
דער מענטש דער פֿאַרדאַרבענער אָבער, וואָס שאַנט דעם געוויסן,
וואָס רויבט אָן אַן אָפּהאַלט, דער כּיטרער, וואָס טיטשטראָף פֿאַרדינט זיך, —

דער דאָזיקער מענטש, זאָג איך, ווערט איז אַפֿילו די תּליה!
און נאָך עפּעס קאָן מען, וואָס נוצלעך איז, לערנען פֿון משל:
דער שוטה דער הונט איז געלאָפֿן אין מאַרק; ער האָט האָרטן
צו אַלץ, מיט צעעפֿנטן פּיסק, אָן פֿאַרשטאַנד, זיך געטשעפּעט;
געמיינט, אַז אומזיסטיקער פֿרעמד אומעטום איז פֿאַרגרייט אים.
צי האַנדלט דען בעסער פֿון רײַשיק דעם קאָפּ אָן געהירן
דער פֿוילער, הגם ער פֿאַרמאָגט, זאָג איך, מענטשלעכן שכל?
סע זענען פֿיל אומליינט פֿאַראַן, וועלכע לעבן אָן אַרבעט,
נאָר דרייען אַרום זיך און כאַפּן אַריין אַלץ פֿון גרייטן.

גיי אַרבעטן, לאַדער! דיין ברויט זאָלסט פֿאַרדינען זיך ערלעך, —
בלויז דאָס, וואָס אליין דו פֿאַרהאָרעוועסט, האַלט פֿאַר דיין אייגנס!

וואַרשע. יאַנואַר, 1956

פון סיעדע פין

דער האָן און דער אינסעקט

אַ האָן האָט איינמאָל צווישן גרעזעלעך אַנטדעקט
אַ גיפטיקן אינסעקט.
ער טוט זיך אַ צעפעדער און, פון צאָרן אָנגעצונדן,
מיט מוט אַ שפרונג,
אַ פּיק, אַ שלונג —
דער גיפטיקער אינסעקט איז שוין פאַרשוווּנדן.
אַ גאַנדז, אַן עדות פון דער סצענע, האָט,
צעשמייכלט, אים אַ זאָג געטאָן מיט שפּאָט:
— גאַ־גאַ!... וואָלסט, כ'לעבן, מיט אַזאַ געוואַגטקייט קענען
אויך בערג און ימים איבערקערן, צי פאַרברענען!
— וואָס קאָן מען טאָן? —
באַשיידן ענטפערט איר דער האָן —
מיר זענען שוין אַזוינע:
צי גרויס, צי נישטיק — שונא בלייבט אַלץ שונא,
און ס'מוז דאָס רעכט זיינס ווערן אים געטאָן.

וואַרשע, פעברואַר, 1956

אַ מאַלפּעלע פון שטיין

אַ מאַן (האָרט טראַכט זיך צו באַווייזן,
אַז ער פאַר מי איז שטאָל און אײַזן
און גרייט איז אַרבעטן מיט פּליים) —
פון ערגעץ האָט אַ שטיין באַקומען
און האַקן, שלאָגן אים גענומען:
ער וועט באַשאַפן עפּעס נײַם!

ער וועט קיין צײַט נישט קאַרגן, שפּאָרן,
סע מעג אים קאָסטן לאַנגע יאָרן,
ווײַל: אַרבעט מאַכט דאָס לעבן זיס!
ער קלאַפּט און טעמעט — ס'פאַלן שטיקער,
ער בראָקט און היצט זיך, ווי אַ שיכור —
אַ באַרג מיט שטיינדלעך בײַ די פיס.

און נאָך אַ לאַנגער ריי פון יאָרן
איז פונעם שטיין אַ לייט געוואָרן:
ער האַלט אין האַנט מיט שטאָלץ און קוועלט —
אַ מאַלפּעלע פון שטיין, אַ ברעקל,
אַזש ווי אַ פּעטשעמל זײַן עקל,
און וואַרט אויף לויב פון גאָר דער וועלט.

נאָר מענטשן גייען דורך, און — גאָרנישט!
זײַן אויפטו ליבט מען אויף קיין האָר נישט,
אַז קיינער ווערט גאָרנישט פאַרכאַפּט!
ער שאָקלט מיטן קאָפּ: „אַ וועלטל!”
און דורך זײַן לײַב לויפט דורך אַ קעלטל,
און פאַרן שטערן ער זיך טאַפּט...

וואַרשע. פעברואַר, 1956

די שוואַלב און דער וואַנדראָווניק

ס'האָט אַמאָל אַ וואַנדערער אין וועג באַגעגנט
אַ שוואַלב אין פלי. זיין פּנים זיך צעשיינט:
— גוט מאָרגן, פויגל פרייער! — שרייט ער איר אַקעגן. —
ווי גוט דאָס איז זיך טרעפן מיט אַ פריינד!
שטאַפּעט פון פרייהייט,
מבשר דו, אַז דער באַשאַף אָטעמט,
ווען איך דערזע דיך, כאַפּט אַרום מיך פרייד,
מיט שטילן אומעט גלייכצייטיק באַגלייט.
דו ביסט מיין פריינד מיין אייציקער אין לעבן,
ווייל איך בין איינער פון די לייט, וואָס זיי געפעלט
און האָבן מוט זיך אָפּצוזאָגן פון דער וועלט
צוליב אַ העכער שטרעבן:
כדי כ'זאָל ליידן פאַר מיין היימלאַנד אָן אַן עק,
איך האָב אויף תמיד עס פאַרלאָזט און בין אַוועק;
כדי די בענקשאַפט צו דעם לאַנד בסדר שפירן,
כ'וואָלט וועלן, ס'זאָל מיין פוס עס קיינמאָל נישט באַרירן. —
די שוואַלב, אינמיטן פלי געשטערט,
אים ענטפערט טיף פאַרקלערט:
— איך האָב די רייד פון אָט דעם מענטשן נישט צעקייעט.
כ'האָב ליגנערס, משוגעים זעלטן-ווען געהערט.
אים האָט קיין לוין פאַר שקלאַפן-אַרבעט נישט דערנערט,
און גלייב איך, ווען ער זאָגט: „איך דורשט נאָך פרייהייט"!

ס׳איז אַ שאַנד צו זאָגן: „כ׳האָב די מי דערקענט",
בעת מע זיצט זיך מיט פאַרליגטע הענט,
און כלומרשט איז מען גייסטיק שטאַרק פאַרשמייעט!
איך גלייב אים נישט, דעם פּוסטאָנפּאַסניק, ווייל: צי קען
דעם פייערן־פּאָעט דער פּויער גלייבן, ווען
ער האָט קיין דאָרף נאָך פאַר זיין לעבן נישט געזען?!...

וואַרשע, פעברואַר, 1956

פון כריסטאָ ראַדעװסקי

דער װאָלף און דער באָק

אַ באָק איז אָפּגעשטאַנען פון זײן טשערעדע אין גײן.
דערזען זיך אין אַ פרעמדער געגנט, בלײַבט ער שטײן;
איז װאָס? מע קאָן אין װאַלד זיך איצטער לאָזן
און אין דער קילער שטילקײט קײען גראָזן.
װי פלוצעם — אים אַ װאָלף אַנטקעגן:
— גוטמאָרגן, פאַניע באָק! — און נעמט אים זיסלעך פרעגן: —
װאָס מאַכסטו, טײערס, אין געזונט?... ביסט עלנט, נעבעך, װאָס?...
צי האָסטו אין דײן האַרצן עפּעס אַ פאַרדראָס?

עס צאַפּלט זיך דער באָק, זיך שאַרנדיק אויפצוריק.
נאָר ס'נעמט דער װאָלף אַרומגײן אים מיט כיטרע שטיק:
— פאַרלאָז מיך נישט, אָ, לאָמיר, ברודערקע, דאָ זײן אינאײנעם!
װעסט מיך דערקענען, װעסט זען, אַז כ'בין גוט און װױל,
כ'פאַרשאַף נישט קײן שום בײז אין לעבן קײנעם,
כאָטש כ'שם, װער װײסט פאַרװאָס, אַלס שרעקלעכער אַ גרויל.
עס קומט נישט קײן שום פלײש צו מיר אין מויל,
איך שטשיפּע, קײע גראָז מיט אַ האַרץ אַ רײנעם.
מײן טאַטע איז — איך זאָג דעם אמת דיר בסוד,
אַ הונט און חברט זיך מיט פּאַסטעכער אין פעלד און שטאָט.
אויך איך בין צו די װעלף מיט מינדסטער פרײנדשאַפט נישט געבונדן.
זײ רופן מיך פאַרעטער, װאָלטן מיר די פעל געשונדן. —
און מיט אַ טרויערנדיקן אויסגעשרײ — גזלנים!
זײ װאָלטן מיך דערשטיקט!

אויף פּיצלעך מיך צעפּליקט!
און איר, משפּחה מיינע, זענט מיר אויך ווי שונאים!

איז אונדזער באָק געוואָרן שטאַרק געריהרט אויף די געפילן,
און האָט דעם וואָלף געוואָלט טרייסטן שוין פון גוטן ווילן:
— האָט ווער דאָס אַלץ געקאָנט חען וויסן און פאַרשטיין,
אז ביסט אַזעלכער גאָר... אַ פריינד... א ברודער?... לאָמיר גיין
צו אונדזער שטאַל, דו וועסט מיט אונדז צוזאַמען שלאָפן,
מיט אונדז אינאיינעם טרינקען, עסן, נו, און לאָמיר האָפן,
וועסט שליסן פריינדשאַפט מיט פאַלקאָנען, און איך טראַכט —
ביינאַנד וועט שטיין איר אויף חער וואַך ביינאַכט. —

און צו דער טשערעדע זיי לאָזן ביידע זיך געאַרעמט גיין.
עס טראַכט הערביי דער וואָלף זיך ביטערע און געמיין:
„צו וואָס באַגניגן זיך מיט אים אַליין,
ווען פאַר דער גאַנצער טשערעדע פאַרמאָג איך ציין?!...”

נאָר ס'האָט אַ קלוגער פאַסטעך לעם דער טשערעדע געוואַכט,
און ווי עס האָט דער וואָלף זיך נאָר באַוויזן פאַר די אויגן,
אים חתונה געמאַכט, די פעל פון אים אַראָפּגעצויגן,
און אויך דעם באָק-פאַרעטער, וועלכער האָט אים שטות געבראַכט
דעם שונא צו דער היים, האָט ער באַשטראָפט אַזוי,
ווי ער האָט זיך פאַרדינט געטריי.

וואַרשע. יולי, 1954

דער לייב און דער כאַמעלעאָן

דער לייב האָט זיך געזעצט אין קאַבינעט, צעלייגט.
דער לאַקיי בילמאַן קומט אַריין און זיך פאַרנייגט:
— צום הונדערטסטן שוין מאָל דאָ וואַרט דער כאַמעל׳אָן,
איר זאָלט אים, הערשער, אויפנעמען; וואָס דאַרף איך טאָן?

פון זינט דער לייב געדענקט זיך, קאָן מען זאָגן,
ער קאָן אים נישט, דעם כאַמ...ל׳עאָן, פאַרטראָגן.
ער טרייסלט מיט דער גריווע, ברילט פאַרביסן,
מיט עקל זיך פאַרקרימט און טוט צו וויסן:

— דערקלער אים, כ׳נעם נישט אויף, איך בין פאַרנומען,
און זאָל ער זאָגן דיר — נאָך וואָס געקומען. —
בילט נאָכאַמאָל דער לאַקיי, חניפהדיק צערעדט:
— ער איז געקומען מיט אַ פרעכטיקן בוקעט.

דער לייב איז עטיש־שטרענג: —ביי קיין שום אופן!
עס וועט מיך זיין בוקעט נישט אונטערקויפן! —
נאָר ווייכער ווערט דערביי זיין טאָן דער שטרענגער:
— נו, מילא... אויף אַ רגע בלויז. נישט לענגער.

און ווי עס טוט די טיר אָן עפן אויף זיך ברייט,
דער גאַסט אין קאַבינעט אַקעגן לייב שוין שטייט:
אין האַנט — אַ פראַכט אַ וואַזע, און פון איר עס רעדט
מיט רייצנדיקע בונטע פאַרבן אַ בוקעט.

אַ שמייכל שמעלצט זיך אויפֿן פּנים פֿונעם גאַסט:
— זייט מוחל, אויב כ'וועל רעדן עזות, נישט ווי ס'פּאַסט,
דערלויבט מיר זאָגן: כ'בין פֿון אייער שטים אַנטציקט,
און אייער גריוועס גלעט די אויגן און דערקוויקט.

— בקיצור! — אומגעדולדיק טוט דער לייב אַ מאַך.
— איך האָב דאָ... פֿאַר דער לייבין... אַ בוקעט געבראַכט.
איר שיינקייט איז אַ נחת צו באַשויען,
נישטאָ צו איר קיין גלייכן צווישן פֿרויען...

דער לייב איז שטרענג — אַזאַ איז נישט צו בייגן!
די לאַפּע אַבער צום בוקעט ער טוט אַ שטרעק.
עס טוט דער גאַסט אַ כאַפּ זי און אַ קוש אַ לעק
און ווייטער ברומלדיק, ווי אים איז אייגן:

— און ענדלעך ס'לייבעלע — ס'איז ממש אַן אַנטיק,
אַ וווּנדערקינד, וואָס רעד איך? ניין — מיט גאָר אַ שטיק!
און קאָן דען אַנדערש זיין אַ לייבן־שפּראָצלינג, ווען
זיין פֿאָטער איז אַזאַ ווי איר? ווי דען?!

דערהערט די רייד, מיט חניפֿהדיקן טאָן פֿאַרזיסט,
האַלט מער דער לייב נישט אויס, און גינציק אים באַגריסט.
און אָט אַזוי דער צביעותדיקער נישטיק
פֿאַרבעטן ווערט לסוף צום לייב אויף פֿרישטיק.

וואַרשע. אויגוסט, 1954

דער וואָלף און דער הירש

עס איז אַ וואָלף אַ הירש אַרויפֿגעשפּרונגען אויפֿן רוקן,
זיך איינגעביסן מיט די שטורעמציין אין זיין האַלדז — פֿאַרצוקן!
נאָר מיט די לעצטע כּוחות איז דער הירש געלאָפֿן —
וואָס ווייטער, שטאַרקער אַלץ געציטערט האָט אויף אים די הויט,
דערפֿילנדיק ווי נאָענט ס'איז דער טויט, —
און דאָך אַרויסצורייסן זיך נישט אויפֿגעהערט צו האָפֿן.
דער וואָלף איז מיט די נעגל — שטאָל, אַריין אים אין די זייטן,
און האָט מיט שפּאָט און חוזק איצט גענומען אויף אים רייטן:
— כיע-כע! ביסטו אַ שוטה, ווי אין פּסוק שטייט!
אומזיסט דיין ווידערשטאַנד, זיי וויסן!
נאָר איך בין גוט און אָרנטלעך, איז בין איך גרייט
מיט דיר אַן אָפּמאַך אַט אַזעלכן שליסן:
מיר ווערן משותּפֿים, ברידערלעך אין אונדזערע געפֿילן,
אַז דו פֿאַרפֿליכטעסט זיך אויס פֿרייען ווילן,
מיר צוצושטעלן יעדן טאָג צוויי ליטער פֿון דיין בלוט.
ביים דאָזיקן באַדינג וועט תּמיד אַלץ זיין גוט —
ס'וועט צווישן אונדז אַנטשטיין אַן אייביקע און וואַרע פֿריינדשאַפֿט,
נישט בלויז אַ ווייליקע און לויזע קאָנטשאַפֿט!
דיין אָפּזאָג אָבער צו דערפֿילן אַט דעם טאַט
וועל איך באַטראַכטן פֿאַר פֿאַראַט!

דעם הירש האָט דאָ אַ קלעם געטאָן די שרעק אַזוי,
אַז תּיכּף הייבט ער אָן די אונטערהאַנדלונגען. אַז ווי און אוי! —
ס'באַהאַלטן דאָך די הערנער זיינע, ריזיקע ווי צווייגן,

אַ גרויסע קראַפט אין זיך, — איז ווען
ער וואָלט די מוסקלען אָנשטרענגען מיט ברען
און מעכטיק טאָן א וואָרף זיך, וואָלט ער איבערצייגן,
אַז אויך דעם וואָלף חעם ווילדן מיטן חוצפּהדיקן מויל
אימשטאַנד איז ער אָוועקצופטורן אין איין מינוט.

ווי טוט מען זיך אַן עצה אין אַזאַ מין צרה —
מיט גוטע פריינד אַזעלכע? שכל, העלף!
די עצה איז אַ פּשוטע און וואָרע:
נישט שרעקן זיך פאַר וועלף.

וואַרשע. יולי, 1954

פון האַנס בּרוּק

די לאַם, דאָס אייזעלע און די סאָווע

אַנומלטן, פֿאַרזאַמלט זיך אין וואַלד, אין שאָטן,
די חיות האָבּן זיך בּאַראָטן,
ווי ווערט מען פּטור פֿונעם לייבּס רעגירן — סטאָפּ!?
— מע־מוע! מע מוז זיך דאָס אַרויסשלאָגן פֿון קאָפּ! —
האָט ציטעריק אַ לאַם צעמעקעט זיך — מיר זענען
צו שוואַך, מיר זאָלן זיך דערצו גאָר נעמען.
— פֿאַרוואָס?! — האָט אָפּגערופֿן זיך אַ סאָווע פֿון אַ צווייג —
איר קאָנט אויך אים, דעם לייבּ, אַרויסשטעלן אַ פֿייג!
אייך אַלע גובר זיין ער וועט נישט קענען,
ס'איז נייטיק בּלויז — זיך האַלטן איינס!
— ס'איז אפשר אמת — האָט אַן אייזעלע אַ קליינס
זיך אָפּגערופֿן און געציקלט מיטן וויידל —
נאָר פּאַסט אַזוי צו האַנדלען? איז עס איידל!
סע איז נישט שיין!
צום שכל דאַרף מען רעדן, געבּן צו פֿאַרשטיין,
מיט רייד מיט ווייכע, בּעטנדיקע, אים דערפֿירן,
דעם לייבּ, ער זאָל אונדז לייטישער טראַקטירן.
— פֿון וועמען האָסטו דאָס די חכמה, אייזעלע, געגנאַשט? —
אַ פֿרעג געטאָן האָט דעם די סאָווע בּלומרשט איבּעראַשט.
דאָס אייזעלע פֿאַרריסן: — פֿון אַן אייזל, פֿון אַ גרויסן! —
די סאָווע: — יאָ, איך האָבּ בּאַצייטנס זיך עס אָנגעשטויסן.

וואַרשע. סעפּטעמבּער, 1954

אײגענע משלים

דער אייזל דער בעל־זכרון

פאַרשטויבטע ספרים ידישע, באַבערדיקטע, דערציילן
מיט פשטות גלויביקער אַ וונדערלעכע זאַך:
דער מלך שלמה האָט געקענט די שפּראַך
פון אַלע חיות, עופות און פאַרשטאַנען אויסצושיילן
פון זײַנע שמועסן מיט זיי אַ סך
פאַרנונפט און וויזהייט. און ער פלעגט זיך טיילן
מיט גאַר זײַן חכמה מיטן פאָלק.
(עס טרעפט זיך דאָך אַ מלך אויך, וואָס מלכט מיט אַ טאָלק).
עס זענען בײַ דעם מלך, ווי אין נוחס תיבה,
די שטאַלן פול געווען מיט חיות, עופות בלעריליי,
פון יעדן מין צו צוויי —
אַ זכר און, נאַטירלעך, אַ נקבה.
און ס'איז פון יעדן מין געווען דאָס רוב
נישט סתם אַ חיה אָדער עוף,
נאָר יענע, וועלכע צייכענען זיך אויס מיט מעלות,
וואָס ברענגען לײַט אַרײַנעט אין התפעלות.
למשל, — דאָס האָט מיר דערציילט אַן אַלטער רב, —
דער אייזל (צי די אייזלטע — געדענקט ער נישט אויף זיכער,
נאָר מיינען מיינט ער, אַז דער זכר גיכער)
האָט אויסגעצייכנט זיך מיט זײַן זכרון, אַז...!
נו, ס'איז געווען... נו, פלאַר־פּלאַים!
אַזאַ זכרון האָבן סיידן נאָר קנאַים!
פאַנאַטיקער... ווי זאָגט מען עס בלע"ז*?

---

* בילאָז — דאָ — וועלטלעך לשון.

איז איינמאָל טוט דער מלך אַ פּרוביר אים:
— קום, אייזל בעל־זכרון, מיט דיין האָר שפּאַצירן,
וועסט הערן פון אַ סאָלאָווייטשיקל מיין שיר־השירים.
— דיין שיר־השירים, האַ, — ער ענטפערט תיכף־ומיד —
געדענק איך אויסנווייניק... „שיר־השירים... ישקני..״ —
און ער הירזשעט אויס אַזוי־אַ בלאַט נאָך בלאַט —
וואָס טויג עס מיר געניסן פון אַ כלי־שני?! * ׳
— וואָס הייסט? — פאַרוואונדערט זיך דער מלך: ער
איז דאָך, ווי מענטשן שמועסן, חער שענסטער זינגער!
ווי האָניק איז זיין שירה פאַר אַ רעכטן געהער!
— איך הער, — צעהירזשעט זיך חער אייזל — כ׳הער.
איך וויים דאָרט, וואָס עס דרייען מענטשן מיט די צינגער!
כ׳געדענק —
ער זינגט אַ קרענק!
איך האָב מיט צוואַנציק יאָר צוריק געהערט אים זינגען,
און איך געדענק דעם איינדרוק, וואָס ער האָט אויף מיר געמאַכט —
ס׳האָט ער געציקלט זיך, און איך האָב הויך געלאַכט. —
„דערפון — האָט אומעטיק געטראַכט דער מלך — איז צו דרינגען:
דער בעסטער כשרון** ברענגט נישט גאָרנישט איין,
ווען ביי אַ חמור שטייט ער איין״.

---

* קיילע שייני — צווייטע כלי.

** קישרן — טאַלענט, פעיקייט.

די ווידוי אין וואַלד

אין וואַלד איז פֿאַרלאָפֿן אַ נייעס:
דער לייב רופֿט צונויף די חיות!
און באַלד
צום קיסרס פּאַלאַץ
זיך לאָזן די חיות פֿון אַלע מרחקים אין וואַלד,
ווייל ווער ס׳װעט ניט קומען, דעם ווייסט נישט מיתה־משונה.

דער לייב טוט אַ ברום און דערקלערט:
— איר אַלע פֿאַרזאַמלטע, קינדער מיינע, הערט:
אַנשטאָט מען זאָל איינער דעם צווייטן דערווייזן,
וואָס יעדער געטאָן האָט נישט גוט,
זאָל יעדער אַליין דאָ דערקלערן מיט מוט...
המם... זיינע באַגאַנגענע גרייזן.
אַ בייספּיל זאָל איך זיין פֿאַר אייך, וואָס הייב אָן:
דאָס נעבעכדיקע האָב איך שוין לאַנג געדאַרפֿט טאָן... ---

די חיות — נשתומם, מיט פֿראָסט אין די קנעכל:
„אַ ל יי ן ?!
זיך אָפּשטעלן די פֿעל און אַ נאַקעטע שטיין?!",
און אַלע פֿאַרלירן די קעפּ מיטן שכל.
דער וואַלד ווערט פֿאַרגליווערט און אימהדיק שטיל,
אַזוי ווי אַ שטוב, ווו מע שרייבט אַ צוואה,
און וואַרט... אויף אַ בלוטיקן בריל.

נאָר דאָ שטעלט זיך אויף מיט הכנעה
דער פּוקס פון זיין אָרט
און בעטלט אַ וואָרט.
באַקומען עס, הייבט ער אָן ריידן:
— רבותי, איך בין זיך מתוודה אַצינד,
אויך איך בין נישט ריין פון קיין זינד.
אַנומלטן בין איך געווען... נישט באַשיידן.
די מעשה געשען איז אַזוי:
כ'האָב עטלעכע טעג שוין געהונגערט — פינף טעג, אויב גענוי,
זיך מכין געווען מיט דער וועלט זיך צו שיידן,
איך הרגיל, ווי פּלוצעם — איך בין אין גן־עדן!
וואָס איך האָב געזען דאָרט, איז איצט האָך דערויף נישט די צייט,
נאָר געגנדזעלעך דאָרטן! — פאַרשמעקן די ווייט
און קוקן אייך אָן מיט פאַרשמאַלציקט־פאַרגאַסענע אויגן.
איך פיל, אַז די כוחות מיר ווערן באַנייט,
און — פייל אויסן בויגן
אַ וואָרף זיך אויף איינער פון זיי,
דערשטיקן, דערשטיקן!
מיט בלוט און מיט שמאַלץ זיך דערקוויקן...
נאָר שטיי —
דאָס גליק האָט נישט מער פון אַ רגע געדויערט:
דער הונגער, וואָס האָט אין מיין מאָגן געוואַכט און געלויערט,
האָט באַלד מיך פון חלום צעוועקט,
ווי פריער מיך מאַטערט,
מיך עקט...
צו וואָס זשע אומזיסט דאָרט דאָס געגנדזל געפּטרט?
איצט בין איך זיך מודה און זאָג פאַרן טראָן:
כ'וועל מער אין מיין חלום אַזוינס שוין נישט טאָן!
נישט צאַפּן פון געגנדזלעך אָן נוצן קיין בלוט. —
דער לייב האָט באַוויזן די ציין מיט הנאה:
— ביינאַנד מיט הכנעה
דער בחור האָט מוט! —

די שרעק האָט פֿון וואַלד זיך דערווייטערט;
דער עולם ארום איז צעהייטערט —
ס'איז ווויל און ס'איז גוט!
מע ווייכט שוין דעם סוד, ווי די ווידווי צו... מאַכן.
דער פֿרילעכער העלפֿאַנט בלויז דרייט מיט דער נאָז:
— ס'איז אומעטיק, גראָז־עסער, כאָטש ס'איז צום לאַכן:
דער פֿוקס וועט אויך ווייטער נישט עסן קיין גראָז,
דער לייב וועט אויך ווייטער פֿאַרזוכן דעם שוואַכן.

די דרייסטע וואָראָנע

די זקנה, די וואָראָנע מרת פּינחע,
וואָס איז אַביסינקע שוין אויך אַ בלינדע,
האָט איינמאָל אין איר שוואַכן פלי
דערזען אין זאָאָ־גאָרטן —
אַ וועפּריק, האַכט זיך, הויערט דאָרטן.
און ס'האָט אַ חולשה זי געטאָן אַ צי,
זיך אָפּצושטעלן אויף זיין רוקן.
זי טוט אַ שטרעקן זיך אָן און סאַפּעט שווער,
אַ שטאַרקן שוועב — און ס'איז דערפילט שוין איר באַגער!
נאָר ווי־און־ווינד! דער דבר־אחר איז מסוכן!
איר שוואַכע ראיה האָט זי אָפּגענאַרט — ס'איז גאָר אַ בער!
זי טוט אין פּלאָטערניש אַ קראַקעלע אַ שטאַמל,
די לעצטע כוחות אַ פאַרזאַמל,
אַ פלי, אַ שוועב אַרויף, אַוועק
און צווישן צווייגן אויף אַ דעמב זיך אַ פאַרשטעק,
אויף זיינע העכסטע שטאַקן.
אַ קראָ, וואָס האָט פונדערווייטן צוגעזען די גאַנצע זאַך,
טוט שטיל אין זיך אַריין אַ לאַך
און פרעגט איר תמעוואַטע: — האָסט זיך שטאַרק דערשראָקן?
— דערשראָקן זיך? — איר ענטפערט מרת פּינחע דרייסט —
קיין ביסעלע אַפילו ניט! נאָר, ווייסט,
פאַר אונדזער שנאַבל־נאָז, געוויינט צום חזירס רוקן,
איז אַט דער חיה־רעהם ניט מיגלדיק מסוכן —

איז דאָס אַ ריח־רוע!
איך זאָג דיר –– קרררראַ־אַ־אַ!

ווען ס'וויל פאַר אייך אַ העלדן־ראָל אַ פּחדן שפּילן,
איר וועט די אותיות־רגע פילן:
נישט בלויז אַ פּחדן איז ער — אויך אַ נאַר,
ווי די וואָראָנע פינדע מיט איר קראַ.

ווארשע. דעצעמבער, 1953

דער בער דער „דעמאָקראַט“ און דער חזיר חזירילע

א געוויסער בער, וואָס רופט אַליין זיך — דעמאָקראַט,
האָט אַמאָל פאַרבעטן חיות אויף אַ ראַט;
צווישן זיי אפילו —
דעם באַרוסטן שווין, דער חזיר חזירילע.
שטילערהייט פאַרקרימען חיות מיט די נעז:
„ס'האָט דער שווין דאָך ווייניק דעם מעת־לעת
אויסצוכאַליען זיך אין אַוועדיקע בלאָטעס,
און פון יענע פיינע ריחות שיכור־לוט איז...!“
זאָגט דער פוקס (ער רעדט עס ערנסט, צי ער שפּאַט עס?):
— המם... דער שווין איז לאַנג שוין אין די בלאָטעס נישט קיין תושב;
ס'איז געשען אַ נס —
לעצטנס האָט ער צווישן רישטן בעז
איינגעאָרדנט זיך אַ שמעקעדיקן מושב... —
ווען די רעדע פונעם פוקס
זיך דערקייקלט צו די זומפּן־לוקס,
ווו דער חזיר חזירילע שווער און וואַגיק הערט
און די לופט מיט זיפּצעלעך און קוויטשלעך באַוועגט,
טוט ער אים אַ שמייך פון אָרט:
— הערטס מיין שווייניש שמוציק וואָרט!
אַלץ, וואָס שמעקט, איז אומדערטרעגלעך!
אַלץ, וואָס אַוועקט — זיסלעך־פּעטש!
איך אין רישטן שמעקעדיקן בעז? נישט מעגלעך!
ליגנט! ס'האָט דער פאַלשער פוקס געשפּעט... —

פֿאַט אַזוי האָט חזיר חזירילע ריטשעט,
קוויטשעט,
ביז — ער הייבט זיך אויף און שלעפּט אַוועק זיך אויפֿן ראַט.
ס'האָט דער בער דער דעמאָקראַט
אויפֿגענומען אים מיט גרויס פֿאַראַד:
— דזשענטלמענער! לאָמיר צומאַכן די פֿענצטער און פֿאַרקלאַפּן —
צופֿיל פֿרישע לופֿט אַהער זאָל נישט אַריין,
ווייל — עס ווינטשט זיך עס נישט אונדזער פּילגערדיקער שווייץ;
אַלע האָבן גלייכע רעכט מיט וואַכער לופֿט צו שנאַפּן... —
דעמאָלט האָט דער פֿוקס זיין שכל דאַ דאַלעבן
אויפֿן אייער שטיל געגעבן
צו פֿאַרשטיין:
— זעכט, ליבער, אויף דער וועלטער
ווערט נישט איטלעכער געשטעלטער;
אונדזער אַלטער בער, דער דעמאָקראַט אָן צוויין,
שמעקט אַליין...
וואַרשע. אַפּריל, 1954

דער מלאך פאלשיעל און די זון

דער מלאך פאלשיעל דערשיינט פארן אייבערשטנס פנים:
— עס גרייסט און עס אכפערט דער וועלטאל דיין נאמען!
— פונוואנען דאס, — פרעגט דער באשעפער אים — קומסטו מיין זון? —
ער ענטפערט — דאס פנים צעקרימט און פארנעפלט די אויגן:
— איך בין צווישן שטערן, געקליידטע אין ליכט־בלענד, געפלויגן
און נאענט דערגרייכט צו דעם ליכט־קוואל — די זון.
— עס שפילט נישט די פרייד פון איר שיין אויף דיין פנים, מיין זון...
צי זינגט נישט איר ליכט אינעם וועלטאל אין אל זיינע עקן?!
— ס'איז וואר, מיין באשעפער, נאר וואס... קומט ארויס הערן דערפון?
איר בלענד באהאלט אויס... כ'האב דערזען אויף איר... פלעקן! —
מיט צארן דער בליק פון באשעפער זיך צינדט:
— ווי טיף ביסטו, מיין מלאך, געפאלן!
זוכסט פלעקן אין קרוינען פון שטראלן.
ווי פאלש ביסט, פאלשיעל! ווער בלינד!
ווער בלינד און פארשווינד!

כ'האב לעצטנס באגעגנט פאלשיעלן צווישן אויטארן,
ער שניידט פון זיי פאסן, די הויט פון זיי שינדט:
א קריטיקער איז דער געפאלענער מלאך געווארן;
אלץ זעט ער, זעט ווייט און זעט טיף און איז — בלינד.

ווארשע. סעפטעמבער, 1954

דער אַלטער הונט

אַן אַלטער הונט, וואָס פֿלעגט פֿון אַלטקייט שוין כּסדר שלאָפֿן,
האָט איינמאָל אויפֿגעכאַפּט זיך און צעבילט זיך זיס.
פֿאַרוווּנדערט זיך אויף אים זיין יונגער פֿריינד: — וואָס איז?
אין שלאָף זיך אָפּגעריסן אויף אַ הורכגייער געוויס.
— געטראָפֿן!
נישט בלויז זיך אָפּגעריסן, טאַקע אויך געטאָן אַ טיפֿן ביס! —
דער אַלטער בילט אים אָפּ מיט פֿרייד פֿאַרריסן —
האָב איך געביסן אים! געביסן! האָו, געביסן!
— באמת, — זאָגט דער יונגער — האָסט שוין גאָרנישט קיין געוויסן!
ווי קאָן מען אַזוי ליגן? זאָג אַליין:
דו האָסט דאָך שוין קיין סימן נישט פֿון ציין!
— אַ קונץ צו האָבן ציין, ווי ידו, און ביסן, —
דער אַלטער נעמט זיך בייזערן און כּעסן —
די פֿרייד נאָר אָן ציין ביים, ווי איך אין שלאָף! —
נישט וויכטיק שוין דער המשך פֿונעם שמועס און זיין סוף.

— צי בעט זיך נישט פֿאַרגלייכן צו דעם אַלטן כּלב — ליסין־מאַנען?
— סיי יאָ, סיין ניין,
ס'איז צווישן זיי פֿונדעסטוועגן אַן אונטערשיד פֿאַראַנען:
דעם לעצטן האָט אַמעריקע אַריינגעשטעלט באַגילדטע ציין.

וואַרשע. פעברואַר, 1955

די זון און די לבנה

— פֿאַרוואָס גייט אויף די זון און זעצט זיך אויף אַ רייטע,
און די לבנה האָט אַ פּנים ווי אַ טויטע? —
האָב איך, אַ קינד, געפֿרעגט דעם אַלטן זיידן מיינעם.
ער האָט געענטפֿערט מיט אַ מעשהלע אַ פֿיינעם, —
איך ווייס? צי האָט ער פֿון דער באָרד עס אויסגעשפּונען,
צי אין דעם שטויב פֿון אַלטע ספֿרים עס געפֿונען:

דער שעפֿער, אין זיין שעפֿערישער שיכּרות ניכטער,
צו קומען האָט באַפֿוילן צוויי הימל־ליכטער
פֿאַר זיין געזיכט. געקומען און צו אים געווענדעט,
זיי האָבן צוגעמאַכט די אויגן בלינד־פֿאַרבלענדעט:
וועמעס ליכט פֿון זייערע לעפֿצן וועט איצט פֿאַלן?
צי וועלן זיי נישט באַלד צעשמעלצן אין זיין שטראַלן?
נאָר ס'איז זיין ווילן נישט געווען אַזאַ. בדממה*
פֿריינטלעך האָט זיין שטים אין דער נשמה:
— צי זענט איר פֿון דער דינסט צופֿרידן, קינדער מיינע?
צי טונקלט נישט אין אייער האַרץ אַ פֿלעק — אַ טענה?
— צופֿרידן! גליקלעך, שטראַלדיקער פֿאָטער, ריכטער! —
צעציטערן זיך אין זיין ווייסן בלענד די ליכטער,
צעפֿליען זיך מיט ווידערשיין פֿון זייערע פֿלאַמען,
און פֿליען צוריק, און בלייבן שטיין פֿאַר אים צוזאַמען.

---

* שטיל=שטיל.

סע נעמט זיי דורך דעם שטעכעדיקן בליק, אַ מילדער, צאַרטער,
ער פרעגט אַן וואָרט, מיט ליכט, און נאָך אויף עפּעס וואַרט ער.
און דעמאָלט האָט די זון גענומען זיך אַ צעציטערן:
— איך האָב... פּאַרדאָן... מיט דיין דערלויבעניש, געביטער...
איך וואָלט דאָך קענען דעם מעת־לעת העם גאַנצן שיינען...
די שטערן, די לבֿנה... מיין איך.. איבעריק זיינען... —
דערהערט די רייד, איז די לבֿנה בלייך געוואָרן,
און דער באַשעפער האָט אַ בלענד געטאָן מיט צאָרן:
— וואָלטסט דו פאַרלאַנגט מער מאַכט און ליכט פאַר זיך — נו, מילא.
נאָר אויף אַ פרעמדנס חשבון?! אומפאַרשעמטע כלי!
זאָלסט אייביק און זיך זעצן תמיד אַ צעקלעמטע,
די גאַנצע וועלט זאָל זען דיך אַ רויט־פאַרשעמטע!
דו זאָלסט דעם צווייטנס כבוד שאַנעווען און ליבן. —
און אָט אַזוי איז דאָס אויף אייביק שוין פאַרבליבן.

ס'ווערט רויט־פאַרשעמט די זון. נישט דו אָבער, קאָלעגע,
וואָס קוקסט אויף זיך, ווי אויף אַ זון אַ יעדע רגע,
און קאָנסט קיין צווייטן לעבן זיך נישט דולדן, קיינעם.
אויך הערנדיק מיין משל, וועסטו נישט פאַרשטיין אים,
און נישט פאַררויטלען זיך. איך זאָג דיר: באמונה,
אויף דיר — דער זון דעם שוטה — איז מיר אַ רחמנות.

וואַרשע, פעברואַר־מאַי, 1955

דערווילדער באַרנבוים

אין סעודער הענגען שווער אַראָפּ די צווייגן.
נישט מחמת אומעט, אדרבא, צוליב פרייד:
די פרוכט, און אויבגעצייטיקטע, נעמט שטייגן
אַראָפּ צום באָדן שווערערהייט.
ס'האָט זי די צווייגן צו דער ערד אַראָפּגעבויגן:
„געווען צו זהנשיין זיך געצויגן!
איך האָב באַקומען פאַרבן, זאַפטן, און —
איך וויל פאַרכישופן דעם מענטשנס אויגן,
דערפילן, ווי איך ווער פון אים געזויגן
און שטראַל צערייַן אין זיין געמיט די זון!"
אין שכנות מיט אַ באַר, אויף באָדן קוואַרן,
געוואַקסן איז אַ ווילדער בוים מיט באַרן
אַזעלכע גרינע, גרין ווי גראָז,
אַזעלכע האַרטע, האַרט ווי גלאָז.
האָט איינמאָל ער געהערט שעפּטשען איבער ווינט:
— נו, וואָס...

ווען ס'וואָלטן מיך, ווי יענע ביימער, מענטשן ליבן
און מיטנעמען אין מיר דעם גלויבן
אין זיך און אין מיין שעפֿערישער קראַפט,
זיי וואָלטן זיך געוויס דערהאַרן:
אויך איך וואָלט זיי באַשענקט מיט באַרן
פֿול אָנגעגאָסענע מיט זיסן זאַפֿט,
צעשמייכלטע מיט שימער און קאָלירן!

— דו האָסט אַ טעות — האָבן זיך גענומען רירן
די בלאַסע גרעזלעך אונטער אים —
עס מאַכט נישט שפּעטער קיין לעבעדיקע שטים,
ווי ס׳קאָן קיין טאָדלענדיקע שטים נישט ברענגען שאָדן —
נעם ראשית־חכמה און פאַרטריַיב דיין באָדן...

איך קאָן אַ באַרנבוים אַזאַ... אָן אָדון,
וואָס זיצט פאַרליגט די הענט און פויל קוקט אויס,
אַ פרעמדע זאָל אים מינטערן צו גיין פאַרויס.
צו אים דער משל לאָזט זיך נמשל אַדרעסירן:
מיט אַרבעט פלאַסטער אויס דיין וועג צום אַוואַנסירן.

וואַרשע. נאָוועמבער, 1954

רב שועל־פוקס דער רודף־שלום

I

רב שועל־פוקס דער רודף־שלום און דער אָקס

רב שועל־פוקסן מיט די שטילע, ווייכע רייד
עס קאָנען און דעם וואַלד שוין אַלע, קינד און קייט;
ס'האָט קיינער נישט געזען זיך בייזערן אַמאָל אים:
אַז תמיד מיט אַ שמייכל, בלוימלדיק ער רעדט,
און ווו אַן עוולה — ער פאַרענטפערט און פאַרגלייכט, —
איז רופט מען אים דעריבער „רב שועל־פוקס דער רודף־שלום".
צערעדט זיך אַמאָל דער אָקס: — אַז וויי־און־ווינד!
דוב־בער האָט מיר פאַרצוקט מיין ווייב צוזאַמען מיטן קינד —
אַ טראַגעדיקע זי באַפאַלן און צעריסן! —
זיפצט אָפּ רב שועל־פוקס: — אַזאַ באַטעמטן טריפהן ביסן!...
צוריק אָבער באַקלערט (עס קלערט אַן אָקס דאָך אויך):
אַן אשת־איש דיין ווייבל (אַ גן־עדן איר אַ זיכן!) —
וועט קוקן דען רב דוב דער פרומער אויף איר בויך?
אַז זי איז קעלביק גאָר, פּגוואַלטן זאָל ער וויסן?
— כ'וועל דורסן! — פון ווייטיק שרייט דער אָקס. — ער, לאָז צורו!
איך ראָט דיר, צו מלחמה־מיטלען זיך נישט ווענדן.
צי ווילסטו דען דעם אַנדענק פון דיין אשת־חיל שענדן?
אַזוי איז שוין דאָס לעבן... טרייסט זיך מיט אַ צווייטער קו,
און... גלייב מיר, ס'וועט נישט איין קאַלב נאָך אַרויס פון דיינע לענדן!
ווייל דער יסוד פון לעבן איז דער שלום... דו פאַרשטייסט? — —
דער אָקס די הערנער לאָזט אַראָפּ, און, כאָטש נאָך אַלץ צעבייזט,
דער אָבער איז אַ ביסל שוין, אַ ביסעלע געטרייסט.

II

רב שועל־פוקס דער רודף־שלום און די פאַרווונדעטע טויב

פון וואָס זשע לעבט רב שועל־פוקס חוץ פרומער און דער גוטער,
אויב תמיד און אַזויפיל פאַרן שלום טוט ער?
אויף זיכער — נישט פון בלוט, חלילה, נישט פון רויב;
ס'איז גאָט זיין פאָטער, די נאַטור זיין מוטער —
זיי שפייזן מיט אַ גרעזל אים, מיט פּוילעכץ, צו מיט שטויב...
האָט עמעצער געזען אַמאָל אים עסן באַפאַלן?
אַנומלט — די פּאַליאַנקע איז אַדורכגעוועבט מיט שטראַלן,
עס פירט רב שועל־פוקס אַ שמועס אין אַ קרייז פון פריינד —
צעשווידערט זיך דער וואַלד פון ביקסן־קנאַלן.
„מלחמה! — ציטערן די חיות — צווישן פיינט...”
רב שועל־פוקס פאַרגלאָצט די אויגן... זעט ער: אויבן
אַ טשאַטע ווייסע טויבן,
און אויגע — ווי אַ זילבער־שטראַל,
אין וואַלד אַראָפּ אַ פאַל.
רב שועל־פוקס שפּרינגט אויף און הענדעם־פענדעם טראָגט זיך
אַהין, צו דער געפאַלענער, וואָס וואַרט אויף הילף, אויף טרייסט...
ווער ווייסט, צי לעבט זי נאָך? איין גאָט אין הימל ווייסט!
זי לעבט! און מיט די פליגעלעך אין באָדן שלאָגט זיך,
דאָס בלוט פון וווּנד טריפט טראָפּנווייז, טריפט אויס,
די טענות קעגן מערדער זיפצט זי קוים אַרויס.
רב שועל־פוקס, דער שטענדיקער סניגור,
וויל אָנהייבן דעם מערדערס שולד פאַרגלעטן, ווי זיין שטייגער,
און רודף־שלומען. נאָר זע... זי זענען דאָך אַליין —

פאַר וועמען זיך דאָ אויספּיינען? צי וואָס דאָס ברייען?
און ס'קאָן נאָך אָנטראָגן דעם מאַן מיט דעם כלי־זין!
דער רודף־שלום טוט אַ כאַפּ דעם קרבן אויף די ציין
און לויפט מיט אים זיך ערגעץ צו פּאַרטייען;
דעם שווערן וויין „שולד־און־שלום" נעמט ער דאָ צעקייען.
נאָר... נאָכנישט אָפּגעדווישט דעם וואָנץ, דערשפּירט ער: ווײ!... אַ פּלאַם
אין איינגעווייד!... (עס איז די קויל געווען געטונקט אין סם,
און איבער זיינע אברים אַ בראַנד איז זיך צעלאָפן);
דאָס העלע ליכט פון טאָג זיך פינצטערט אין זיין קאָפּ,
און פון די פרומע ליפּן שיילט אַ שאָרך זיך אָפּ:
„מל—ח—מה!... בלוט!..." — די אויגן זיינע האָבן זיך געשלאָסן.

וואַרשע. מערץ, 1955

צוויי שוועסטער ציגן און א וואָלף

צוויי שוועסטער ציגן,
וואָס פלעגן צווישן זיך גאַנץ אָפט זיך קריגן,
ווייל יעדע האָט געהאַט זיך איר כאַראַקטער און געדאַנק,
פאַרבלאָנדזשען איינמאָל, בעת אַ שטאַרק מחלוקת, און פאַרגייען
העט־ווייט, אַזוי, אַז גיין צוריק איז פאָלג מיך שוין אַ גאַנג,
אוןביידע קומען דאָס מאָל צו אַ גלייכער דעה:
„די נאַכט פאַלט צו אָט באַלד,
דאָס פעלד וואַרפט אָן אַן אימה,
איז מוז מען זיך אַריינכאַפּן אין וואַלד
און איבערנעכטיקן, פאַרבאָרגן צווישן ביימער".
נאָר ווי צו זיי! גאָטס שטראָף!
סע האָט זיי נישט דער וואַלד פאַרבאָרגן:
אָנשטאָט דעם ליכטיקן פרימאָרגן
צעוועקט זיי גאָר אַ וואָלף... דער סוף!
צו זייער גליק איז גראָד דער וואָלף געווען אַ זאַטער,
און ס'טרעפט, אַז ס'איז אַזעלכער גאַרנישט אַזוי שלעכט,
און ס'איז די זאַך זיי אָפּגעגאַנגען גלאַטער:
ער האָט זיי נישט פאַרצוקט — באַשטימט זיי בלויז פאַר קנעכט.

זיי האָבן אים געדינט געהאָרכזאַם, און מיט ברען אַפילו
דערפילט איעדן זייך באַפעל.
נאָר ער געווען איז אומצופרידן שוין פון לכתחילה
און האָט געשאָנדן פאַסנוויז פון זיי די פעל:

בײַ ד ע ר איז צו געדיכט דאָס בערדל — „ווי אַ שמאַטע!“
ס׳קוקט ד י אויף אים שוין צופֿיל תמעוואַטע!
האָט ד י געפּליקט פֿון בערדל האָרווײַז זיך די האָר...
און ד י האָט צעפּינטלט מיט די ברעמען...
חערפֿאַר האָט ער זיי אין די ציין געגעבן אַ פּאָרפּאַר:
— אַזאַ מין חוצפּה — פּינטלען!... און אַ בערדל פּליקט מען?... קעמען! —
בקיצור: ער איז זיי חרגאַן די יאָרן טאָג און נאַכט;
געוויינט האָבן די ציגן, ער — געשעמט זיך און... געלאַכט.
זיי האָבן צוגענומען אַלץ פֿאַר ליב: נישטאָ קיין ברירה!
אַרײַנגעפֿאַלן, כּיז מען מראָגן שווייגעוודיק דעם עול;
צי קאָן דען קעמפֿן מיט אַ בלוטזייגער אַ מעלה־גרה?
ס׳ווערט אַלצדינג רעכט, ווען מיטן לעבן גופֿא האַלט עס שמאָל.

נאָר איינמאָל טרעט דער וואָלף אַריבער יעדע גרענעץ —
ער טוט אַ זעץ, אין שלאָף, אין בויך סיי דער, סיי יענער:
— וואָס כראָפּעט איר?! — ער צאָרנט דורך אַ געניעץ —
ווי וואַגט איר צו פֿאַרגרילצן מיין געהער?!
ס׳איז אײַך דערלויבט צו שלאָפֿן, ריכטיק, אָבער מיר צו שטערן?! —
און נאָכאַמאָל אַ זעץ סיי דער, סיי דער אין בויך —
איז אײַך נישט טײַער אײַער רויִקע רוּך?!... —
די ציגן ציטערן און בלאָטיקן מיט טרערן.
זיי מאַכן אָפּ, אַז איינע וואַכט, בעת די צווייטע שלאָפֿט,
און בײַ איר מינדסטן כראָפּעליע —
אַ וועק זי מיט אַ קאָפּעלע... —
און ער, דער גזלן — ווי ער כראָפּעט עס, בעת ער פֿאָפֿט!
און נאָך דערעסענער דאָס לעבן ווערט די ציגן:
מע איז נישט אויסגעשלאָפֿן, תמיד מיד;
און ווידער הייבן אָן די שוועסטער זיך צו קריגן.
די יונגע זאָגט: — געגנוג פֿאַר אים געקניִט!
מע דאַרף זיך ווערן! —
די עלטערע שפּאַרט איבער זי דורך טרערן:
— אַז ס׳איז דער שונא שטאַרק,
בייג, שוועסטערקע, דעם קאַרק!

ביז איינמאָל, אין אַ פעלדזן־געגנט,
גענומען האָט צו זייער פּיין אַ סוף:
די ציג די עלטערע האָט, אומגעזעגנט,
אַליין זיך צוגעטיילט אַ שטראָף —
דאָס לעבן זיך גענומען:
אַראָפּגעוואָרפן פון אַ פעלדז זיך און איז אומגעקומען.
און הערמלט האָט די יונגע שטיל געטאָן אַ זאָג:
— אויב שטאַרבן, איז צוזאַמען מיטן שונא שטאַרבן!
בשותּפות אונדזער בלוט דעם באָדן זאָל באַפאַרבן! —
זי האָט זיך קוים דערוואַרט דעם גרויליקן פאַרטאָג.
ווי נאָר די שטערן האָבן זיך געלאָשן אויפן הימל,
ווי נאָר בלע האָט דער וואָלף געכאַפּט דעם ערשטן דרימל —
אַ שפּרונג! —
אַריינגעהאַקט אים מיטן גאָרן בריענדיקן צאָרן
אין בויך אַריין אַ האָרן,
און ס׳זענען אים די קישקעס באַלד אַרויס. —

וואָס ווייטער איז געוואָרן,
איז נישט באַוווּסט: האָט זיך געראַטעוועט די ציג, צי ניין?
אויב ניין אפילו, איז איר טויט געווען אַ קלוגן, אַ שיינער;
פאַר ציגן איז אַוודאי שווער דאָס צו פאַרשטיין,
נאָר קומען וועט משיחס צייט נאָך, ווען בלע וועלן
אויך זיי, די שוטים, איר פון קעז אַ דענקמאָל שטעלן.

וואַרשע. אויגוסט, 1955

אַ זשאַבע־צווילינג

„אפילו חרב חדה מונחת
על צווארו של אדם אַל יתיאש...“
ברכות, יא, עמוד ב׳.

עס האָט דאָס מעשהלע דערציילט ביי אונדז אין שטוב אַ פּויער,
און ס׳האָט דער עלטערזיידע ברוך צוגעניגט דעם אויער,
ווייל „היילוק, — פּלעגט ער זאָגן — איז די תורה פונעם גוי,
דאָס תבואה־קערנדל הייבט אויף צו אונדז — די זאַנג פון שטרוי...“

אַ זשאַבע־צווילינג
האָט איינמאָל אין אַ שיינעם פרילינג
אַרויסגעטאַנצט פון זומפּ, און איבער טאָרף
אַריינגעטענצלט אין אַ שכנותדיקן דאָרף.
און דאָ — אַ שפּרונג, נאָך זייער אומגעלונגען,
און אין אַ טעפּל סמעטענע אַריינגעשפּרונגען.
אוי־וויי, אַן אומגליק! אוי, אַ צרה אומגעריכט!
אַ פּליסיקייט זאָל זיין אַזוי געדיכט!
ווי קריכט מען דאָ אַרויס? מע וואַרפט זיך הין און הער, און ווידער.
זיי האָבן שוין קיין כוח נישט, און ס׳ציט, עס ציט די גידער.
טראַכט איינע: „דאָס איז שוין דער עק!
דער טויט, ער לויערט אויפן דעק,
און ס׳איז נישטאָ קיין רעטער!
איז וואָס איז שוין דער חילוק — פריער צי שפּעטער?...“

און ווי אַ זעלבסטמערדער זי טוט זיך מיטן קאָפּ
צום דעק אַ לאָז אַראָפּ,
און ווערט דערטרונקען.
די צווייטע אָבער, ביזן מויל פֿאַרזונקען,
זיך טראַכט פֿאַרקערט: „אַ, ניין!
דער טויט וועט קומען סיי־ווי־סיי, אַליין,
איז איבעריק צו אים צו גיין".
און רייסט זיך, וואַרפֿט זיך, קערט אין טאָפּ אַ וועלט מיט אַלע גלידער:
„די הייך גיט לעבן! טויט — די נידער!"
ווי פּלוצעם — וואָס איז דאָ געשען?
זי האָט שוין, ביז אָן רעשט, די כּוחות אויסגעלאָדן,
נאָר זי דערפֿילט, ווי אונטער אירע פֿיסלעך וואָלט געווען
אַ פֿעסטער באָדן!
זי שטייט און וווּנדערט זיך, נו, כ'בעט אייך, זאָגט אַליין:
ווי קאָן מען אויף אַ פֿליסיקייט גאָר שטיין?!
און ס'איז נישטאָ דאָ קיינער, ווער עס זאָל איר זאָגן:
האָסט פֿון דער סמעטענע אַ שטיקל פּוטער אויסגעשלאָגן.

— ס'איז קלאָר דער נמשל, — טוט דער עלטערזיידע זיס אַ קרעכץ —
עס זאָל דער מענטש נישט אויפֿהערן זיך ראַנגלען מיטן שלעכטס;
„אַפֿילו חרב חדה..."* זאָל אים אויפֿן האַלדז שוין ליגן,
ער דאַרף זיך ראַנגלען, און ער וועט דאָס ביז באַזיגן.

וואַרשע. דעצעמבער, 1954

---

* אַפֿילו אַ שאַרפֿע שווערד.

הערשל חייט און יאַסקע פּאַלגע

הערשל חייט, ווי געוויינלעך ס'איז זיין שיר,
מאַכט זיך שבת נאָך דער סעודה זיין שפּאַציר;
זיין כוונה — נישט בלויז פרישע לופט געניסן,
נאָר אויף לייט צו קוקן מיט דער טראַכט אויף זיי,
און צום דריפּלטן שיין מאָל מיט שמייכלען באַשליסן:
„ס'איז דאָס שענסטע אונטער שטעטל מיין געניי!"
גייט ער זיך אַזוי; דאָס אויג, דאָס האַרץ זיינס וואַך איז:
און ער שעפּט זיך אָן מיט פרישער לופט און נחת.
דאָ יאָגט אָן פונהינטן יאַסקע פּאַלגע אים:
— אַ גוט-שבת, הערשל... עך, ווי ס'ברענט די זון!
איצט איז נישט קיין צייט צו מאַכן קיין שפּאַצירן.
כ'קוק אַ בוים מיט שאָטן אויס... אַט דאָרטן... קום. — —
נאָר סע לאָזט זיך הערשל חייט נישט פאַרפירן,
און ער ענטפערט אַף דעם פּאַלגע מיט אַ ברום.
— זע נאָר, — טוט ער באַלד אַ טייטל אַ צעגלימטער —
ווי געפעלט דיר אַט אויף יענעם דער פּאַרניטער?!
אויסגעגאָסן ליגט ער, בעט זיך ממש: „גלעט!",
אַן עבירה שלאָגן זיך אויף אים „על-חטא",
אויסצוקושן יעדעס גליד!... קוק אָן ווי נעט!
אַ? ווי מיינסטו?... — כ'מיין נישט, כ'זע... סע איז מאָדנעט.
— וואָס האָסטו געזאָגט, פּאַלגע, מאָדנעטניק אייטער?!
איך האָב אים געניית! ווי איך סע נייט נישט קיינער!

— אמת, הערשל, ביסט געווען אַ מייסטער... וואָר!
נאָר, אין זיך פאַרגליבט, האָסט אויסגעטאָן די שפּאָרן
און, אָנשטאָט פאָרויס, דו ביסט צוריק פאַרפאָרן —
דו ניסט טאַנצעט שוין נישט דאָס ערשטע יאָר,
און דער פאָלגע — איך — אַ מייסטער איז געוואָרן.

כ׳קאָן אַליין אַזאַ פאַרריסענעם פּאָעט,
וואָס באַגייסטערט זיך און דיכטעוועט טאַנדעט.

וואַרשע. יאַנואַר, 1956

דער סאָלאָוויי און פּעטיעך קריי

ס'פּאַרלירט די מאַכט פֿון וואַלד דעם צוטרוי צו דעם סאָלאָוויי:
פֿאַרדעכטיק־מיסטיש טונקלט זיך אין זיין געזאַנג אַ שאָטן...
צי שלינגט ער נישט צומאָל אַראָפּ אַ טריל, וואָס איז פֿאַרבאָטן —
און ס'וועט באַשטימט: סע זאָל עס רעדאַגירן פּעטיעך קריי.

ווער ווייסט עס נישט, אַז פּעטיעך קריי איז אַ רעדאַקטער,
וואָס רעדאַגירט די נאַכט ביז ס'ווערט פֿון איר אַ ווייסע בלאַט?...
אַז זיינס אַ קריטיש וואָרט איז וואָגיק, נישט געקרייעט גלאַט?
אַז קיינער רעדאַגירט נישט ערלעכער פֿון אים, עקזאַקטער?

זיי נישט, סאָלאָוויי, קיין איינגעשפּאַרטער, זיי נישט גראָב,
זאָלסט אויסהאָרכן מיט קאָפּ, באַנעמען און זיין ווונטש הערפֿילן!
סע זאָל זיך, סאָלאָוויי, אין דיר די גאווה נישט צעשפּילן,
ווייל שטרענג און האַרב וועט זיין דער פּסק: „אַ שלעסל אויפֿן שנאָבל!"

סע וויל דער סאָלאָוויי קיין צהגעשלאָסן מויל נישט האָבן:
אַ פֿרייען שנאָבל האַרף מען דאָך צום עסן־טרינקען אויך...
איז רייסט ער, אויפֿן האַנס באַפֿעל, זיך מיטן גאַנצן כוח
און לאָזט דעם האָן זיין קעלעכל דאָס איידעלע באַגראָבן.

ביז ענדלעך טוט דער האָן אַ טריומפֿירנדיקן קריי:
— ער וועט שוין מער קיין מיסטישע ספּיראַלן נישט פֿאַרדרייען! —

און בײַ די טײַכן אין די װערבעס קלאָגן סאָלאָװײען:
— אַרײַן אַ גילגול פֿון אַ תּרנגול אין סאָלאָװײ...

איך קאָן אַזעלכע הענער, לײַט מיט אָפּיציראַסקי שפּאָרן,
װאָס לערנען דיכטער קרײַען כּשר — צװישן רעדאַקטאָרן.
זאָל זײַן פֿאַרשאָלטן יענע נאַכט, װאָס האָט אַזעלכע געבאָרן!

שרודבאָרוו, יאַנואַר, 1956

א פוקס — א דעמאָקראַטישער פּאָעט

(פּאַראָדיע מיט אַ מוסר־השכל)

— ניין, כ׳לויף נישט אין גערייגן אויף פּועטישע געגנדן!
וואָס פּועט איז האָט דערעסן מיר שוין לאַנג;
געגנוג פאַר מיר אַ ליאַדורער־וואָס־אוץ־יערנין,
מיין מאָגן אָנצופּילן מיט גענאַנג.

מיין האַרץ האָט ליב בלויז אָפּגעמאָגערט פּלייש,
ווען ס׳לייכט זיך הונל דורך דעם דער ווייסער ביין;
כ׳פאַרטראָג נישט פון קיין גאַנדז דעם פעטן „רייש״,
די ווייכקייט פון איר פּלוימער האָסן מיינע ציין.

ווייל שמאַלץ מאַכט פייל, שלעפּט איין אין גייסט דעם מוט,
מאַכט שוואַך און אַלט און זאָגט דעם טויט שוין אָן;
און איך בין יונג נאָך, ס׳לעכצט זיך מיר נאָך בלוט,
נאָך רויטן בלוט, וואָס כוואַליעט ווי אַ פאָן.

כ׳האָב ליב דאָס פּראָסטע פאָלק — די קוואַרע געגנדן,
אין דער געזעלשאַפט כ׳פיל זיך ווי אין הרחיים!
איך כאַפּ מיט זיי אַ שפּיל אין דאָס־אוץ־יערנין,
דערנאָך טו אָפּ זיי זייער רעכט געהיים...

ניין, אויף פּעטיע געענדיז איך לויף נישט אין געווייג,
דערויסן האָט שוין לאַנג מיר, וואָס ס'איז פּעט;
אין פּראָסטן דיכטן לויפן מיינע טעג —
איך בין אַ דעמאָקראַטישער פּאָעט. — —

אַזויראָ זינגט אַ פוקס — און פּעטיע געענדזלעך פרעסט,
און, כ'לעבן, ס'קומט אים צו פון זיי אַ שטיק געזונט.

איר פרעגט: און די מאָראַל? — פאַרשטייט און נישט פאַרגעסט:
אַ פוקס אַ דיכטער — גלייבט אים ווי דעם הונט!

וואַרשע. פעברואַר, 1956

אַ פֿילקאָלירטער פֿלעק

אויפֿן נאַסן אַספֿאַלט האָט צעגלאַנצט זיך אַ פֿלעק,
אַ פֿילפֿאַרביקער פֿלאַם, ווי אַ פּאַווישער עק.

צו די דורכגייער ווינקט ער, און רימט זיך, און רופֿט:
— ס'האָט אַ פֿויגל אַ וווּנדער געקרייזט אין דער לופֿט

און פֿאַרלוירן זיין עק — דאָס בין איך! קוקט מיך אָן!
הייבט מיך אויף און באַצירט מיט מיין שיינקייט אַ פּאָן! —

ווי פֿאַרבלענדט פֿון דער שפּיל פֿון קאָלירייקער שיין,
האָט אַ יאַטל געטאָן זיך צו אים אַ בייג איין,

און נאָך איידער ער האָט מיט דער האַנט אים באַרירט,
אין דעם אָטעם אַ ריח פֿון נאַפֿט ער דערשפּירט...

„...סע האָט טראָפּנס פֿון אים דאָ פֿאַרלוירן אַ פֿאַס...”
און דאָס יאַטל צעלאַכט זיך: „פֿון פֿאַרבן אַ שפּאַס!”

און ער לאָזט זיך גיין ווייטער, צעשמייכלט, צעטאַנצט:
„...ווי אין ביכל: „נישט אַלץ דאָס איז גאָלד, וואָס סע גלאַנצט...”

וואַרשע. מערץ, 1956

דער טויטער סאָלאָוויי און דער שטאָר

דעם אָנדענק פון משה בראָדערזאָן

ווען דער בארימטער סאָלאָוויי איז אומגעריכט געשטאָרבן,
אַ טרויער האָט פאַרהילט דעם וואַלד אַרום;
ס'האָט בוים און גראָז געגליווערט שטום,
און בלעטער האָבן זיך אויף געל געפאָרבן
מיט איינגעהאַלטענעם געזיפץ;
געפלאָסן האָבן ריטשקעלעך, ווי אומעטיק געשריפטס,
צו ברענגען די ידיעה צו דער וועלט דער גאָרער:
„אַן אומגליק איז געשען! אַ ווי אַ וואָרער! —
דער זיסטער זינגער האָט פאַרלאָזט אונדז פאַר דער צייט!”
ס'ע האָבן זיך געקירצט די טעג, די נעכט זיך אויסגעצויגן,
און כמאַרעס האָבן איינגעשרומפן און פאַרשוואַרצט די ווייט;
פיל פייגל זענען זיך פון האַרצווייטיק צעפלויגן.
ווי פלוצעם: — וואָר! ס'איז וואָר! —
צעקרעקעט זיך אַ שטאָר. —
די איידעלע מעלאָדיעס פון מיין רבין
דעם הימל פלעגן גרייכן, אין די רוימען שוועבן,
און ס'פלעגט זיין אויסגעקלונגען־אויסגעשליפן וואָרט...
— כ'לעבן, —
אַ סאָלאָוויטשיק שלאָגט אים איבער אויפן אָרט —
נישט אים דאָך מיינען דיינע שבחים,
נאָר דיך, דיין טעמפּע קעל, איר פאַלשן קלאַנג.
ס'ע וואָלט געווען אַזוי־און־אַך אים,
ווען דו זאָלסט זיין זיין תלמיד אויף געזאַנג.

נו, יאָ, נאָך דעם ווי ס'האָט געזעגנט אים דאָס לעבן,
דו קאָנסט דעם גרויסן זינגער מאַכן פאַר דיין רבין;
געאייניקט מיטן טויט, ביינאַנד
איר קאָנט פאַרשאַפן אים די שאַנד.

און זאָל דער נמשל קומען אויפן ראַנד:
ווען ס'נעמען לויבן גראַפאָמאַנען־שטאָרן
אַ טויטן דיכטער, גייען אויף אין צאָרן
די לעבעדיקע דיכטער, ווי אין בראַנד.

וואַרשע. דעם 25־טן אויגוסט, 1956

משלים אין פראָזע

צוויי לעבנספילאָסאָפיעס

צוויי פאַרשוין, איינער אַ מאָגערער מיט אַ פּעסימיסטישן אָנבליק, דער צווייטער אַ דיקלעכער מיט אַן אָפּטימיסטישן אָנבליק, זענען שטיינגעבליבן און באַטראַכט אַ היפּשן אויסגעפּאַשעטן חזיר.

— קוק אים אָן! — זאָגט זויער דער מיטן פּעסימיסטישן אָנבליק. — אָט־אָט וועט פון אים אַ ריין טאָן דאָס פעטס. וויפל הנאה מע קאָן פון אים האָבן! נאָר וואָס קומט מיר אַרויס דערפון? אַז געניסן וועלן אים אַנדערע.

— איז וואָס? אַ ווילער חזיר. — טוט זיס אַ שמייכל דער מיטן אָפּטימיסטישן אָנבליק, בייגט זיך איבער דער חיה, טוט זי אַ צופּ פאַרן רוקן און גיט צו. — אָט וועל איך האָבן פון אים אַ האָר, אַ דראַטווע צו מאַכן. פון לעבן דאַרף מען געניסן וואָס עס לאָזט זיך און ווי אַזוי עס לאָזט זיך, און צופרידן זיין.

— ווייזט אויס, — זאָגט אָנגעדרודלט דער פּעסימיסט — אַז דאָס טאַקע איז די לעבנס־פילאָזאָפיע פון אָט דעם חזיר: דערפאַר איז ער אַזוי פעט...

— זיי זשע נישט קיין חזיר, — ענטפערט אים גוטמוטיק דער אָפּטימיסט — יעדנפאַלס איז גלייכער צו האָבן צו טאָן מיט אַ פעטן חבר־אחד איידער מיט אַ מאָגערן...

א פריילעכער הויקער

— פאַרוואָס ביסטו אַזוי פריילעך, הויקער?

— ווייל כ׳בין גליקלעך.

— ווער? דו? מיט וואָס?

— דערמיט... וואָס ס׳וואָלט געקאָנט ערגער זיין.

— למשל?

— ווען כ׳זאָל האָבן דעם הויקער פונפאָרנט. און... איך בין אויך גליקלעך דערמיט...

— מיט וואָס נאָך?

— וואָס איך ווייס, אַז די וואָס גייען הינטער מיר האָבן גראַדע מיין הויקער פונפאָרנט און...

— זיי פילן דיר מיט?

— ניין. און ס׳טוט זיי הנאה, וואָס דער הויקער איז אויף פרעמדע פּלייצעס...

פויזע. בייདע שווייגן נאָך.

— איר פאַרשטייט? — צעשמייכלט זיך דער הויקער איראָניש. — נישט בלויז מיט מיין פריילעך פּנים פאַרשאַף איך מענטשן פאַרגעניגן, נאָר אויך מיט מיין טרויעריקן הויקער.

ער צעלאַכט זיך:

— דאָס פאַרשאַפט מיר גליק. איך בין אַ מענטשנפריינד... איר שמייכלט. איך האָב אייך פאַרשאַפט פאַרגעניגן מיט מיין הויקערדיקן שמועס?... איר לאַכט? איז גוט!... א גוטן! אויסער אייך זענען דאָ נאָך מענטשן אויף דער וועלט — מע דאַרף גיין זיי לאַכעדיק מאַכן. א גוטן תמיד!

עקשנים

פּעסימיסט:

— ...אָבער אַפילו דער אָפּטימיזם גופא, מוזסטו דאָך מודה זיין, איז צייטנווייז שעדלעך.

אָפּטימיסט:

— למשל?

פּעסימיסט:

— איינער איז אָפּטימיסטיש, אַז מאָרגן וועט ער זיין געזונט און שטאַרק און קאָנען פאַרענדיקן זיין אַרבעט, וואָס ער טוט איצט נישט גערן. לייגט ער זי אָפּ...

אָפּטימיסט:

— דער אָפּטימיסט איז תמיד פריש און אַרבעטס־גרייט...

פּעסימיסט:

— לאָז אויסרעדן! אויף מאָרגן טרעפט — ער ווערט קראַנק, און צוליב זיין נעכטיקן אָפּטימיזם פירט ער טאַקע זיין אַרבעט נישט אויס.

אָפּטימיסט:

— פאַרקערט, אַפילו דער פּעסימיזם איז צייטנווייז נוצלעך.

פּעסימיסט:

— למשל?

אָפּטימיסט:

— איינער איז פּעסימיסטיש בנוגע דעם מאָרגנדיקן טאָג — אפשר וועט ער מאָרגן קראַנק זיין, אָדער אַן אַנדער סיבה וועט אים שטערן פאַר־

ענדיקן זיין אַרבעט. פֿאַרענדיקט ער זי הערום הײַנט. מאָרגן באַשטעטיקט זיך נישט זיין פּעסימיסטישע פֿאָרויסזעונג, און עס פֿאַרבלייבט אים גענוג צייט צו נעמען זיך פֿאַר אַ נייער אַרבעט.

פּעסימיסט:

— באַרעכטיקסטו דאָך אַליין דעם פּעסימיזם!

אָפּטימיסט:

— יאָ. ווייל דער אָפּטימיזם זאָגט: אין יעדער צרה וואָרצלט עפּעס גוטס.

אַפּלאָדיסמענטן

ער איז געשטאַנען, דער אָראַטאָר, אויף דער בינע און גערעדט. מיט אַלע אבֿרים האָט ער געשפּירט: די מאַסע הערט אים, שלינגט זײַנע ווערטער מיט אָפֿענע מויל־און־אויערן. ער איז געווען מער אַנטציקט פֿון דעם וואָס מע הערט אים אַזוי, ווי פֿון זײַנע רייד. מחמת אַנטציקונג זענען אים די אויגן געווען כמעט ווי געשלאָסן. דורך די פֿאַרזשמורעטע ברעמען האָט ער געזען דעם באַגײַסטערטן עולם, זײַנע צעעפֿנטע אויגן און צעקוועלטע פּנימער. דערפֿאַר זענען זײַנע אויערן, דעם אָראַטאָרס, געווען ברייט צעעפֿנט, ווי טויערן, און האָבן אַרײַנגעלאָזן דעם הייסן רויש פֿון מענטשלעכן אָטעמען און אויפֿגעגנומען פֿון צײַט צו צײַט דאָס שטאַרקע אַפּלאָדירן פֿון הונדערטער הענט.

און אָט האָט ער פֿאַרענדיקט. ס'האָבן אַ הילך געטאָן אַפּלאָדיסמענטן איבער זײַן קאָפּ, ווי אַ דונער.

ער האָט אויפֿגעעפֿנט די אויגן און דערזען:

...ער ליגט בײַ זיך אין שלאָפֿצימער אויף זײַן געלעגער. עס שײַנט שוין אַרײַן דער פֿרימאָרגן. אין דרויסן פֿאָרט פֿאַרבײַ אַ דראָשקע, און די פֿערד קלאַפּן מיט טאַקט אויף די ברוק־שטיינער... המם... דאָס האָבן עס אים אין שלאָף די פֿערד אַפּלאָדירט...

...און וויפֿל זענען דען דאָרט די אַפּלאָדיסמענטן, וואָס ווערן אים צוגעטיילט אויף דער וועלט? — טוט ער אַ טראַכט, און אַ ביטערער־ביטערער שמייכל טוט אַ שפּיל אויף זײַן פּנים.

עפּיגראַמען

עפּיטאַפיע אויף א „דיכטער"

דאָ ליגט אין שטויב און רום באַגראָבן
אַ מאַן פון ווערטער, אָפט געפּאָרט מיט טאַט:
ווען ס'איז אים שווער געווען דאָס האָבן,
האָט ער זיך אויסגעהאָלפן מיט פּלאַגיאַט.

א „גוטער קריטיקער"

ער קריטיקירט בכתב און אויך בעל־פּה,
דינאַמיש שאַפט ער און צעשטערט:
מיט שבחים טריפט זיין טינט פון פּען,
מיט שפּייעכץ שפּריצט זיין מויל פאַרקערט.

א קראַנץ

אינדרייען זיי ליגן אַנידער דעם קראַנץ,
נאָר צווישן זיך זענען זיי אַלע — נישט גאַנץ,
און יעדער דעם צווייטן און דריטן פאַראַכט;
אין אָרון דער בר־מינן שמייכלט פאַרשמאַכט.

א העלד

אין זיינע ווערק היסטאָרישע באַווייזט ער
פון העלדן און פון העלדישקייט דעם אָרעאָל און חן;
ער מאַכט עס, וואָס אַן אמת, ווי אַ מייסטער,
און דאָס פּחדנות לאָזט ער איבער בלויז... פאַר זיך אַליין.

צו א דיכטער

ס'איז אויסגעשלאָסן זאָלסט אַ גרויסער דיכטער זיין!
ווי וואָלט ער, קליינלעך מענטשעלע, געקאָנט אין דיר אַריין?
דערפאַר, ווי הויך אין דיר זאָל שיינען דיין טאַלענט —
אַ קאַרליק וועט צו אים דערלאַנגען מיט די הענט.

רעדאַקטאָר איקסל

רעדאַקטאָר איקסל רעדאַגירט מיט גרויס פאַרשטאַנד —
שטרייכט אויס אַיעדעס וואָרט, וואָס... איז אים נישט באַקאַנט;
דאָס וואָרט איז אים אַ פרעמדס, איז נעמט ער און פאַרשטרייכט —
וואָס גייט אים אָן דער זין, וואָס דורכן וואָרט זיך לייכט.

א שטראָף

דער הראַמענטאַכער איקס, אין זיין הקפדה,
האָט פּעסט באַשלאָסן שטרענג מיך צו באַשטראָפן:
נישט איינצולאַדן מיך אויף דער פּרעמיערע,
זו ב'וואָלט געהאַט דעם נחת... איינצושלאָפן.

דער דיכטער פּאַרטיזאַן

מע רופט אים פּאַמפּעזנאַטיע — "דיכטער־פּאַרטיזאַן":
איר זאָלט בלישון סגי־נהור האָס באַנעמען:
ער שאַפט און שאַפט, און איז... אַ דיכטער־גראַפאָמאַן;
זיין פּאַרטיזאַנישקייט? דער טייוול זאָל עס נעמען!
איר וועט גאַנץ לייכט אַוודאי שוין פאַרשטיין —
דאָס האָט עס אויסגעדיכטעט ער אַליין.

אַ קריטיקער נאָך יענעמס טויט

ער האָט אים פאַר זיין לעבן די חטאים נישט פאַרגינען,
און ער פאַרגינט זיי אים נישט אויך אַצינדער נאָכן טויט.
נאָר איצט, ווען ס'איז זיין מורא שוין פאַר יענעמס אויסגערונען,
ער וועגט זיי עפנטלעך, מיט טרייפקייט, וועגט זיי אויפן לויט...

געוויסן

ווען דעם געוויסן פעלט דאָס ווויסן,
וואָס קאָן מען שוין פון אים געניסן?

אַ גערעכטע טענה

— דו בלוטזויגער! דיין הארץ איז שלעכט און ביטער־גאַל!
וואָס רייסטו מיך אַוועק ביגוואַלד פון לעבנסקוואַל,
און לאָזט מיך נישט האָס ביסל זאַפט געניסן?
זאָל דער באַשעפער ברענגען דיך אויף מיין באַשטאַנד! —
אַזוי געיעלהט האָט... אַ פּיאַווקע צו דער האַנט,
וואָס האָט זי פון דער צווייטער אָפּגעריסן.

א דיכטער מיט א קראַנץ

— דער דיכטער טראָגט אַ קראַנץ, באַרעכן!
— פון לאָרבער?
— נײן, דורכויס פון הערנער.
— ווי אַ מאַרטירער?
— נײן, צו שטעכן
קאָלעגן, ווי אַן אָקס מיט הערנער.

קריטיקער

פאַרוואָס האָט נישט דער קריטיקער א י כ ר י י ם,
וואָס רייסט אַלטסטער קריטיש ממש בערג,
געשריבן וועגן קריטיקער א י כ ב י י ם?
ווײַל גאָר אינגיכן גיט אויך ער אַרויס אַ „ווערק".
און יענער וועט אים קאָנען צאָלן מיט אַ ביס
פאַר יעדן ריס.

א בעל־יושר

— איז יאַנקל דער בעל־יושר טאַקע גוט אַזוי און ווויל,
און וועט זיך מיט קיין עוולה ס'פּנים נישט פאַרשוואַרצן?
ער לאָזט דאָך גאָר דעם יושר נישט אַרויס פון מויל!
— נו, יאָ... ווייל ער פאַרמאָגט אים נישט אין האַרצן.

אן ארורה

פאַרוואָס איז זיך סאָקראַטעס נישט צוגאַנגען מיט זיין ווייב?
ער האָט געוווסט: איר גיפט וועט סיידווי ריזלען אין זיין לייב.

סאַקראַטעסעס שמייכל

קסאַנטיפּע האָט איר מאַן, סאָקראַטעסן, געשטעקט אַ פייג
און פול געמאַכט דאָס הייזל מיט איר שיפּען.
נאָר ער האָט שטיל געשמייכלט צו קסאַנטיפּען:
— דיער פילאָזאָף איז פריי אַפילו מיט אַ שלאַנג אין שטייג.

סאָקראַטעסעס דאַנק

קסאַנטיפּע האָט סאָקראַטעסן אַנגעלט
געטאָן אַ שפּיי אין פּנים: — עקלהאַפטער איינער! —
און ער הערויף, לחלוטין נישט צעטומלט:
— אַ דאַנק. מיר זענען ביידע איצט אַ ביסל ריינער...

ס'אַוועקט...

— ס'אַוועקט! — שרייט ער ווו ער קומט. ער איז זיך טועה:
דאָס פילט זיך פון זיין זויל, וואָס האָט פאַרשלעפּט זיין צואה.

דורך יענעם — זיך

אין יענעמס לויטערקייט דערזעט ער שמוץ און קויטיקייט,
אין יענעמס איידלקייט דערשפּירט ער גראָבהויטיקייט,
אין יענעמס גוטסקייט דערטאַפּט ער
עם-הארצישקייט,
אין יענעמס ערלעכקייט דערשנאַפּט ער
פאַלשע קאַצישקייט, —
קאַפּויער פאַלץ. און גיי און גיב אים צו פאַרשטיין:
דאָס האָט ער דאָך געזען דורך יענעם — זיך אַליין!

פּאָליטיק

ער האַנדלט שליעכט און ווייסט, פֿאַרשטייט אַליין עס,
נאָר ווערט זיך איינגעשעקשנט קעגן דער קריטיק:
— איך מיין... איר מוזט דאָך סוף-כּל-סוף פֿאַרשטיין עס...
(און טוט אַ פּינטל מיט אַן אייגל) פּאָליטיק. —
אַ שוטה! ס'וואָלט געווען זיין קלוגסטע פּאָליטיק:
צו פֿאָלגן בעסער, וואָס סע הייסט אים די קריטיק.

„אַשרי...”

כ'זאָג: „אשרי” — וועל צו יענע לייט, וואָס גלייבן אין השגחה,
און האָבן אַ פֿאַרענטפֿערונג אויף יעדן לומפּס הצלחה.

אַמעריקע איבער אַלעס!

אַמעריקע וועט קיינער שוין נישט איבערשטייגן העכער!
„מאָראַליש” מיין איך... זי פֿאַרנעמט מיט רעכט דעם אויבנאָן:
שוין היינטיקס יאָר פֿאַרמאָגט זי מינדעריעריקע פֿאַרברעכער — אַ מיליאָן!

אויך אַ מענטש

— דו ביסט אַ פּאַרוקע! — זידלט זי דעם מאַן;
די דינסט: — דו שלאַנגעכץ! פּאַשאָל-געגאַן!
דעם קינד, וואָס עסן בעט — און זייט אַ בענטש:
— ווילסט פֿרעסן, חיה? — איך בין אויך אַ מענטש!...

צו בייסן...

וואָס פעלן איר דעם מאַן צו בייסן ציין,
אַז ס'איז גענוג דערויף איר צונג אַליין?!

פון אַ שמועס

— און וויפל, ליבער, האָט די ווערט מיין קוש?
— אַ גאָלדן רענדל זיכער, אויב נישט מיין!
— און אמתדיקס? אַ נאָכגעמאַכטס-געפעלשטס?
— דאָס פרעג, מיין טייערע, ביי זיך אַליין...

ווי ביי עמעצן וואַקסט

ווי אויף הייוון וואַקסט ביי אים די נאָרמע,
אָבער — נישט דורך מי און שכל, נאָר דורך ערמה.
ס'איז די נאָדל ענדלעך שוין אַרויס פון זאַק:
הייוון? נישט אויף הייוון, נאָר אויף בראַק.

עפיטאפיע אויף א פארעטער

פה נטמן... און פון קבר שפירט זיך דאָסיק...
דער גרייסער הייטשער יודע אַלפרעד נאָסיג,
וואָס איז געקומען אומעטום צום פסוק,
און ענדלעך, ווי און וויסט!
אַן עקלהאַפטיקער פאַשיסט,
אין מעשים גלייך ווי אין מחשבות.
תהיה נפשו הארורה
צרורה
בצרור המות!

פאָלקסטימלעכע משלים

געהייליקט שלום עליכמען
דעם גרויסן פאָלקס־שרייבער
צו זיין 40־טער יאָרצייט

די הון, וואָס האָט גענומען קרייען *

— קוואָ־קוואָ — פאַרוואָס? קוואָ־קוואָ — פאַרוואָס? קוואָ־קוואָ — פאַר־וואָס? —

צעקוואָטשקעט זיך אַ הון. — איך בעט אייך זייער,
איז מער ביי אייך דער האָן אין חשיבות, באַלעבאָס?
צי איז מיין לייב נישט אידעלער? און ווער לייגט אייער?
— דערפאַר וואָס ער איז, אשת־חיל, קרייער, —
באַקומט זי באַלד אַ תשובה פונעם באַלעבאָס —
ער וועקט צו חצות,
ווען היינער שלאָפן נאָך אין שלייער,
און איז מבשר יעדן אויפשפּראָץ פון דער זון.
— קוואָ־קוואָ, איז ווייס איך שוין, וואָס כ'האָב צו טון, —
צעפּלאָפּלט זיך אין זיך אַריין די הון —
אַנשטאָט צו לייגן זיך אין ווייען —
זיך אויסלערנען צו קרייען. —
און איינמאָל אין אַ טריבלעכן קאַיאָר
הייבט אָן די הון צו קרייען אויף דער וואָר,
און צו די באַלעבאַטים: — זעט, איך קריי שוין איבער! —
זי דאָ שרייט אויס די באַלעבאָסטע: — שוין צום שוחט!
— אוי־ווי איז מיר! אוי־וויי! —
צעיעלהט זיך די הון און נעמט די פליגל ברעכן —
איז אַנדערש פון דעם האָנס דען מיין געקריי?!
— אוודאי אַנדערש, — זאָגט דער באַלעבאָס — באַרעכן:
פון אים דאָס קרייען קומט ווי אַ געזאַנג, וואָס שאַלט,
און דו — דו קוועטשסט און קוואָטשקעסט עס אַרויס בגוואַלד.

וואַרשע. אָקטאָבער, 1952

---

* לויט אַ פרום־יידישן מנהג טראָגט מען אַזאַ הון אַוועק צום שוחט.

דער העלדישער שניידער

סע איז אַ מעשה פון די צייטן פון די צאַרן,
ווען ס׳האָט געלעבט דאָס פאָלק אין קנעכטשאַפט און אין נויט,
ווען רייכע פליגן גאָלד מיט לאַפּעס־גראַבליעס שאַרן,
און ס׳איז געווען די פּרייז פון מיידל־אומשולד — ברויט.
געקומען איז אַ ייִד אין צירק צו דעם דירעקטאָר,
אַן אויסגעצערטער שניידער, ווי רב צדוקס פייג*:
— כ׳בין גרייט אַריינגיין... — מיט די ליפּן קוים באַוועגט ער —
פאַר פופציק רובל צו אַ טיגער אין דער שטייג...
כ׳בעט בלויז... איר זאָלט מיר מיט אַ לייבנפעל באַזאָרגן,
סע זאָל דער טיגער מיינען — כ׳בין אַ לייב... און שוין...
און אויב איך וועל צעריסן ווערן, זאָלן מאָרגן
מיין ווייב און קינדער קריגן אויסגעצאָלט דעם לוין... —
געפּלעפּט האָט אויסגעהערט אים דער דירעקטאָר,
מיט שמייכלענדיקן שפּאָט אַנטבלויזנדיק די ציין:
„...אַן איינפאַל פון אַ ייִדן! האַ... רחמנות וועקט ער...
מע דאַרף אים העלפן... המם... פאַרדינענדיק אליין...
המם... הויכע פּרייזן... און דער צירק געפּאַקט וועט ווערן...
נאָר ס׳קאָן האַך פאַלן אויף מיין קאָפּ דעם ייִדנס בלוט?...
ווי מאַכט מען דאָס?... מע דאַרף די זאַך גאָר גוט באַקלערן...”
— המם... יאָ... עס גייט. זיי גרייט, און נעם זיך אָן מיט מוט. — —

---

* די פייג, וואָס דער פאַסטנדיקער רב צדוק האָט אויסגעזאָגט, — לויט אַ לע־
גענדע אין תלמוד.

אַזוינס געדענקט גאָר נישט דער עולם דאָ דער היגער,
אין צירק איז פֿאַר קיין שפּילקע שוין קיין פּלאַץ נישטאָ!
אויף דער אַרענע שטייט די שטייג, און איר — דער טיגער;
ס׳וועט באַלד אַרויסקומען דער ייִד... אָט איז ער דאָ!
ער פּרעפּלט עפּעס, ווייס ווי קרייד, ווי גראָז אַ גרינער:
„פֿאַר ווייב און קינדער ס׳לעבן מיינס איך שטעל אין קאָן...״
אַ לייבנפֿעל טראָגט באַלד אים נאָך אַ צירק־באַדינער.
און מיט אַ טויטער ערנסטקייט ער טוט אים אָן...
דער עולם גאַפֿט אָן אָטעם: „אָט אַ ייִד אַ גיבור!
ער האָט אַ לייבנהאַרץ, נישט בלויז אַ לייבס אַ פֿעל!״
מע עפֿנט זיך די שטייג... ער טוט אַ שפּאַן אַריבער
און — „שמע ישראל...!״ רייסט אַרויס זיך פֿון זיין קעל.
באותו־רגע טוט אַ ריטשע אויך דער טיגער
דעם זעלבן פּסוק און פֿאַרענדיקט מיט „אח־ח־חד!״ — — —

דער שניידער קומט אַרויס פֿון שטייג אַ שטאָלצער זיגער
און פּרעפּלט: „בלויז פֿאַר הונדערט קאַרבן... סאַראַ שאָד!...״
נאָר ס׳האָט דער שניידער, אַ צעיאָכמעטער, צעהוסטער,
די גאַנצע פֿופֿציק קאַרבן נישט באַקומען, ניין:
ער האָט געמוזט זיך טיילן מיטן טיגער — יאַנקל שוסטער,
וואָס גאַנץ איז ער אַרויס פֿון זיינע ווילדע ציין...

דער משל ווייזט פֿון אַלטן לעבן האָט פֿאַרדאַרבן פּנים,
און זאָלן אויף זיין קבר קלאָגן די נאַראָנים.

וואַרשע. מערץ, 1956

דער רוסישער צאַר און, להבדיל, דער גאון רב חיים

אַרויס אַ באַפעל איז פון צאַרס קאַבינעט:
דריי גרויסע רבנים, די גרעסטע,
די קלוגסטע גאונים, די בעסטע,
צום צאַר זאָלן קומען — דער צאַר זיי פאַרבעט...
דאָס פאָלק האָט געשראָקן זיך שרעקלעך:
נאָך וויניק די צרות די פּעקלעך
ביז היינט?
ס׳איז אַלץ אים נאָך קאַרגלעך אַפּנים:
ער דאַרשט נאָכן בלוט פון די בעסטע רבנים,
דער פיינט!
דאָס פאָלק זאָל אָן פאַסטעכער בלייבן,
די שעפסעלעך זאָל מען פאַרטרייבן,
חלילה, צום שמד!
ווייל ווער ווייסט דעם צאַר זיך צו שטעלן אַקעגן
שוין הונדערט דערהערגן
אָן עצה־און־ראַט?...
נאָר זיי, די גאונים, אין זאָרג פאַר דער עדה,
געגאַנגען זענען זעלבסט צו דער צווייטער עקידה, --
זיי קומען צום צאַר;
דער צאַר איז גאָר שטרענג, ווי „להרוג ולאבד״,
פונדעסטוועגן איז ער זיי יעדן מכבד —
דערלאַנגט אַ ציגאַר...
ס׳איז הײַנטיקער גראָד שבת געוועזן ביי יידן...
פאַרדריבערן צווייי אין — לפנים צופרידן:

„ס'איז מתיר דער דין...
ס'איז דוחה דעם שבת סכנות-נפשות,
ס'וועט פאלן דער חטא אויפן קאפ אויפן רשעים...
ס'וועט כ'ל'חל זיין גאט זיינע זין..."
נאר זעט! כע פארדייכערט נישט אבער דער דריטער —
רב חיים; ער נעמט דעם ציגאר און אן ציטער
אין וועסטל באהאלט.
— ווי האסטו דערוועגט זיך, דו יידלאק?! — צעשרייט זיך
דער צאר, און די פארב אין דעם פנים זיינס בייט זיך,
און ס'גרוילט זיין געשטאלט. —
נו, ענטפער!...

רב חיים זאגט שטיל, מיט הכנעה:
—אדוני... ווי גרויס וואלט געווען מיין הנאה
צו רייכערן אויך!...
נאר האב איך געקאנט זיך דערלויבן — אין קורצע מינוטן
דעם צארס א מתנה, דעם מלכס דעם גרויסן און גוטן,
אוועקלאזן לייכט מיטן רויך?!...
איך האב זי באהאלטן... כ'וועל אייביק זי היטן מיט צאפל,
ווי ס'היט אפ דער פשוטסטער מענטש פון זיין אויג דעם שווארצאפל... —
דער צאר זיך צעשמייכלט און זאגט אים צולאכט:
— אזוי זאלסטו לערנען געטריי זיין דעם צאר מיינע קינדער
די יידן... ווי איך האב פון דיר זיך געלערנט אצינדער,
אז: חכמה איז שטארקער פון מאכט...

ווארשע. אפריל, 1956

א ציג מיט א וואָלף

I

...און ווען דעם פּריצס האַרץ איז אויסגעגליט פון ווײַן,
דערמאָנט ער זיך, אַז זיס איז אויך זײַן מאָשקעס פּײַן,
און צו דער פרייד פון דער געזעלשאַפט פירט מען אים אַרײַן.
— הער, מאָשקע: האָבסט געפונען חן אין מײַנע אויגן, —
דער פּריץ זאָגט — און פון די פּאַניס, פּאַנעס * דאָ;
איך וויל דיר שענקען אַ געשאַנק (שטייסט פּײַן געבויגן...),
זאָלסט פאַרגעדענקען אַט די מזלדיקע שעה.
באַקומסט פון מיר אַ ציג... זי ווערט געבן געווינען...
איך פּאַשע וועסטו קריגן... דווקא אין אַ וואַג...
קיים וועסטו קאָרגן איר, וועט זײַן צו דיר אַ קלאָג, —
אַ דינער מײַנער וועט דערײַף שוין אַכטונג געבן;
נאָר ס'טאָר דער ציג נישט צוקומען קיין לייט, קיין האָר,
אַזיכט — וועסטו באַצאָלן מיט דײַן ביליק לעבן!
און נאָך אַ חודש איז זי דײַן, ווי גאָט איז וואָר...
מע זאָל נישט זאָגן, אַז ישׂראל איז אין גלות... —
דער ייִד איז בלאַס, און ווי אַ מצה איז זײַן הויט,
נאָר ס'פלאַקערן די אויגן זײַנע, ווי הבדלות.
— איך דאַנק, — ער שעפּטשעט שטיל — פאַר לינדערן מײַן נויט...
— דײַן מאָשקע, — ריטשען פּאַנעס — איז אַ ווילדער בריה!
— דו מעגסט פאַרגרייטן שוין פּאָזוויניעטאָוועגן שריט...

* דאַמען, הערן.

— דו ווייסט מיט אים באַרייכערן אַ מענאַזשעריע... —
די פּאַניס כּאַכען, כיכען, קוויטשען ביז היסטעריע,
און ווי צעדולט פּאַרלאָזט דער ייִד דעם זאַל,
נאָר ערגעץ אין זיין שאַרבן שימערט אויף אַ שטראַל.

II

סע איז אַוועק דער חודש. ווידער איז אַ באַל
ביים פּריץ, און משקאות זיך ווי וואַסער גיסן.
— דעם זשידעק מיט דער ציג! די חיות מיט די בערד! —
פון אַלע זייטן זיך אַ פּאָדערונג דערהערט. —
שוין העכסטע צייט פון דעם ספּעקטאַקל צו געניסן! —
מע פירט אַריין דעם ייִדן מיט דער ציג; אַ וואָג
ברענגט נאָך דער דינער. און ס'באַפעלט דער פּריץ: — זאָג,
ער האָט די ציג, ווי כ'האָב באַפוילן, גוט געפיטערט
און איבער איר געבענטשטער פּאַשע נישט געציטערט?
— ...ער האָט זיך ווי אַ מאַמע טאָג און נאַכט געמיט
(איך האָב פון זיי די אויגן נישט אַוועקגענומען,
באַזונדערס — פון די הענט פון דעם געטרייען ייִד).
נאָר ס'האָט איר, דאַכט זיך מיר, נישט וווילבאַקומען...
— געוויג!... די וואָג וועט זאָגן. נעם און וועג זי אָפּ
געניי. און וועדליק דעם באַקומענעם סך־הכּל
באַקומט דער ייִד: די ציג, צי גאָר אַ קויל אין קאָפּ... —
דער דינער וועגט. דאָס ציגל טוט אַ לעצטן וואַקל
און שטעלט זיך אָפּ... דער דינער זאָגט: — ווי גאָט איז וואָר,
סע שטימט. סע פעלט איר צו דער וואָג נאָך, הינטש־און־שפּאָר... —
סע שווינדלען איצטער פאַר דעם ייִדנס אויגן זאַכן,
און ס'זינגט דאָס בלוט אין האַרץ אַ לויבגעזאַנג צו גאָט.
— נעם צו די ציג. האָסט, מאַשקע, ערלעך זי געווינען,
אַחוץ וואָס תמיד בין איך פויל צו דיר מיט גנאָד, —
צעשמייכלט זיך דער פּריץ — נאָר אַנטפּלעק דיין סוד...
— „וויעלמאַזשני"*, — זאָגט ער — כ'בין אין וואַלד אַריין געגאַנגען

* ווילגעבוירענער.

אָון האָב אין גרויסער שרעק אַ בייזן וואָלף געפאַנגען,
אין שטאַל פאַרשלאָסן, ווי אַ כלב אויף דער קייט;
אַ דינע וואַנט בלויז האָט פון אים די ציג געשיידט;
דער ציג איז שוין דאָס עסן מער נישט איינגעגאַנגען...
איר וואָג, וואָס האָט זיך פון דער פיטערונג געמערט,
אָן אויפהער האָט די וואָלפן־שרעק פאַרצערט... פאַרצערט...

געהערט די אַלטע מעשה, כ׳האָב זיך טיף פאַרקלערט:
דער זעלביער אומגליק, וואָס דער ציג, האָט אונדז געטראָפן, —
די אַטאָם־באָמבע — אונדזער וואָלף — דער מענטשהייט שטערט
צו אַרבעטן, געניסן און אין פרידן שלאָפן...

ווארשע אַפּריל, 1956

דער מלך שלמה און די הינט

ווען ס'האָט דער אשמדאי דעם מלך שלמה
אַרויסגעשליידערט הינטער קוימען
און אויף זיין טראָן געזעצט זיך ברייט,
און ער: „אני... איך בין דער מלך!...“
געשריגן האָט אויף אַלע מערק, און קינד־און־קייט
אים האָבן אויסגעלאַכט, געחוזקט פריילעך, —
גייט שלמה איינמאָל דורך אַ דאָרף פאַרביי אַ הויז.
ווי פלוצעם טוט זיך פונעם הויף אַ הונט אַ רייס אַרויס
און הייבט אָן בילן, אויפן גאָרגל זיך צו רייסן,
באַווייזן זיינע שאַרפע ציין,
אַז אַט־אָ... אַט־אָ... וועט ער אים די קנעכל בייסן!
בלייבט שלמה שטיין
און טוט אַ פרעג אים
(וויל רעדן מיטן כלב אויף זיין שפּראַך דער מלך קאָן):
צי האָט ער זיך אַמאָל געשטעלט אין וועג אים?
צי האָט ער שלעכטס אים דען אַמאָל געטאָן?
פאַרכאַפּט ביי אים אַ ביין? פאַרטריבן פונעם טראָן?...
נו, פאָרט — פאַרוואָס?!
— וויל כ'האָב, — בילט העכער נאָך דער הונט — אַ באַלעבאָס:
אַז כ'וועל נישט בילן, וועט ער מיך נישט שפּייזן...
— איז ביל זשע אויף די ציין! —
זאָגט שלמה, לאָזנדיק זיך גיין.
נאָר קוים אַרויס פון דאָרף אויף לאַנקעס פרייע,

באַגעגנט אים אויפסניי
אַ בילעריי
פֿון הפקר־הינט אַ גאַנצע סטאַיע.
— נו, פֿרעג איך אייך:
צי איז דאָס גלייך? —
שטעלט שלמה קעגן זיי אַרויס אַ טענה — אייזן —
אויך איר?! פֿאַרוואָס?
איר האָט דאָך נישט קיין באַלעבאָס,
וואָס זאָל אייך פֿאַרן בילן שפּייזן!
איר זענט דאָך פֿרייע, ווי אין פֿעלד דער ווינט...
— האַ־האַ! — ער הערט פֿון אַ געביל אויסבאַרי באַשאָסן —
נישט בילן?... האַ?... מיר זאָלן ווערן אויסגעשלאָסן
פֿון דער משפּחה הינט?!..

וואַרשע, אַפּריל, 1956

דער וואָלף און דער האָן

(לויטן ווילנער גאון)

אַמאָל איז אַ מעשה זיך אַזאַ פֿאַרלאָפֿן:
אַ וואָלף געגאַנגען איז אויף פֿאַנג —
אַ שעפּס געווען איז זיין פֿאַרלאַנג,
און האָט זיך אויף אַ האָן בלויז אָנגעטראָפֿן.
איז מילא, וויל ער טאָן
אַ נעם זיך צו דעם האָן.
דאָ נעמט דער האָן צעציטערט מיט די אויגן דרייען:
— אַז וויי־און־ווינד!
פֿאַר וועלכע זינד?...
— דו לאָזט דיין באַלעבאָס נישט שלאָפֿן מיט דיין קרייען...
— אָ, פֿירכטערלעכער האַר,
איך זאָל אַזוי נישט וויסן מער שוין פֿון קיין צער,
ווי ס'האָט מיין קרייען, בעסער פֿון אַ כאַפּטע כלבים...
געראַטעוועט מיין באַלעבאָס אַמאָל פֿון גנבים...
— און סאַראַ שעדיקער דו ביסט!
צעגראַבלסט און צעשאַרסט דאָס מיסט!...
— איך האָב דערפֿאַר — צעפֿינקלט זיך ביים האָן אַן אויג אַ טרער'ל —
מיין ווירטין איינמאָל אָפּגעפֿונען אינעם מיסט אַ פּערל...
— אומזיסט די רייד! אומזיסט!
איך האָב דיך פֿיינט און וועל די שנאה נישט פֿאַרגעסן.
כ'בין הונגעריק! איך מוז דיך פֿרעסן! —
און ס'טוט דער האָן דעם לעצטן קריי:
— אוי־וויי!

וואַרשע אַפּריל, 1956

א דאַנק פאַר א טובה

אַ בער האָט דערזעען זיין טרויס —
אַ בינשטאָק אין שטאַם פון אַ בוים.
ס׳ליגט טיף אין אַ שפּאַלט דאָרט דער האָניק —
דעם קאָפּ שטעקט אַריין ער בײַגוואַלד.
נאָר גלייך נעמט ער ריטשען אײנטאָניק:
דער בוים ווי אַ צוואַנג אים פאַרהאַלט...
אומזיסט מיטן האָניק דערפרייט זיך!
ער ציט זיך, און רייסט זיך, און דרייט זיך —
סע לאָזט אים צוריק נישט אַרויס:
מיט פרייהייט, מיט לעבן איז אויס!
נאָר גראָד קומט א בעטלער צו שפּאַנען,
און רחמים נעמט בעטן דער בער:
— לייז אויס מיך, באַפריי מיך פון דאַנען,
רחמנות און מיטלייד, מיין הער!...
דעם שפּייזער, דעם טאַטן דעם צאַרטן
די בערעלעך קליינע דערוואַרטן... —
דער בעטלער דערפילט זיין פאַרלאַנג:
באַפרייט אים אַרויס פון דער צוואַנג.
פון פרייד האָט רב בעריש פאַרגעסן
אפילו צו זאָגן אַ דאַנק.
פאַרקערט, ער כאַפּט אָן אים: — כ׳וויל פרעסן,
אין מאָגן מיר כראַטשעט שוין לאַנג... —
דער בעטלער מיט טרערן נעמט בעטן,
די מאָרדע רב בערישן גלעטן:

— כ'האָב קינדער, ווי דו, לאָז מיך אָפּ! —
דער בער שאָקלט נײן מיטן קאָפּ.
נאָר זעט נאָר — אַ פֿוקס אַהער יאָגט זיך,
און לעבן זיי בלייבט ער דאָ שטיין.
דער בעטלער — צו אים און פֿאַרקלאָגט זיך,
און רירט אים דאָס האַרץ מיט געוויין.
—איך קאָן עס נישט גלייבן, באַנעמען,
דער בוים זאָל ריב בערן פֿאַרקלעמען, —
דער פֿוקס תמעוואַטע זיך מאַכט
און הויך אויף אַ קול זיך צעלאַכט...
— דאָס קאָן איך דיר דווקא באַווייזן, —
זאָגט שטאָלץ אים דער בער — אָט אַזוי...
סע האַלט ווי אַ צוואַנג מיך פֿון אייזן...
פֿאַרקלעמט כ'בין ווי פֿריער... גענוי...
— אַצינד, — מאַכט דאָס פּיקסל גאַנץ הייטער —
לאָז איבער אים דאָ און גיי ווייטער. —
דער בעטלער דעם פֿוקס האַלדזט אַרום,
סע דאַכט זיך, ער דאַנקט עס אים שטום,
אָן ווערטער ער לויבט פֿאַר זיין גנאָד אים...
נאָר פּלוצעם ער טוט אים אַ פּאַק,
אַרייננאַרן וויל אים אין זאַק:
די פֿעל פֿונעם פֿוקס איז אַ שאָד אים...
דער פֿוקס טוט פֿון אים זיך אַ ריס,
און גלייך צו די קוסטעס מאַכט פֿיס;
פֿאַרפּלאָנטערט אין זיי זיך דער ווידל,
פֿאַרהאַלט אים... דער בעטלער יאָגט אָן...
— אַ, עקל, — דער פֿוקס זאָגט אים איידל —
כ'האָב דיר דען אַ טובה געטאָן?!...

וואַרשע. אַפּריל, 1956

דער אמת שולדיקער

א פּעמס האָט זיך צעבושעוועט אין וואַלד,
די חיות ביז געקאָסעט, ווי אַ שניטער;
אַ פּחד האָט פֿאַרוואָלקנט די געמיטער;
צום לייב געלאָפֿן איז מען מיט אַ גוואַלד:

— האַר מלך, העלף אונדז אין דער גרויסער צרה!
פֿאַרש אויס די זאַך: פֿאַר וועלכע גרויסע זינד
קומט אום אַ מאַמע און דערנאָך איר קינד?
דעם גאַרן אמת גנעדיק ווער געוואָרע.

— פֿאַרזאַמלט זיך אַהערצו, חיות — שוין!
זאָל יעדער זיך מתודה זיין אַצינדער,
כדי צו ראַטעווען פֿון טויט די קינדער.
ס'וועט יעדן מוחל זיין די זינד די קרוין... —

פֿאַרזאַמלט זיך, דער וואָלף נעמט ריידן:
— איך האָב אַ צוויליגנ ציקעלעך צעפּליקט,
געטרונקען זייער בלוט און זיך געקוויקט...
— ס'איז נישט קיין זינד! — ברילט גליך דער לייב אַנטשיידן —

דערויף ביסטו אַ וואָלף... רב בער, און דו?
— איך האָב פֿאַרצוקט אַ הערש אַן איידל-שיינעם,
אים אויפגעפרעסן מיט דער פֿעל אינייִנעם...
— איז וואָס איז דאָ דער חטא?... אַך, לאָז צו רו,

הערויף ביסטו אַ בער מיט לאַפּעס שווערע...
און דו, דער פוקס? — איך האָב געפּאַקט אַ הון
און זי דערוואָרגן אין דער שיין פון זון —
דערפאַר איז אפשר גרעסער די עבירה?...

— פאַרוואָס זאָלסטו, דער חכם, רעדן שטות?!
הערויף ביסטו אַ פוקס, זאָלסט וואַרגן הינער;
סע האָט די זון, דעם אייבערשטנס באַדינער,
אוודאי זיך געפרייט מיט דיין געניס...

און דו? — דער לייב זיך טוט אַ ווענד — רבּ לעמל? —
ביי לעמלען טוט אַ שווינדער אויף די הויט,
ער קוקט מיט שרעק, נישט לעבעדיק, נישט טויט,
ווי ביי דעם לייב אין בליק גייט אויף אַ פלעמל.

— אום ווינטער איינמאָל, אין די גרויסע פרעסט,
ווען ס׳האָט שוין נישט געשיצט מיך מער דאָס שטעלכל,
און כ׳האָב געציטערט אויפן גאַנצן פעלכל,
האָט איינגעלאַדן מיך מיין ווירט אין גאַסט,

אין שטיבל, וווּ ס׳איז וואַרעם אַ מחיה...
איז מיר געוואָרן גוט! נו, גוט אַזוי!...
נאָר איך... האָב אויסגעגריזשעט אים דאָס שטרוי
פון זיינע האָלץ-שיך... — אַך, דו אומגעטרייער!

אָט האָט איר זי, די זינד! — דער לייב ברילט אויף —
דאָס שטרוי... דאָס שטרוי... פאַרוואָס האָסטו געפרעסן?! —
(די זינד צו שענקען האָט די קרוין פאַרגעסן)
און טוט אויף לעמלען זיך אַ וואַרף אַרויף.

וואַרשע. מאַי, 1956

ווער ס'האַלט די לייצעס, דער — דער באַלעבאָס

גייט אַ ייד אין וועג אום ערב־שבת, און —
ווײַ! ס'הייבט אָן צו זעצן זיך די זון.
...ווייט צום שטעטל, נאָר צו חילול־שבת גאָר נישט ווייט איז —
טראַכט ער, טראַכט ער, און נאָך איידער ער צעקייט עס —
הערט! —
טראָגט זיך אָן אַקעגן אים אַ פערד
אָן אַ רייטער..
— פלי נישט ווייטער! —
מאַכט ער אַ פאַרשטעל דעם פערד דעם וועג.
— אַ? פאַרוואָס דען? — טוט ער אים אַ פרעג.
— כ'בעט דיך... ראַטעווע פון חילול־שבת מיר, באַשערטער...
— כ'לויף דאָך אָבער אין אַ ריכטונג אַ פאַרקערטער?
כ'לויף פונוואַנען דו קומסט ערשט צו גיין...
— פאָר איך צוריק.. נאָר לאָז מיר דאָ נישט שטיין!
— מסכים, — זאָגט דאָס פערד און שטעלט דעם רוקן אונטער.
טוט דער ייד אַ כאַפּ אַרויף אויף דעם זיך מונטער,
און... ער צווינגט דעם פאָרן שוין, וווהין ער וויל.
— יושר? — פרעגט דאָס פערד הכנעהדיק און שטיל —
וווּ איז, יידל, יושר?
— מײַנער איז אַצינד דער שעת־הכושר...
— יאָ. נאָר זאָג, פאַרוואָס?
— ווער ס'ע האַלט די לייצעס, דער — דער באַלעבאָס!

וואַרשע. מאַי, 1956

דער וואָלף, דאָס לעמעלע און דער פּוקס

אַ וואָלף האָט אין אַ שטאַל אַ לעמעלע דערשמעקט,
און איז אַרײַן, און פֿאַרן פֿרעס זיך שוין באַלעקט.
דאָס לעמעלע, צעציטערט, טרערן אין די אויגן,
נעמט בעטן זיך: — אוי, לאָז מיך לעבן אויף דער וועלט...
ווי לאַנג ערשט, אַז איך האָב דער מאַמעס מילך געזויגן?...
איך ווייס נאָך נישט דעם טעם פֿון פֿרישן גראָז אין פֿעלד...
אוי, לאָז אַ ביסל נאָך פֿון לעבן מיר געניסן...
— כ'בין הונגעריק, און מוז פֿאַרציקן דיך שוין איצט, —
דער וואָלף דעם ענטפֿערט שטרענג און מיט די ציינער קריצט,
ווי שוין באַצײַטנס וואָלט ער ס'לעמעלע צעריסן.
דאָס לעמעלע פֿאַרשטייט: קיין רעטונג פֿון דער נויט
איז שוין נישטאָ! פֿון זײַנע אויגן לויכט דער טויט...
— פֿאַרפֿאַלן... זיפֿצט עס אָפּ — בלויז איינס פֿון אײַך באַגער איך,
רב וועלוועל, איידער איר פֿאַרשטעקט אין מיר די ציין,
זינגט אָפּ פֿאַר מיר אַ הויכן, פֿײַנעם „מי שברך",
סע זאָל מיר לײַכטער זײַן צו אײַך אין בויך צו גיין.
— דאָס קאָן מען. — מחמת מיטלייד דאָס רב וואָלף באַוויליקט
און וואַיעט אויף אַ „מי שברך" אויף אַ קול...
דערהערן לייט אין דאָרף, און אַלע מיטאַמאָל
מיט דרענגלעך זיך אַ לאָז אויף אים... מע האַקט, מע סילוקט...
שוין אָפּגערעדט, אַז ס'איז די חרפּה זייער גרויס,
נאָר פּשוט מיטן לעבן איז ער קוים אַרויס.

אין וואַלד געקומען, לויפֿט אים אָן א פֿוקס אַנטקעגן,
און מיט א שפּאָטיש־ממזרישן בליק באַטראַכט:
— פֿון וואַנען, ברודער? וויאַזוי? — ער נעמט אים פֿרעגן. —
איז האָסטו אַזוי דאָס פֿריילעכדיק פֿאַרבראַכט?... —
דער וואָלף דערציילט אים אַלץ און וועקט צו זיך רחמנות.
— אַ מציאה! — זאָגט דער פֿוקס. — דו האָסט געהאַנדלט שלעכט:
קוים ביסטו, ברודערקע, א שוחט — קוילע, שעכט,
און נישט דערוועג זיך פֿראַווען קיין חזנות...

ווארשע. מאַי, 1956

די שטייער-מאָנער אין סדום

ס'האָט איינער מחמת נישט זיין שטייער נישט באַצאָלט,
און נישט דערפאַר, ווייל ער האָט צאָלן נישט געוואָלט:
ער האָט געוווסט און אויך באַטראַכט עס ניכטער,
אַז ס'וועט די פּאָליציי אים ברענגען פאַרן ריכטער,
אַז שטרענג און האַרב איז דאָס געזעץ פון רייכן לאַנד
פאַר מענטשן אָרעמע, פון נידעריקן שטאַנד.
דער ריכטער האָט געפסקנט און באַפוילן:
— בינדט צו אים צו אַ בוים — אַ נאַקעט-הוילן,
און שטאָט זיין לייב צו שמייסן מיט אַ נאַסער רוט,
די פליגן זאָלן שטעכן, נאָגן אים דאָס בלוט. —
די פליגן האָבן זיך מיט אים געפּיטערט,
און ער האָט אויף דער גאַנצער הויט געציטערט;
צעצאַפּלט מער פון אַלע אברים — די הענט,
וואָס האָבן העלפן אים געוואָלט, און נישט געקענט.
אַזוי אַרומעק איז שיר דער טאָג דער גאַנצער,
די פליגן אויף זיין לייב — אַ גרויסער פּאַנצער...
ווי דאָ קומט צו אַ בעטלער פון אַ פרעמדן לאַנד,
מיט ציטער פון רחמנות שטרעקט ער אויס די האַנט
די פליגן פון דעם קרבן צו פאַרטרייבן.
— מע דאַרף נישט... זאָלן זיי אויף מיר שוין בלייבן, —
בעט שטיל אים דער מאַרטירער, זיפצנדיק פון ווויי —
ס'איז גלייכער, ס'זאָלן מיינע בלוטן נאָגן זיי,

די זאַטע שוין... ווייל ס'וואָלטן פרישע קומען,
מיט פרישער בייזקייט נאָגן מיך גענומען...

קוים שטעקט מען, ווי אַן אָקס, אין דעם באַצווינגערס יאָך,
איז באַרעווער צו בלייבן ביי דעם אַלטן בראָך.

וואַרשע. מאַי, 1956

גלײַכע שידוכים

„איטלעכער שידוך, וואָס מע טוט,
איז גוט;
נאָך אַ יאָר,
ווערט מען געוואָר“.
„פֿון קרומע שידוכים
קומען אַרויס גלײַכע קינדער“.

יידישע שפּריכווערטער

סע זענען ביי אַ רייכן ייִד געווען צוויי טעכטער:
די ערשטע — גרין און העסלעך, און די צווייטע — שלעכט;
די ערשטע רופֿט אַרויס ביי אַלעמען געלעכטער,
די צווייטע גרוואַלדעוועט און שעלט זיך טאָג און נאַכט.
ס'איז גרייט דער עושר געבן זיי אַ היפּשן נדן,
נאָר קיין בעלנים קומען נישט, און ס'לויפֿט די צייט;
משדך זיין זיך מיט קבצנים? — הייסט — זיך שמדן...
און ליטווישע חתנים זענען הײַנט פֿאַרשייט:
דו גיב אַ נדן צו אַ ליטוויש־פּינטעם קרן...
און ביי די טעכטער גרויען פֿאַר דער צייט די צעפּ!
— וואָס טוט מען? — קרעכצט דער גביר, די גבירטע נעצט מיט טרערן,
און ס'טריקענען זיי ביידן טאָג און נאַכט די קעפּ.
נאָר גאָט איז דאָך אַ פֿאָטער, ער פֿאַרלאָזט נישט קיינעם!
אַ קלוגער שדכן טוט די זאַך פֿון וואָרט אַ ריר:
ער האָט שידוכים פֿיינע... טאַקע צוויי, נישט איינעם...
צוויי ברידער, קינדער פֿון אַ ליטווישן גביר.

דער ייִנגערער איז טויב, דער עלטערער — אַ בלינדער:
די העסלעכע דעם בלינדן איז אַ רעכטע פּאָר...
די שוועסטערקע — דעם טויבן... ס'וועלן זיך די קינדער
אין נחת לעבן. — גיב מיר, גאָט, שוין אַזאַ יאָר! —
מע װוילגעפעלט די עלטערן. מע אײַלט זיך — שנעלער:
מע לויפט די צײַט פאָרויס, גייט קיינמאָל נישט צוריק...
מע שרײַבט די תּנאים און מע ברעכט למזל טעלער,
מע פּראַוועט שנעל די חתונות, און ס'הילכט מוזיק.
דאָס לעבן פון די אײדעמס פליסט זיך, ווי געפידלט:
דער בלינדער, אַז ער האָט אַ ווײַב אַ שאָנקייט, קלערט;
דער טויבער הערט נישט, ווי זײַן ווײַבל שעלט אים, זידלט,
זי מאַכט אַ גיהנום, ער — זי, ווי דעם קאָטער, הערט...
נאָר מיט דער צײַט באַזעצט זיך אין דער שטאָט אַ דאָקטאָר.
זײַן גוטער נאָמען איז פאַרלאָפן אים פאָרויס,
אַז ווונדערלעכע הילף פאַר יעדן קראַנקן טראָגט ער,
אַז פון די אײַנגעשפּאַרטסטע מחלות היילט ער אויס.
ער נעמט זיך אונטער אויך דעם עושרס אײדעמס היילן
פאַר גאָר אַ גרויסער אײַנגעלייגטער סומע געלט.
און לאָמיר צו זײַן גרויסער לויב עס גלייך דערציילן:
ער היילט זיי אויס, און קלינגען וועט דערמיט די וועלט!
דער בלינדער זעט שוין... ווי צו זײַנע יאָרן!
זײַן ווײַב איז העסלעך, אַז סע קערט די גרינע גאַל...
דער טויבער האָרכט שוין... ווײַ! זײַן ווײַבל זידט פון צאָרן,
און יעדע קללה אירע טרעפט אים ווי אַ קנאַל...
און ווען דער דאָקטאָר שיקט, מע זאָל זײַן לוין אים געבן,
פאַרוווערן זיי, די אײדעמס, אויסצאָלן דאָס געלט:
ער האָט געזאָלט זיי לײַכטער מאַכן דאָך דאָס לעבן,
צום סוף האָט ער פאַרפינצטערט מער נאָך זייער וועלט!...
איז גייט מען צו דעם רב. מ'עט האָבן אַ דין־תּורה.
דער רב הערט אויס די טענות, און ער זאָגט: — געדעכט...
דער דאָקטאָר האָט געגעבן אײַך געפעלשטע סחורה,
גאָר... מאָנען זי פון אײַך צוריק ער האָט דאָס רעכט...

איר זאָלט זיך צו דעם פֿריערדיקן צושטאַנד קערן...
דאַן זענט איר פֿריי פֿון דאָקטאָרס תּביעה, זענט איר קווית!
— דאָס נישט! — שרייט אויס דער בלינדער, זיינע אויגן טרערן. —
כ'זאָל ווידער בלינד זיין? וואָס איז היינט, מיך באַהיט!
— הער דאָקטאָר, הערט... און זאָל באַשטעטיקן דער רב עס —
דער טויבער שטאַמלט שוואַך — סע וואָלט געווען נישט קרום...
נאָר ס'זאָגט דאָך שלמה: „אשה רעה מר ממות"*...
איז שטאָט מיך טויב צו מאַכן, מאַכט מיין זוייבל שטום. —
צעשמייכלט זיך דער רב, די ווייסע באָרד זיך גלעט ער:
— באַצאָלט דעם דאָקטאָר, ערלעך האָט ער עס פֿאַרדינט...
און וואָס דיין ווייב איז שייך, לייג עס אָפּ אויף שפּעטער...
דו קאָנסט זי גטן, אויב איר האָט נאָכנישט קיין קינד.

* אישה רעה מר ממוות — א שלעכטע פֿרוי איז ערגער פֿונעם טויט.

אַ ציג און רב טוביה דער מילכיקער

אַ ייִד אַ קבצן האָט געבראַכט אַ ציג צו פירן,
געקויפט גאַנץ ווײַטלעך אויף אַ שטעטלשן יאַריד;
זיך קוים דערשלעפּט, ער קאָן שוין מיט די פיס נישט רירן,
און אויך די ציג, נישט ווייניקער פון אים, איז מיד.
די זון האָט זיי געשרפעט, און דער דאָרשט געמאַטערט.
וואָס גיכער אין דער היים זײַן! — האָט זײַן האַרץ געפלאַטערט.
דאָך זעט ער אויס דער ייִד — אַ העלד, ווי נאָך אַ זיג:
אַ ציג איז דאָך געווען זײַן טרוים שוין לאַנגע יאָרן,
ער האָט געמוזט אויף איר דאָך פון דער קישקע שפּאָרן, —
און אָט־אָ שטייט זי דאָ, די אויסגעטרוימטע ציג!
די קינדער האָבן מיט אַ יובל זי באַגעגנט,
דאָס בלוט צעשטיפּט, צעזונגען אין דעם מאָגער לײַב,
און מיט אַ גרויסן מעלקשעפּל — דאָס האָרע ווײַב,
ווי ס'קומט אַ כמאַרע, וואָס מיט מילעך רעגנט...
און אָט־אָ ציט זי פאַר די דיקעס, צי און צי,
זי סאַפּעט שווער, איר פּנים ברענט, די אויגן — גלי,
און מילך — סע זאָל באַווײַזן זיך אַ מינדסטער טראָפּן!
די קינדער ווערן אויסגעקלאָשן, אומעטיק און בלאַס:
דער אײַטער — טרוקן, ווי דער מאַמעס שטערן — נאַס...
ווי עמעץ וואָלט דעם אײַטער מיט אַ שפּילקע פאַרשטאָפּן!
צעפירט דער ייִד די הענט: — אַ, גאָט אין הימל, האַר!

איך בעט, ווי חוני * האט געבעטן אויף אַ רעגן...
אויב נישט פאַר מיר, מיין ייִדענע, קוק צו דעם צער
פון אונדזער פיצלווארג און טו פאַרזייערטווערן! —
סע גלאָצט די ציג און שאָקלט מיטן בערדל פרום,
ווי זי זיין הייסע תפילה וואָלט געצויגן ווייטער;
נאָר זייער תפילה קערט פון גאָט זיך לײדיק אום,
און איינגעקעקשנט — באַטש צעדיים אים! — איז דער אײטער.
נאָר דאָ דער מילכיקער, רב טוביה, גייט פאַרביי,
בלייבט שטיין פאַרטראַכט, באַטראַכטנדיק די ציג, איר אײטער:
...אַ קרעניציע! זי וואָלט געגעבן מילך פאַר דריי...
— גזלנים וואָס איר זענט! — גאָר פלוצעם זיך צעשרייט ער —
ווי קאָן זי אייך מיט מילך מהנה זיין? — איך פרעג,
זי איז דאָך הונגעריק און דאָרשטיק, מיד פון וועג!
אַז וואָס אין פסוק שטייט, דאָס האָט איר גאָר פאַרגעסן:
„לא טוב היות..." ** — סע גייט קיין טאַנץ נישט פאַר קיין עסן.
אַ זאַטע און אַן אויסגערוטע, קלאָר דער קאָפּ, —
זי וועט אייך געבן אַ געמעלק אַ גאַנצן טאָפּ.

דעם אַלטן משלם מוסר־השכל גילט; פאַרגעכט נישט:
נישט פאַדערן פון אַרבעטער, ווען ער דערעסט נישט!

וואַרשע. מאַי, 1956

---

* כוני — כוני האַמאַאַגאַל, וועלכער פלעגט, לויט א מדרש, אויספועלן רעגן אין דער צייט פון א טריקעניש.
** לוי טויוו העיווים — ס'איז נישט גוט צו זיין...

דער פֿאַרשטעלטער הונט

אַ וואָלף האָט זיך פֿאַרנאַדיעט צו אַ סטאַדע שאָף.
דער פּאַסטעך האָט זיך טאָג־און־נאַכט דעם קאָפּ געבראָכן:
„אויב כ׳וועל נישט מאַכן צו דעם רויבעריי קיין סוף,
איז אויס דאָך מיט מיין סטאַדע אין געציילטע וואָכן!...
סע שרעקט אים נישט דער הונט און נישט דער שיטער אויך,
מיט וואָס זשע אַנדערש קאָן איך אים, דעם רויבער, שרעקן?
זיך ראַנגלען מיט די אָרעמס בין איך נישט בכּוח,
און פֿאַר זיין רוקן, וואָס באַטייט מיין באָרד־שטעקן?
וואָס טוט מען, האַ?" און פּלוצעם טוט ער זיך אַ כאַפּ:
„זאָל זיין אַ שומר פֿאַר דער סטאַדע — אַ צאַפּ!"
און וואָר — דער באָרדיקאַטער שומר האָט געהאָלפֿן!
זיין באָרד־און־הערנער שרעקן שרעקליך גאָר רב וואָלפֿן;
קוים נאָר ער טוט אַ טרייסל צאַפּיש מיטן קאָפּ —
ווי ס׳וואָלט געווען די בעסטע איבערגעפּרוּווטע סגולה:
אין גרויסער שרעק דער וואָלף טראָגט גלייך זיך אָפּ,
און ס׳נעמט דער פּאַסטעך אונטערטאַנצן פֿאַר גדולה:
„סע איז אַריבער שוין צום גליק מיין שלעכטע צייט!
ווען ס׳וואָלט דער צאַפּ געווען אַ מענטש, סע וואָלטן חסידים
צו אים צונויפֿגעפֿאָרן זיך פֿון העט־העט ווייט!
סע וועלן מיט אים קלינגען סטאַדעס און יאַרידים!..."
נאָר אייביק לעבט נישט אויך קיין מענטש, איז אויך דער צאַפּ
געפּגרט איינמאָל אין אַ ליכטיקן פֿרימאָרגן;
סע איז געווען פֿאַר אונדזער פּאַסטעך — ווי! — אַ קלאַפּ,
וואָס האָט זיין קאָפּ אַראָפּגעבויגן פֿול מיט זאָרגן:

„...וואָס טו איך איצט, אַז מײַן באַשיצער איז נישטאָ?
אוי, גאָט אין הימל! צי'ז שוין כּלו כּל הקיצין? *
קוים קומט דער וואָלף — סע זאָל נישט זײַן די בייזע שעה! —
נאָך אַלע שעפּסן וועל איך מוזן שבֿעה זיצן!...”
נאָר ווי ער קלאָגט, אין שאַרבן אַ געדאַנק בליצט אויף:
„איך קאָן דאָך פֿון מײַן הונט אַ צאַפּ אַ פֿײַנעם מאַכן!”
די פֿעל פֿון טויטן צאַפּ ער טוט אויף אים אַרויף
מיט באָרד־און־הערנער... נו, און זאָל ער וואַכן!
און אָט־אָ אײַנמאָל קומט דער וואָלף מיט אַ וויזיט,
און צווישן קוסטעס אַ פֿאַרשטעקטער ער באַוועגט זיך;
ער לוגט פֿונווײַטנס און זײַן בליק פֿון הונגער גליט,
ער פֿרעסט די שעפּסן מיט די אויגן, און באַלעקט זיך,
און זעט דעם באָרד־און־הערנדיקן צאַפּ, און שרעקט זיך...
דער הונגער אָבער טרײַבט אים גײַן פֿאָרויס צום ציל —
דער שעפּס, וואָס שטייט דאָרט פֿון דער סטאַדע אָפּגעזונדערט;
סע קלאַפּט בײַם וואָלף דאָס האַרץ — געפֿערלעך איז די שפּיל!...
אוי־וויי!... דער צאַפּ דערשמעקט אים און — ער טוט אַ ביל.
דער וואָלף בלײַבט שטיין אַן אויגנבליק פֿאַרוווּנדערט...
— דו בילסט? — ער טוט אַ וואָיע — ביסטו נישט קיין צאַפּ! —
אַ שפּרונג, אַ וואָרף אַרויף זיך אויפֿן שעפּס און — כאַפּ!

אין וואָסער פֿעלץ דו זאָלסט זיך, צדיק, נישט פֿאַרהילן,
דעם הונט פֿון אונטער אים וועט אויסגעבן דײַן בילן.

ווארשע. מאַי, 1956

---

* קאָלו קאָל האַקיצין — געמיינט: שוין קיין שום האָפֿענונג נישטאָ.

רב לייב שרהס סוסים

(חסידיש)

מיין פיל־לייַדנדיקער פרומער באָבע פינע, וואָס
האָט געפירט איר יחוס פון רב לייב שרהס.

ווי נאָר פאַר ייִדן שטעלט זיך ערגעץ אַן עת־צרה,
איילט באַלד אַהין מיט הילף פון גאָט רב לייב בן שרה:
דעם העלבן טאָג, די העלבע נאַכט מע זעט אים דאָ און דאָרט.
איר מיינט, ס'א חידוש? פשוט, קפיצת־הדרך האָט ער...
דער ערשטער איז ער דען? נאָך יעקב אונדזער פאָטער...
בקיצור, ס'לוינט זיך נישט צו פטרן דערויף קיין וואָרט!

נאָר יעקב גייט צופוס, און ער — מיט פערד און וואָגן.
סע דאַכט זיך: אָדלערס, נישט קיין סוסימלעך, אים טראָגן,
און ווי א סוכה פליט די לייכטע לייוונטענע בויד. — —
איז איינמאָל, ווי זיי איילן זיך, די אָדלערס, איילן
און שלינגען פייערדיקע האַלעשקעס — די מײלן,
ווייל ס'ברענט די בייטש: אַ ייִד איז ערגעץ אין אַ גרויסער נויט, —

רופט אָן זיך איין פערד צו דעם צווייטן: — זע נאָר, כ'בעט דיך,
סע האָבן פאַר אַזויפיל קרעטשמעס זיך די רעדער
שוין דורכגעריידערט, נו... און ס'דאַרף קיין פערד נישט עסן? וואָס?
— מיר זענען נישט קיין פערד האָך פון אַ לייַדע שורה, —
אים ענטפערט אָפּ דאָס צווייטע — ס'איז רב לייב בן שרה,
דער ליבלינג דעם באַשעפערס, אונדזער טרייער באַלעבאָס!

איז זענען מיר מיט מענטשן גלייך, און אונדזער מאָגן
מוז קאָנען, אַן תּרעומות, הונגער־דאָרשט פֿאַרטראָגן,
און לאָמיר דאַנקען גאָט, וואָס אָט אַזוינס איז אונדז באַשערט! —
און ווייטער זענען זיי געלאָפֿן שטום, געפֿלויגן,
ווי פֿײַלן אויסגעשאָסן פֿון אַ פֿײַלנבויגן,
און האָבן אָנגעגעסן זיך מיט שטויב, מיט זאַמד און ערד.

נאָר אָט דרייט אויס דעם קאָפּ דאָס ערשטע פֿערד, דער טויען,
צום וואָגן און דערזעט... ער וויל זײַן בליק נישט טרויען:
— דו זעסט? די מענטשן אין דער סוכּה עסן גאָר געשמאַק!
פֿאַרוואָס זשע האָט מען אין די פֿערד, אין אונדז, פֿאַרגעסן
און מע דערלאַנגט אונדז נישט קיין טרינקען און קיין עסן?
צי האָט אַ לעצטער גערשטן אויסגעשאָטן זיך פֿון זאַק?

— פֿאַרשטײ, — דאָס צווייטע ענטפֿערט אים מיט שטאָלצער מינע —
מיר זענען סתּם די פֿערד? מיר זענען אין דער בחינה
פֿון שׂרפֿים... פֿריִען וואָלט פֿאַר אונדזער שליחות זײַן אַ שאַנד!
— אַזוי? — שטעלט אָן אַן אויער ס'ערשטע און באַשיידן —
כ'האָב נישט געוווסט אָט דאָס!... איך וועל שוין מער נישט ריידן. —
און ווייטער ברענען זיי די מײַלן, שווײַגנדיק בײַנאַנד.

זיי וואָלטן אפֿשר שוין אַזוי פֿאַרבליבן — שׂרפֿים,
נאָר אומגעקערט זיך, שמוציק, נאָך נישט אויסגעשלאָפֿן,
ווי נאָר די קאַרעטע דערזען, און קיינער זיי נישט שטערט,
נאָך איידער ס'פֿירט רב לייב זיי צו דער טבֿילה, —
זיי טוען זיך אַ כאַפּ מיט ברען צו דער אכילה,
און אַלע זעען באַלד: דאָס זענען פּשוט־פּראָסטע פֿערד.

וואַרשע. אויגוסט, 1956

צושריפטן און באַמערקונגען

פון דער העברעישער משלים־דיכטונג

רבי מאיר — האָט געלעבט אין 2־טן יאָרהונדערט. אין מדרש ווערט וועגן אים דערציילט, אַז ער האָט פאַרמאָגט דריי הונדערט פוקסן־משלים.

רבי יהושע בן לוי — האָט געלעבט בערך אין 3־טן יאָרהונדערט. קיין באַשטימטע היסטאָרישע אָנגאַבן וועגן זיין לעבן איז נישט פאַראַן. איינער פון די גרעסטע ארץ־ישראלדיקע אמוראים פון זיין צייט. אַ דיכטערישער וויזיאָנער און באַרימטער בעל־אגדה. האָט אָנגעפירט מיט אַ ישיבה און גע־ווען גלייכצייטיק אַ געזעלשאַפטלעכער עסקן. צוליב דעם לעצטן איז ער וואָר־שיינלעך געפאָרן אַמאָל קיין רוים, וווּ ער האָט זיך צוגעקוקט צום דאָרטיקן לעבן, איז געווען איבעראַשט פון דעם אָפּגרונד, וואָס טיילט דאָרט פאַנאַנ־דער די אָרעמע קלאַסן פון די רייכע און עס געבראַכט צום אויסדרוק אין זיינע אגדות.

רב ברכיהו בן נטרונאי הנקדן — ווען און וווּ ער איז געבוירן געוואָרן האָט נאָך ביז היינט די וויסנשאַפט נישט פעסטגעשטעלט; צום סוף פון צוועלפטן יאָרהונדערט האָט ער געלעבט אין ענגלאַנד. ער איז געווען אַ מענטש פון פילאָזאָפישער בילדונג און אַלזייטיקן וויסן. צווישן אַנדערע ווערק האָט ער אויך אָנגעשריבן אַ בוך משלים א. נ. „משלי שועלים“ (107 משלים).

זיינע משלים האָט רב ברכיה הנקדן געשעפּט פון פאַרשיידענע קוואַלן: פון די אַלטע בידבאים און עזאָפּס זאַמלונגען, פון די מיטלאַלטערלעכע קריסטלעכע משלים־דיכטער, אויך פון תלמוד און מדרשים; אַ טייל האָט ער אַליין געשאַפן. ער איז געווען דער וויכטיקסטער און אָריגינעלסטער פון די העברעישע משלים־שרייבער פון מיטלאַלטער.

זיינע משלים געשריבן אין געגראַמטער פּראָזע, אין קורצע און שאַרפע אויסדריקן, זענען איבערגעזעצט געוואָרן אויף לאַטיין. אויף דייטש האָט זיי איבערגעזעצט לעססינג.

רב יוסף אבן זאבארא — האָט געלעבט אין 13־טן יאָרהונדערט, אין באַרצעלאָנע, שפּאַניע. געלערנטער פון אַלזייטיקער בילדונג, מעדיצינער און דיכטער. זיין הויפּטווערק „ספר שעשועים“ איז אַ דידאַקטיש־סאַטירישער ראָמאַן, געבויט אויף אַלט־יידישן, אינדישן און אַראַבישן פאָלקלאָר; דאָס בוך איז דורכגעוועבט מיט מעשהלעך, משלים, סענטענצן און שפּריכווערטער.

יהודה לייב גאָרדאָן (1829—1892) — באַרימטער העברעישער דיכטער, פּובליציסט אין העברעיש און רוסיש. קעמפער פאַר השכלה און רוסיפיצירונג ביי יידן. אַלס פאָליטיש אומלאָיאַלער אַ קורצע צייט פאַרשיקט געווען אין אָלאָניעצער גוב. כאָטש אַ קעגנער און באַקעמפער פון דער יידישער שפּראַך, פון צייט צו צייט געשריבן סאַטירישע לידער אין יידיש אין אַ ריינער פאָלקס־שפּראַך. ס׳איז דערשינען אַ זאַמלונג פון זיינע יידישע לידער א. נ. „שיחת חולין — לידער אין דער פאָלקס־שפּראַכע“. פאַראַן פון אים אַ זאַמלונג משלים א. נ. „משלי יהודה“ — צום גרעסטן טייל באַאַרבעטע פון לאַפאָנטען, קרילאָוו און אַנדערע.

דוד שמעוני (1886) — אָנגעזעענער העברעישער ליריקער, האָט געשריבן אויך משלים און סאַטירעס, דערשינען אין אַ בוך־פאָרעם א. נ. „בשבילי הביבר“. פון י. 1920 לעבט אין ישראל.

פון דער משלים־דיכטונג אין דער רענעסאַנס־עפּאָכע

לעאָנאַרדאָ דא ווינטשי (1452—1519) — געניאַלער איטאַליענישער מאָלער, דענקער, אַלזייטיקער געלערנטער, דערפינדער און גרויסער הומאַניסט פון דער רענעסאַנס־עפּאָכע. ס׳זענען פאַרבליבן נאָך אים גרויסע וויסנשאַפטלעכע טראַקטאַטן און אַנדערע שריפטן, צווישן זיי — די משלים.
די פאַריידישונג פון זיינע משלים זענען געמאַכט געוואָרן לויט דער פּרעכטיקער איבערזעצונג אין דער פּוילישער שפּראַך דורכן באַרימטן פּוילישן דיכטער לעאָפּאָלד סטאַף.

אויף מײַנער אַ בריוולעכער ווענדונג צו לעאָפּאָלד סטאַף וועגן דעם משל „די אולמע און די פײַגנבוים“ האָב איך פון אים באַקומען פאָלגנדיקן ענטפער:

„לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי איז ווײַט געווען פון דעם געדאַנק פון „פּראָפּאַגירן קינדערלאָזיקייט“. אין דעם משל „די אולמע און די פײַגנבוים“, ווי אויך אין אַנדערע משלים, באַטײַט דאָס וואָרט „קינדער“ גײַסטיקע פּרוכט, קונסט־ווערק. די אולמע איז אומפּרוכטבאַר, דער פײַגנבוים שעפעריש. די רענעסאַנס־קינסטלער, האַלב נאָך האַנטווערקער, האָבן בעיקר געאַרבעט אונטערן צוואַנג פון די פירשטן און פּויפּסטן. פאַר אייניקע פון זיי איז דאָס געווען אַ טראַגעדיע (מיכאַל אַנזשעלאָ). לעאָנאַרדאָ פאַרהאַטשיקט אין דאָזיקן צושטאַנד. אַ רעפלעקסיע: צי איז גלײַכער נישט צו שאַפן, אָדער לײַדן שאַפנדיק.

איטלעכער משל, אָנהייבנדיק פון עזאָפּן, גענוסט פון גרויסע פרײַהייטן, פון ליצענץ. מע דאַרף אים נישט אויסטײַטשן ווערטלעך, צו גלײַכליניק, פּעדאַנטיש.

איבערן דאָזיקן משל בלאָנדזשעט אַרום דער פילבאַטײַטנדיקער שמייכל פון דזשאָקאָנדע. די רענעסאַנס־קינסטלער האָבן אויסגעצייכנט פאַרשטאַנען די דאָזיקע אַלוזיעס אָדער אַלעגאָריעס. דער משל „די אולמע און דער פײַגנבוים“ איז נישט קיין סאָנעט. אינעם אָריגינאַל איז ער נישט געגראַמט. ס׳איז פון אים גאָרנישט אַראָפּגענומען געוואָרן, און אויך נישט צוגעגעבן. דאָס וואָס אין דער איבערזעצונג איז אויסגעפאַלן 14 שורות, ווי אין אַ סאָנעט, איז אַ זאַך פון צופאַל.

פּ.ס. נישט די „קינדער“ פונעם פײַגנבוים זענען שלעכט, נאָר זיי ווערן באַעוולהט מצד די זעלנער.“

פון דער פּוילישער משלים־דיכטונג

בערנאַט פון לובלין (1480—1522) — שריפטשטעלער און הומאַניסט. אין זײַנע ווערק האָט ער דעמאַסקירט די אונטערדריקונג פונעם פעאָדאַליזם. אַרום 1522 זענען דערשינען עזאָפּס משלים אין פּראָזע אין זײַן פרײַער פּערזן־איבערזעצונג.

איגנאַצי קראַשיצקי (1735—1801) — פּאָעט. מײַסטער פון פּוילישן משל. דער פירשט פון די פּאָעטן, ווי מ׳האָט אים גערופן. זײַנע משלים זענען

נאָך פאַר זייער געדרוקט ווערן אַרומגעגאַנגען אין כתב־ידן פון האַנט צו האַנט און זיך איינגעשאַפן אַ סך ליבהאָבער. אַ זאַמלונג פון זיינע משלים איז דערשינען פאַר זיין לעבן אין יאָר 1779, אַ צווייטע נאָך זיין טויט, אין יאָר 1804. און ווערן בסדר איבערגעדרוקט.

מיט עטלעכע פון זיינע משלים קאָן זיך דער יידישער לייענער באַקענען דורך מיין בוך „מיטן פנים צו דער זון“.

אדאַם נאַרושעוויטש (1733—1796) — דער הויף־פּאָעט פון קעניג סטאַניסלאַוו אוגוסט. זיינע משלים זענען טיילווייז איבעראַרבעטונגען פון לאַפאָנטענען.

סטאַניסלאַוו טרעמבעצקי (1735—1812) — משל־שרייבער. ער האָט נאָכגעפאָלגט לאַפאָנטענען און געהאַט גאָר גרויסע דערגרייכונגען. זיין הויכע קונסט האָט זייער הויך געשעצט אדאַם מיצקעוויטש.

טאָמאַש קאַיעטאַן ווענגיערסקי (1755—1787) — משל־דיכטער.

יוליאַן אורסין ניעמצעוויטש (1757—1841) — אויפקלערער, קעמ־פער פאַר דער אויפקלערונגס־אידעאָלאָגיע. אַ פאַרשיקטער אויף לאַנגע יאָרן. זיינע פּאָליטישע משלים האָבן געהאַט גרויס דערפאָלג, זענען אין די שווערע באַדינגונגען פון דער צענזור איבערגעשריבן און דעקלאַמירט געוואָרן לויטן זכרון.

פראַנטשישעק מאַראַווסקי (1783—1861) -- אַ גענעראַל, וועלכער האָט זיך פאַרנומען אויך מיט שרייבן וויציקע און איינפאַלערישע משלים, וועלכע האָבן געווען פּאָפּולאַריטעט.

אדאַם מיצקעוויטש (1798—1855)) — גרויסער פּוילישער פּאָעט, רע־וואָלוציאָנער, קעמפער פאַר אומאָפּהענגיקייט פון פּוילן. אין יאָר 1823 אַרעסטירט געוואָרן דורך דער צאַרישער מאַכט און אין יאָר 1824 אַרויס־געשיקט געוואָרן פון פּוילן קיין רוסלאַנד. האָט אויך אָנגעשריבן אַ צאָל פּרעכטיקע משלים.

איניקע זיינע משלים זענען פאַראַן אין מיינע ביכער: „מיטן פנים צו דער זון“ און „מיצקעוויטש — פּאָעזיע“.

יאַן לעמאַנסקי (1862—1933) — אויסגעצייכנטער משלים־דיכטער. אונטער זיין מייסטערישער פעדער האָט אויפגעבליט דער משלים־זשאַנער אין דער פּוילישער ליטעראַטור. זיין ערשט משלים־ביכל „משלים“ איז דער־שינען אין יאָר 1902.

פון דער היינטצייטיקער פוילישער משלים־דיכטונג

בענעדיקט הערץ (1872—1952) — פילזייטיקער שריפטשטעלער. אויס־געצייכנטער משלים־דיכטער. אויטאָר פון עטלעכע משלים־ביכער.
גאַבריעל קאַרסקי (1895) — לירישער דיכטער.
יאַן בזשעכוואַ (1900) — אָנגעזעענער שריפטשטעלער. אויטאָר פון אַ ריי ווערק. באַליבטער קינדער־דיכטער.
וולאַדזשימיעזש סלאָבאָדקין (1900) — לירישער דיכטער. אויטאָר פון אַ גרעסערער צאָל ווערק.
וויקטאָר גאָמוליצקי (1909) — אויטאָר פון עטלעכע ווערק.
לעאָפּאָלד לעווין (1910) — דיכטער. אויטאָר פון אַ ריי ווערק. איבערזעצער פון דער קלאַסישער וועלט־ליטעראַטור.
לודוויק יעזשי קערן (1921) — משלים־שרייבער, סאַטיריקער. אויטאָר פון עטלעכע משלים־ביכער.
אַנטאָני מאַריאַנאָוויטש (1924) — סאַטיריקער, אויטאָר פון עטלעכע ווערק.
ברונאָ מיעצוגאָוו (1927) — דעביוטירט אין יאָר 1950.
ט. פּאָליאַנאָווסקי — האָט זיך אָנגעהויבן דרוקן אין יאָר 1949. ס'איז דערשינען זיינס אַ ביכל: „דערנער אָן רויזן".

פון דער רוסישער און סאָוויעטישער משלים־דיכטונג

אי. א. קרילאָוו (1769—1844) דער גרעסטער רוסישער משלים־דיכטער פון 18—19־טן יאָרהונדערט. זיינע משלים זענען טיילווייז איבערגעזעצט געוואָרן אויף יידיש דורך מרדכי ריווקעסמאַן און דערשינען אין בוך־פאָרעם א. נ. „דעם זיידנס משלים". רב מרדכילע האָט אַ געוויסע צאָל זיינע משלים פאַריידישט, זיך דערווייטערנדיק פונעם אָריגינאַל ביז צום נישט דערקענען. אַ צאָל משלים האָבן אויך איבערגעזעצט נחום ייד און יהושע סטאָליצקי, פון וועלכן ס'איז דערשינען אַ בוך א. נ. „אויסגע־וויילטע משלים פון אי. א. קרילאָוו".
דער לייענער קאָן זיך באַקענען מיט קרילאָווס משלים אויך דורך מיין בוך „פון קרילאָווס משלים".

פ. וויאזעמסקי (1792—1878) — רוסישער פּאָעט. אַ שטיקל צייט נאָענט געווען צום קרייז, וואָס האָט זיך גרופּירט אַרום א. פּושקין. זיינע משלים צי עפּיגראַמען צייכענען זיך אויס מיט שאַרפזין און גיפטיקייט.

זע אין מיין בוך „מיטן פּנים צו דער זון" (ז. 57) דעם משל „דער מינטער און די פּערדער".

דעמיאַן ביעדני (1883—1945) — אויסגעצייכנטער רוסיש־סאָוויעטישער פּאָעט און משל־דיכטער. אין יאָר 1913 איז דערשינען די ערשטע זאַמלונג פון זיינע ווערק, אויף וועלכע ס'איז אויפמערקזאַם געוואָרן וו. לענין און האָט גערעדט מ. גאָרקין צו באַקענען זיך מיט זיינע משלים. ער האָט געשאַפן אַ נייעם טיפּ פּאָליטישן משל.

עטלעכע זיינע משלים קאָן דער לייענער געפינען אין מיין בוך „מיטן פּנים צו דער זון".

סערגיי מיכאַלקאָוו (1913) — רוסישער סאָוויעטישער פּאָעט און דראַמאַטורג. אַ פּאָפּולערער משלים־דיכטער. איז באַלוינט געוואָרן מיט אַ לענין־אָרדן.

אַ גרעסערע צאָל זיינע משלים זענען פאַראַן אין מיין בוך „מיטן פּנים צו דער זון".

קאָנדראַט קראַפּיווא (1896) — ווייסרוסישער סאָוויעטישער דראַמאַטורג. איז פּאָפּולער געוואָרן דורך זיינע משלים און פעליעטאָנען. איז באַלוינט געוואָרן מיט אַ לענין־אָרדען.

גאַמזאַט צאַדאַסאַ (1877—1951) — דאַגעסטאַנער פאָלקס־פּאָעט, פּאָעט סאַטיריקער. אַ וויכטיק אָרט פאַרנעמט אין זיין שאַפונג אויך דער משל־זשאַנער. איז באַלוינט געוואָרן מיט אַ לענין־אָרדען.

פּאַוולאַ קליוטשינאַ — אוקראַינישער סאָוויעטישער דיכטער.

סאַיפי קודאַש (1894) — באַשקיריש־סאָוויעטישער דיכטער און פּראָזאַיקער. אויטאָר פון ביכער פון די פאַרשיידנסטע זשאַנרען. די איבער־געזעצטע משלים זענען פון זיין יובילײ־אויסגאַבע.

אבולקאסים לאַהוטי (1887) — טאַדזשיקישער סאָוויעטישער פּאָעט. איז באַלוינט געוואָרן מיט אַ לענין־אָרדען.

ס. מאַרשאַק (1887) — רוסישער סאָוויעטישער פּאָעט. באַרימטער שרייבער פאַר קינדער. גלענצנדער איבערזעצער פון דער וועלט־ליטעראַטור. באַלוינט מיט אַ לענין־אָרדען.

פעליקס קאַממאַ — עסטאָנישער סאָוויעטישער דיכטער.

א. דאַרבני — אַרמענישער סאָוויעטישער דיכטער.

אַטאַ סאַליך — טורקמענישער פּאָלקס־פּאָעט.

ב. קאַפּאַליגין — רוסישער סאָוויעטישער דיכטער

מ. קוטשעראָווא — רוסישער סאָוויעטישער דיכטער.

נ. אַנציפערעוו — רוסישער סאָוויעטישער דיכטער.

פּיאָטר שליפּטשוק — אוקראַינישער סאָוויעטישער דיכטער.

ב. באַכנאָוו און י. קאָסטיוקאָווסקי — רוסישע סאָוויעטישע דיכטער.

ניקאָלאַי פּאַלאָטאַי — רוסישער סאָוויעטישער דיכטער.

דאַניל אַטנילאָוו — דאַגעסטאַנער סאָוויעטישער דיכטער.

ע. טשעפּאָווצקי — רוסישער סאָוויעטישער דיכטער.

אי. זאָלאָטאַרעווסקי — רוסישער סאָוויעטישער דיכטער.

ג. ברעזשניעוו — אוקראַינישער סאָוויעטישער דיכטער.

מקרטיטש קאַריון — אַרמענישער סאָוויעטישער דיכטער.

משלים פון פאַרשיידענע פעלקער

וואַרדאַן אייגעקעץ — אַרמענישער משלים־דיכטער פון XIII יאָרהונדערט. מיט זיין נאָמען זענען פאַרבונדן פילצאָליקע האַנטשריפטלעכע משלים־זאַמלונגען, וואָס אַ טייל פון זיי זענען אַריין אין דעם „פוקסן־בוך", וואָס איז אין XIII יאָרהונדערט איבערגעזעצט געוואָרן אויף דער אַראַבישער שפּראַך. די ביאָגראַפישע ידיעות וועגן אים זענען זייער מאָגער. ער איז געווען אַן אויסגעצייכנטער פּריידיקער. זיינע משלים און פּריידיקן, וואָס זענען צו אונדז דערגאַנגען, שילדערן אים ווי אַ מענטשן פון די סאַמע

נידריקסטע פאָלקס־שיכטן, וועלכער ברענגט צום אויסדרוק די רעבעלאָזיקייט און די ביטערע מערכה פונעם פאָלק, וואָס טראָגט אויף זיך דעם גאַנצן יאָך פון דער פעאָדאַלער אָרדנונג.

זשאַן דע לאַפאָנטען (1621—1695) — אויסגעצייכנטער פראַנצויזישער משלים־דיכטער. לאַפאָנטען, וועלכער האָט אַ סך גע׳ירשנט פון די אַנטיקע משלים־שרייבער (עזאָפ, פעדר), האָט גובר געווען דעם איינזייטיקן דידאַקטישן כאַראַקטער פון דעם טראַדיציאָנעלן משל און אים פאַרוואַנדלט אין אַ שאַרפזיניק רעאַליסטיש מעשהלע, וואָס איז אָנגעזעטיקט מיט אַ סך לעבנס־מאַטעריאַל. ער האָט סאַטיריש געשילדערט די אַריסטאָקראַטישן און בורזשואַזע שיכטן פון דער פראַנצויזישער געזעלשאַפט, דעמאַסקירט די גראָבהויטיקייט פון די באַזיצנדיקע קלאַסן. געזונטע מאָראַלישע מעלות האָט לאַפאָנטען איינגעפונען בלויז ביי די פאָלקס־מענטשן.

דער מין משל, וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורך לאַפאָנטענען, האָט באַקומען אַ ווייטערע אַנטוויקלונג אין אַלע לענדער פון אייראָפּע אין אַכצנטן יאָרהונדערט. אַ היפּשע צאָל פון זיינע משלים זענען איבערגעאַרבעט געוואָרן דורך דעם גרעסטן רוסישן משלים־דיכטער איוואַן קרילאָוו.

פלאָריאַן (זשאַן־פּיער קלאַרים) — פּאָפּולערער פראַנצויזישער שריפטשטעלער אין אויפקלערער פון אַכצנטן יאָרהונדערט. פלאָריאַן, וואָס זיינע משלים זענען בשעתו באַרימט געווען אויך אויסער די גרענעצן פון פראַנקרייך, האָט נאָכגעפאָלגט אין זיינע משלים די טראַדיציע פון דעם גרויסן פראַנצויזישן משלים־דיכטער לאַפאָנטען.

קריסטיאָנאַס דאָנעלאַיטיס (1714—1780) — אויסגעצייכנטער ליטווישער פאָעט, דער אָנהייבער פון דער ליטווישער קינסטלערישער ליטעראַטור אין איר רעאַליסטישער ריכטונג. ס׳זענען גאָר אים איבערגעבליבן אויך אַ קליינע צאָל משלים, וועלכע זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן ערשט אין יאָר 1824. די משלים זענען צו עטלעכע מאָל דערשינען אויף דער ליטווישער, דייטשישער, לאַטישער, פּוילישער און אַנדערע שפּראַכן. ק. דאָנעלאַיטיסעס ווערק זענען איבערגעזעצט געוואָרן אויף דער רוסישער שפּראַך.

סיו־ע פין — באַקאַנטער כינעזישער שרייבער, קריטיקער און ליטעראַטור־קענער. די איבערגעזעצטע משלים זענען גענומען פון דער זאַמלונג, וואָס איז דערשינען אין יאָר 1952. די הײַזיקע משלים זענען געשריבן געוואָרן (אין פּראָזע) אין די יאָרן פון דעם רעאַקציאָנערן גאָמינדאַנישן רעזשים.

כריסטאָ ראַדעווסקי (1903) — באַדייטנדיקער בולגאַרישער פּאָעט פאַר זיינע לירישע געדיכטן האָט ער אין יאָר 1950 באַקומען די דימיטראָוו־פּרעמיע, און פאַר זיין בוך „משלים" — אַ צווייט מאָל די דימיטראָוו־פּרעמיע.

האַנס ברוק — דייטשישער דיכטער. דער משל איז איבערגעזעצט פון פּראָזע.

א השמטה

פון יאַן לעמאַנסקי

א סוחר און א וואָלף

געהערט, אַז וואַלדלופט מאַכט דעם מענטשן שטאַרקער און געזונטער,
שפּאַצירט זיך פון אַמוואָצק אַ סוחר צו אַ דערפל מונטער.
ער גייט און אַרבעט מיט די לונגען... פיין די סאָסנעס שמעקן,
און רייך באַשענקט אים די נאַטור אומזיסט פון אַלע עקן
מיט דופט פון יאַדלעס, ווזשאַסן, שוואָמען... — שווייגט ער אַ פּאָר־קלערטער.
ווי פּלוצעם, זע — אַ וואָלף! זיין שטימע: „שטיי נאָר, שטיי!” דערהערט ער.

דער וואָלף זעט אויס ווי אַ רעצח: באָרוועס, פעל־און־קנאָכן,
מיט אומגעוואַשן־אומגעקעמטע רויטע קודלעס — מאָכן...
— איך זע, — די חיה זאָגט, — אַז וואַלד־פּאָעזיע האָט איר גערן?
— יאָ־יאָ... כ'האָב ליב, כ'גיי אויס נאָך איר... איר וועט מיך נישט פאַרצערן?
— נאָר אָן אילוזיעס וועגן דעם. כ'וועל אויפפרעסן און בענטשן.
— פאַרוואָס? — סע דינען פאַר אַ ביישפּיל און אַ מוסטער מיר די מענטשן...
— וואָס הייסטו? איך פרעס, צי טשעפּע וועלף? וואָס ווילסטו פון מיר האָבן?
— צי טוען זיך די מענטשן קעגנזייטיק נישט באַגראָבן?
פאַרנעמט זיך נישט די מענטשהייט דען מיט פרעסן זיך בעיקר?
צי רייסט דען נישט דער סוחר פון קליענט זיינעם קיין שטיקער?
מיט וואָס ביסטו פון מיר עס בעסער, ספּעקולאַנט דו איינער?
דו וועסט פון מיינע נעגל נישט אַרויס מיט גאַנצע ביינער.

פון װאָרצלען איז באַטעמטער, כאָטש ס'איז צופיל פעט, דײַן לײַבל.
— רחמנות, װאָלף! דערבאַרעם זיך, לאָז גײן צוריק צום װײַבל,
װאָס װאַרט דאָרט מיטן נאַכטמאָל, בענקט און קוקט זיך אױס די אױגן.
כ'האָב קינדערלעך... — און איך האָב נישט קײן קינדער אױפֿגעצױגן?
איר — קינדערלעך, מיר — װעלפֿלעך, װילעם — איר, מיר — הײלן,
גריבער,

נישטאָ קײן אונטערשײד, קײן שום, צװישן אונדז, מײַן ליבער:
ס'ע ליעבט דאָס סוחרטום, צו שינדן, אױפֿפֿרעסן די קונדן,
די װעלף — די סוחרים אױפֿצופֿרעסן. גיב דעם קאָרק דעם רונדן. — —
און איצט, דערשטיקט דעם סוחר, נעמט דער װאָלף זיך צו דער סעודה...— —
דער משל לערנט אײַך: האָט ליב דעם נאָענטן, װי א ברודער.

װאַרשע. אױגוסט, 1956

אינהאַלט

* * * . . . זייט 5

פון דער העברעישער משלים-דיכטונג

פאר די זינד פון די טאַטעס — פון דעם תנא רבי מאיר . . 9
ווי אין פסוק שטייט... — " " " " " . 11
דער קאָפּ און דער עק פון דער שלאַנג — פון רבי יהושע בן לוי . . . 13
דאָס הינטל מיטן גלעקל — פון רבי ברכיה הנקדן . . . 15
א מענטשנס דאַנק — " " " " . . . 16
דער בוים און דער טשערעט — " " " " . . . 17
דער פויגל און דער קרוג — " " " " . . . 19
די מויז, די זשאַבע און דער רויבפויגל — " " " " . . . 21
פריינדשאַפט צווישן א לייב און א פוקס — פון רב יוסף אבן זאַבאַראַ . . 24
די רויז, דער שמעטערלינג און די זון — פון י. ל. גאָרדאָן 26
די פרעכטע אייזן און דער טרומייט — " " " 27
דער פליענדיקער אייזל — פון דוד שמעוני 28
דער קולטור-טרעגער — " " " 30
פאר א שותף אין זיין פרייד... — " " " 32
וואָלקנס — " " " 34
אַגיטאַציע — " " " 36

משלים פון דער רענעסאַנס-צייט

אומרו — פון לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי . . 39
דאָס פאפיר און דער טינט — " " " " . . 39
וואַסער — " " " " . . 39
דאָס פלעמל און דאָס ליכט — " " " " . . 40
ווער ס'האַלט זיך עניוותדיק — " " " " . . 41
א קיילכן שניי — " " " " . . 42
א באַשיידן שנייעלע — " " " " . . 42
א שטיין — " " " " . . 43
דער קרעמענשטיין און דער שטאָל — " " " " . . 44

א בריטווע „ „ „ „ . . 45
דאָס גאָלמעסער „ „ „ „ . . 46
א ליליע „ „ „ „ . . 47
א ניסנבוים „ „ „ „ . . 47
א ניסנבוים „ „ „ „ . . 47
א פייגנבוים „ „ „ „ . . 47
דאָס ביימל און דאָס הרענגל „ „ „ „ . . 48
דער צעדערבוים און אַנדערע ביימער „ „ „ „ . . 48
ווילדע ווייַנטרויבן „ „ „ „ . . 48
שלעכטע געזעלשאַפט „ „ „ „ . . 48
דער ווערבעבוים „ „ „ „ . . 49
א צעדער „ „ „ „ . . 49
א פערשקעבוים „ „ „ „ . . 49
די אולמע און דער פייגנבוים „ „ „ „ . . 50
דער לאָרבערבוים, דער מירטנבוים „ „ „ „ . . 51
א נעץ „ „ „ „ . . 51
פאַלשער גלאַנץ „ „ „ „ . . 52
וועגן א נאַריש פלאַטערל „ „ „ „ . . 53
א קאַשטנבוים און א פייגנבוים „ „ „ „ . . 55
א ליגוסטער און א שווארצער דראָסל „ „ „ „ . . 56
א נוס און אַ גלאָקנטורעם „ „ „ „ . . 58
א ווערבע און א דיניע „ „ „ „ . . 59
א שפין „ „ „ „ . . 61
אַ ראַק „ „ „ „ . . 61
דאָס אייזל און דאָס אייז „ „ „ „ . . 61
אַ מערעשקעלע און א פראָסטע זערנעלע „ „ „ „ . . 61
אַן אויסטער, א שטשור און א קאַץ „ „ „ „ . . 62
א פאלק און א קאַטשקע „ „ „ „ . . 62
אַן אויסטער און א ראַק „ „ „ „ . . 62
א מאַלפע און א פייגעלע „ „ „ „ . . 63
דער הונט און די פלוי „ „ „ „ . . 63
אַן איינפאל „ „ „ „ . . 64
דער שפין און די טרויבן „ „ „ „ . . 64
א מייזל א ווייזעלע און א קאַץ „ „ „ „ . . 64
א פויער און א ווייַנשטאָק „ „ „ „ . . 65
דער פויער און דער ווייַנגאָרטן „ „ „ „ . . 65
א שפין און א הענגל ווייַנטרויבן „ „ „ „ . . 65
אַן איינפאַל „ „ „ „ . . 66
א לעגענדע וועגן וויין און מחמדן „ „ „ „ . . 66
דער מלכהס שפיגל „ „ „ „ . . 67
א פויער און א קעסל „ „ „ „ . . 67

פון דער פוילישער משלים־דיכטונג

שלום בויט, קריג ברענגט טויט	פון ביערנאַט פון לובלין . .	71
דאָס שוואַכטעכגעזאַנג	" " " " .	73
דער ווײַן און דאָס וואַסער	פון איגנאַצי קראַשיצקי . .	75
וועלפּעלער	" " " . .	76
פרײַנד	" " " . .	77
דער סאָלאָוויי און דער גימפּל	פון אַדאַם נאַרושעוויטש . .	79
דער הירש, וואָס באַטראַכט זיך אַליין	פון סטאַניסלאַוו טרעמבעצקי :	80
די שפּערלעד און דער קאַשטשאָל	פון טאָמאַש קאַיעטאַן ווענגיערסקי	81
גאָלד און אײַזן	פון יוליאַן אורסין ניעמצעוויטש	82
דער אייזל און דער קאַלב	פון פראַנטשישעק מאָראַווסקי .	83
די ווײַסל	" " " .	84
דער רב און די פלוי	פון אַדאַם מיצקעוויטש . .	86
די טשערעפּאַכע און דער שמעטערלינג	פון יאַן לעמאַנסקי . . .	87
הויך און נידעריק	" " " . . .	88

פון דער הײַנטצײַטיקער פוילישער משלים־דיכטונג

אַ פאַרטיידיקונגס־פּאַקט	פון בענעדיקט הערץ . . .	91
קאָנטררעוואָלוציע	" " " . . .	93
איך וועט אים נישט צופרידנשטעלן	" " " . . .	95
אַ לויז אַ באַרימערין	פון גאַבריעל קאַרסקי . . .	97
אַ שוועבעלע	פוז יאַן בזשעכוואַ . . .	99
דער שפּין און די פליגן	" " . . .	100
אַ וואַלד־קוועלכל	פון וולאָדזשימיעזש סלאָבאָדניק .	102
פרײַער ווילן	פון וויקטאָר גאָמוליצקי . .	103
אַ משל וועגן אַן אייזל	פון לעאָפּאָלד לעווין . . .	104
אַ משל וועגן אַ סאָלאָוויי	" " " . . .	105
אַ סקאָרפּיאָן און אַ שנעק	" " " . . .	106
דער האָז און דער וואָלף	" " " . . .	107
ראַקעס	פון לודוויק יעזשי קערן . .	109
דער באַרג און די מויז	פון אַנטאָני מאַריאַנאָוויטש .	111
אַ פּאַציפיסטישער משל	פון יאַן שטאַודינגער . . .	113
דעם פויגלס טויז	פון קאַראָל קאָרד . . .	114
אַ מיטאָס	" " " . . .	115
אַ וועטגעלויף	פון וולאַדיסלאַוו קאָפּאַלינסקי .	116
אַ מאַלפּע	פון זשעמאָוויט קונינסקי . .	117
העלפישע צוגעלאָזנקייט	פון אַנטאָני בלאַזשעיעווסקי .	119
אַ פּאַסירונג מיט אַ טכויר	פון זיגמונט קאָטשאַראָווסקי .	120
אַ לייב און קאָנסעדוון	פון ברונאָ מיעצוגאָוו . . .	121
יאַשטשערקעס	פון ט. פּאָליאַנאָווסקי . . .	122
דער פּיקהאָלץ און קריטיק	" " " . . .	122

פון דער רוסישער און סאָוועטישער משלים-דיכטונג

סאָלאָוויען	פון אי. א. קרילאָוו	125
דאָס קאָטערל און דער שטאָר	„ „ „	127
א קרעמער	„ „ „	129
דער טיכטער און די פען	פון פּ. וויאַזעמסקי	130
אַ ידיד	פון א. סוכאַנאָוו	131
א שורעם	פון ב. אַליפּאַנאָוו	132
דער בלינדער און דער לאַמטערן	פון דעמיאַן ביעדני	133
פילוויאַן	„ „ „	134
א גערטנער און א קערטדל	פון סערגיי מיכאַלקאָוו	135
א זעלבשטענדיקער באַראַן	„ „ „	136
אין א הייסן טאָג	„ „ „	137
אַן אָקס און אַן אָקסנפליק	פון קאָנדראַט קראַפּיוואַ	138
א פויער און זיין באָבע	„ „ „	140
די מאַלפּע און דער טעסליער	פון גאַמזאַט צאַדאַסאַ	144
ווער סע פאָלגט דעם מאָגן	„ „ „	146
דער מולא און דער שווינדלער	„ „ „	148
די חלוקה	„ „ „	150
א פאַסטעך א טרוימער	„ „ „	152
דאָס פלאַטערל און די בין	פון אַלעקסיי מאַלין	154
דער בער און די אַנקעטע	„ „ „	155
א קאלעקאָטקע	„ „ „	157
בערישע גערעכטיקייט	„ „ „	158
האָפּן	פון פּאַוולאָ קלוטשינאַ	159
א זונרויז	„ „ „	160
די ברייטהאַרציקע ציג	פון סאַיפּי קודאַש	161
דער האָן	„ „ „	162
אויף איינער א זיצונג	„ „ „	163
דריי טראָפּנס	פון אַבולקאָסים לאַהוטי	165
דער אייזל און דער געשפּאַן	„ „ „	169
א מעשה וועגן דער מומעשי סעקינע	„ „ „	171
פּאַכלאַוואַן אָשטי	„ „ „	173
דער חכם און זיין תלמיד	„ „ „	177
א משל וועגן היכערבליטדקייט	פון ס. מאַרשאַק	179
א מאַסשטאַב פאַר דער וואָג	„ „ „	181
זאַלץ	פון באָרים זאַכאָדער	182
א חזיר	פון פעליקס קאָממאַ	184
פוקסישע פריינדשאַפט	פון א. דאַרבני	185
א פלאַטאָן און א פלאַנץ	פון אַטאַ סאַליד	187
א פליג	פון ב. קאָפּאַליגין	188
ביוראָקראַטן	פון מ. קוטשעראָוואַ	189

דער אַלצוויסנדיקער האָן — פון נ. אַנציפעראָוו . . . 191
א קריטישע פאסירונג — פון פיאָטר שליפּטשוק . . . 193
די טענה פון א מאַמוט — פון וו. ביעריעסטאָוו . . . 194
א פּרינציפּיעלע מיינונג — פון ב. באַכנאָוו, י. קאָסטיוקאָווסקי 195
א צעשטרייטע באַלעבאָסטע — פון אַרגאָ . . . 197
וועגן א שאָטן — פון מיכאַיל אַרטישטשעוו . . . 198
א פעסל — פון ניקאָלאַי פאָלאָטאַי . . . 199
דער מענטש און דער שטיין — פון דאַניל אַטנילאָוו . . . 200
א פּאסירונג אין אן אייער־טרעסט — פון ע. טשעפּאָווצקי . . . 202
א הויכגעלערנטער און קאָטער — פון אי. זאָלאָטאַרעווסקי . . . 204
א פּאסירונג אין דער עופות־קאַמער — פון ג. ברעזשניעוו . . . 206
א וואָראָבייאַווישער ענין — פון ס. שאַדור . . . 208
דער פּאַפּוגײ — פון וו. אַלעקסייעוו . . . 210
דער סאָלאָוויטשיק אין שטייגל — פון מקרטיטש קאַריון . . . 112

משלים פון פארשידענע פעלקער

דער בער און דער פוקס — פון וואַרדאַן אייגעקעץ . . . 215
קראָקאָדיל־טרערן — פון מאַלאַאישן פאָלקלאָר . . . 216
דער פייגל־קעניג, די וועספּע און די שלאַנג — פון אַ מאָנגאָליש מעשהלע . 219
א לייב באזיגט פון א מענטשן — פון זשאַן לאַפאָנטען . . . 221
דער שוואַן און דער קוכער — " " " . . . 222
א האָן א מוילהעלד — פון פלאָריאַן . . . 223
דער אמת און דער שפּאַס — " " . . . 225
דער וואָלף דער ריכטער — פון קריסטיאָנאַס דאָנעלאַיטיס . 227
דער העמב דער זעלבסטבאַרימער — " " " . 229
די סעודה פונעם פוקס און דעם זשוראַוו — " " " . 231
ריזשיק אויפן יאַריד — " " " . 234
דער האָן און דער אינסעקט — פון סיען־ע פין . . . 236
א מאַלפּעלע פון שטיין — " " " . . . 237
דער שוואַלב און דער וואַנדראָווניק — " " " . . . 238
דער וואָלף און דער באָק — פון כריסטאָ ראַדעווסקי . . 240
דער לייב און דער כאַמעלעאָן — " " " . . 242
דער וואָלף און דער הירש — " " " . . 244
די לאַם, דאָס אייזעלע און די סאָווע — פון האַנס ברוק . . . 246

אייגענע משלים

דער אייזל דער בעל־זכרון . . . 249
די ווידוי אין וואַלד . . . 251
די דרייסטע וואָראָנע . . . 254
דער בער דער „דעמאָקראַט“ . . . 256
דער מלאך פאלשיעל און די זון . . . 258

דער אַלטער הונט . . . 259
די זון און די לבנה . . . 260
דער ווילדער באַרנבוים . . . 262
ר׳ב שוועל־פוקס דער רודף־שלום . . . 264
צוויי שוועסטער ציגן און א וואָלף . . . 267
א זשאַבע־צווילינג . . . 270
הערשל חייט און יאָסקע פאַלגע . . . 272
דער סאָלאָוויי און פעטיעד קריי . . . 274
א פוקס — א דעמאָקראַטישער פאָעט . . . 276
א פילקאָלירטער פליעק . . . 278
דער טויטער סאָלאָוויי און דער שטאָר . . . 279

משלים אין פראָזע

צוויי לעבנספילאָזאָפיעס . . . 283
א פרייליכער הויקער . . . 284
עקשנים . . . 285
אַפּלאָדיסמענטן . . . 287

עפיגראַמען

עפּיטאַפיע אויף א „דיכטער" . . . 291
א „גוטער קריטיקער" . . . 291
א קראַנץ . . . 291
א העלד . . . 292
צו א דיכטער . . . 292
רעדאַקטאָר איקסל . . . 292
א שטראָף . . . 292
דער דיכטער פאַרטיזאַן . . . 293
אַ קריטיקער נאָך יענעמס טויט . . . 293
געוויסן . . . 293
א גערעכטע טענה . . . 293
א דיכטער מיט א קראַנץ . . . 294
קריטיקער . . . 294
א בעל־יושר . . . 294
אן ארורה . . . 294
סאָקראַטעסעס שמייכל . . . 295
סאָקראַטעסעס דאַנק . . . 295
ס׳אַווערט . . . 295
דורך יענעם — זיך . . . 295
פּאָליטיק . . . 296
„אשרי"... . . . 296

אַמעריקע איבער אַלעס! 296
אויך א מענטש 296
צו וויסן... 297
פון א שמועס 297
ווי ביי עמעצן וואַקסט 297
עפּיטאַפיע אויף א פּאַרעטער 297

פֿאָלקסטימלעכע משלים

די תון, וואָס האָט געגומען קרייען 301
דער העלדישער שניידער 302
דער רוסישער צאַר און, להבדיל, דער גאון רב חיים 304
א ציג מיט א וואָלף 306
דער מלך שלמה און די הונט 309
דער וואָלף און דער האָן 311
א דאַנק פאר א טובה 312
דער אמת שולדיקער 314
ווער ס'האַלט די לייצעס, דער — דער באַלעבאָס 316
דער וואָלף, דאָס לעמעלע און דער פוקס 317
די שטייער־מאָנער אין סדום 319
גלייכע שידוכים 321
א ציג און רב טביה דער מילכיקער 324
דער פארשטעלטער הונט 326
רב לייב שרהס סוסים 328

צושריפטן און באמערקונגען 331

א סוחר און א וואָלף פון יאַן לעמאַנסקי (א השמטה) 340

ווערק פון ל. אָליצקי

1. אין אַן אָקופּירטן שטעטל — דערציילונג.

פאַרלאַג „קולטור־ליגע“, וואַרשע, 1924

2. אין שיין פון פלאַמען — נאָוועלן.

פאַרלאַג „ב. קלעצקין“, ווילנע־וואַרשע, 1927

3. משלים פאַר קליין און גרויס.

פאַרלאַג „קולטור־ליגע“, וואַרשע, 1929

4. געראַנגל — ראָמאַן אין צוויי בענדער.

פאַרלאַג „קולטור־ליגע“, וואַרשע, 1932

5. דער זון אַנטקעגן — דערציילונגען (אילוסטרירט).

פאַרלאַג „ציש“אָ“, וואַרשע, 1933

6. הונטמאַן — ראָמאַן (2 אויפלאַגעס).

פאַרלאַג „קולטור־ליגע“, וואַרשע, 1937

7. דער מענטש וועט גוט זיין — משלים.

פאַרלאַג „דאָס נייע לעבן“, לאָדזש, 1947

8. דורך טויט צום לעבן — דערציילונג.

פאַרלאַג „איקוף“, בוענאָס־איירעס, 1949

9. משלים־בוך.

פאַרלאַג „יידיש בוך“, לאָדזש, 1949

10. מיטן פּנים צו דער זון — משלים און לידער.

פאַרלאַג „יידיש בוך“, וואַרשע, 1950

11. מענטשן אין קלעם — דערציילונג.

פאַרלאַג „יידיש בוך“, וואַרשע, 1951

12. אָפּקלייב — ראָמאַן.

פאַרלאַג „יידיש בוך“, וואַרשע, 1953

13. דאָדיע קאָוואַל — ראָמאַן.

פאַרלאַג „יידיש בוך“, וואַרשע, 1955

14. זאָגט די וועלט אַ משל — משלים.

פאַרלאַג „יידיש בוך“, וואַרשע, 1956

איבערזעצונגען

15. ציגיינער — דראַמאַטישע פּאָעמע פון א. פּושקין.
פאַרלאַג „בידערשלעזיע“, וראָצלאַוו, 1949

16. ווייט פון מאָסקווע — ראָמאַן פון וו. אזשאַיעוו.
פאַרלאַג „יידיש בוך“, ווארשע, 52—1951

17. פון קרילאָווס משלים.
פאַרלאַג „יידיש בוך“, וואַרשע, 1950

18. פאַן יאָוויאַלסקי (די משלים און שפּריכווערטער) — קאָמעדיע פון א. פרעדראָ
פאַרלאַג „יידיש בוך“, ווארשע, 1953

19. דער וועג פון חבר בידע — ראָמאַן פון איגאָר נעווערלי.
פאַרלאַג „יידיש בוך“, ווארשע, 1954

20. טוווים פאַר קינדער.
פאַרלאַג „יידיש בוך“, ווארשע, 1954

21. מיצקעוויטש, פּאָעזיע.
פאַרלאַג „יידיש בוך“, ווארשע, 1955

זאמלונגען

22. דימענטן פאַר אַלע — משלים.
„מלוכה־פאַרלאַג פאַר שול־אויסגאַבן“, ווארשע, 1951

23. טריט ביי טריט — כרעסטאָמאַטיע פאַרן ערשטן שול־יאָר.
„מלוכה־פאַרלאַג פאַר שול־אויסגאַבן“, ווארשע, 1951

24. אייביקע קוואַלן — פאָלקס־שאַפונג.
„מלוכה־פאַרלאַג פאַר שול־אויסגאַבן“, ווארשע, 1953